# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ד'

## אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל שְׁנַת תש"פ לפ"ק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

קרן הדפסה
היכל הקודש

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש ברסלב בלומינג גראוו**
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

**נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש**
181 Huschke Rd. Liberty, NY 12747
**718-387-2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

# לְזֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאִי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קִטְרָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מוה"ר **יואל** בן ריצא רעכיל

**ראטה** שליט"א

ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב

וזוגתו

**אסתר גיטל**

**בת חי' שרה האדיא תחי'**

**וילדיהם**

**שלמה נרו יאיר ומשפ',**

**אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל

משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון

בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנָאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵוייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", ווייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַיירֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמוּד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגְן אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיווּ וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבַט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לְמוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרָאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם מֹשֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיבּ מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵק גֶעוֶועְן דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶועְן אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶועְן אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז ס'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמוּדִים פוּנֶעם צַדִיק. דִי אֱמֶת'ע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ו:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי לִמוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְש וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּעְרָאל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז ס'זָאל זַיין פַּאסִיג פַאר'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעְרָאל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָּבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְּרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


רסז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן, וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ יֶעצְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?....... טו

רסח מֶעג מֶען נוּצְן דִי אַרְבֶּעטְ'ס קָאמְפְּיוּטֶער פַאר דִי אֵייגֶענֶע צְוֶועקְן? ........... יז

רסט מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דִי פּוּרִים סְעוּדָה פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם?............... כא

ער אִיז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים נָאר פַאר עֲשִׁירִים אוּן נִישְׁט פַאר אָרֶעמֶעלַייט?.... כג

רעא אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מַיין חָתָן, אִיךְ ווִיל אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ.......... כז

רעב קֶענֶען פְרוֹיעֶן אוֹיךְ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?.................................. לה

רעג ווָאס טוּ אִיךְ אַז נָאךְ אַ בָּחוּר גְלִיטְשְׁט זִיךְ מִיר אַרוֹיס פוּן הַאנְט?.......... לח

רעד אִיךְ ווִיל אוֹיפְהֶערְן זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן מִיט בָּחוּרִים ............................ מ

ערה אִיךְ עֶס מָרוֹר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער ......................................... מב

רעו קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף לִימוּד הַתּוֹרָה, אוּן אִיךְ ווִיל ווִיסְן וֶועגְן תְּכֵלֶת.... מה

רעז מֶעג אַ פְרוֹי זִיךְ שְׁמִירְן דָאס פָּנִים אִינְדֶערְהֵיים? צִי דַארְף מֶען הָאבְּן עֶרֶב פֶּסַח מַצוֹת?......................................................... נ

רעח מֶעג מֶען אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי?.............................. נד

רעט בַּיי אֱמֶת'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאט מֶען דֶען גֶעהַאט מוֹתְרוֹת?............... נז

רפ מֶען ווִיל נִישְׁט אַרֵיינְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, פַארְוָואס אִיז בְּרֶסְלֶב אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט?................................................... עה

רפא ווָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צְנִיעוּת בַּיים שְׁלָאפְן?................................ פא

רפב אִיךְ ווִיל זִיךְ שׁוֹין גֶט'ן................................................... פד

רפג מִיר הָאבְּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן; אֶפְשָׁר גֶעבְּט אִיר אוֹיךְ שִׁיעוּרִים אִין עֶנְגְלִישׁ ............................................................... צג

רפד ווִי אַזוֹי טְרֵייסְט מֶען זִיךְ נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּנֶעם ווִיזְנִיצֶער רֶבִּי זַצַ"ל? אוּן ווִי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער וֶועגְן שְׁטַארְבְּן?................................ צו

רפה אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי פֶערְטֶע מָאל מִשְׁנָיוֹת, יְיַשֵּׁר כֹּחַ!............ קב

רפו אִיךְ קֶען נִישְׁט מַיין טַאטֶע, אִיךְ דַארְף חִיזוּק צוּ רֶעדְן צוּ אִים.............. קד

רפז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן, אוּן אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת ............ קיב

רפח בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן פֶּסַח, וְוי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ? ... קטז

רפט אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי נָאכְאַלְץ נִישְׁט פַּארְוָואס אִיר וואוּנְטְשְׁט אָן אַ מֶענְטְשׁ מִיט גַשְׁמִיּוּת ........ קכא

רצ אִיךְ וַוארְט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד ........ קלא

רצא פַּארְוָואס צִיט מִיר מֶער צוּ לֵיינֶען צַייטוּנְגֶען אִין מַיין אִיבְּרִיג צַייט, וְוי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה? ........ קלג

רצב פִירְן אַ פָּשוּט'עֶ בִּילִיגֶע לֶעבְּן, קֶען שַׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער? ........ קמא

רצג זָאל אִיךְ אַוֶועקְקָאפְּרְן אָן מַיין וַוייבּ? ........ קמד

רצד זָאל מֶען נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער? . קמו

רצה מֶעג מֶען גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ? ...... קנ

רצו וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער? ........ קנג

רצז זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה ........ קנה

רחצ וְוי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִין דִי סְפִירָה טֶעג? ........ קנח

רצט אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין 'שְׁוַואכֶער', פַּארְוָואס זָאל אִיךְ 'זָאגְן' תּוֹרָה? ........ קס

ש עֶס קוּמְט זוּמֶער, וְוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם? ..... קסז

שא פַּארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מֶער עֶנְגְלִישׁ און לִימוּדֵי חוֹל מִיט דִי קִינְדֶער? קע

שב אִיךְ וְויל נָאר אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָתָן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? ........ קעו

שג אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נֶעמֶען אַ גוֹיטֶע צוּ הֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים? ........ קפד

דש פַּארְוָואס כַאפְּן זִיךְ אָן אוֹיף בְּרֶסְלֶב אַזוֹיפִיל מְשׁוּגָעִים? ........ קפז

שה מַיין מַאן אִיז מַמָשׁ פַארְקוֹיפְט פַאר זַיין פַּרְנָסָה, וָואס טוּ אִיךְ? ........ קצא

שו אִיז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, נָאר פַאר וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט? קצז

שז זָאל מֶען פָארְן קַיין מִירוֹן וֶוען מֶען הָאט חוֹבוֹת? ........ רא

שח אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, וְוי אַזוֹי פְרִישׁ אִיךְ זִיךְ אוֹיף? ........ רג

שט וָואס אִיז דֶער סֵדֶר וְוי אַזוֹי אִיר פִירְט אַייעֶר יְשִׁיבָה? ........ רט

שי אִיךְ בִּין מְקַנֵא דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים, קֶען אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין? ........ רטו

שיא מַיין חַבֶר'ס טַאטֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ, וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַזֵק זַיין מַיין חַבֶר? ריט

שיב וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער? ........ רכה

שיג וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס? ........ רכט

שיד אִיךְ פָאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?............רלב
שטו אִיז דָא צְוֵויי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן מִיט רֶעגְן?........................רלה
שטז וִוי אַזוֹי גְרֵייט אִיךְ זִיךְ צוּ מַיין נְסִיעָה אוֹיף אוּמַאן?........................ רמב
שיז וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַוֶועקְוַוארְפְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן?............ רמד
שיח מַיין טַאטֶע לַיידְט אוֹיף צוּקֶער, מֶעג אִיךְ אִים גֶעבְּן צוּקֶער וֶוען עֶר בֶּעט? רמח
שיט אַלְס אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?.......רנא
שכ וֶועט רֶבִּי יְשַׁעְיָ'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיר הֶעלְפְן קֶעגְן דִי פָּאלִיצַיי? ........................................................ רנה
שכא אִיךְ בִּין זַייעֶר אוֹיסְגֶעלַאשְׁן, וִוי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס דֶערְפוּן?............רנט
שכב וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען?................ רסב
שכג וָואס טוּ אִיךְ אַז מֶען לַאכְט פוּן מִיר וֶוען אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת?.............. רסה
שכד אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת, מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד?.................... רסח
שכה אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אָבֶּער אִיךְ פַאל אַסַאךְ צוּרִיק, אִיז דָאס עֶפֶּעס וֶוערְד?...................................................... רעג
שכו וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מְלַמֵּד וָואס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל מִיט דִי קִינְדֶער?.....רעח
שכז וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט מַיין נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס?.................. רפא
שכח וֶועט אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן?.............רפג
שכט קֶען מֶען טַאקֶע אַלֶעס טְרֶעפְן אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"? ............ רפו
של דַארְף מֶען זַיין מְקוּשָּׁר צוּ אַ סְבִיבָה, אָדֶער קֶען מֶען אַלֵיין אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין? ... רפט
שלא דֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם; זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען דֶער מַאן אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן........................................................ רצו
שלב אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען "לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת", וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט?........................................................ שג
שלג אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וָואס טוּ אִיךְ?........................................................ שה
שלד אוֹיף לֶערְנֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה, אִיז דָא אַן עֵצָה אוֹיךְ פַאר דַאוֶוענֶען?..... שט
שלה אִיךְ ווִיל מַיין מַאן זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, וִוי אַזוֹי בַּאוַוייז אִיךְ דָאס? ..............שיב
שלו וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ אִינְפָארְמַאצְיֶע וֶוען מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף אַ בָּחוּר? . שטז

שלז קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ און חֲסִידִישׁ, און נָאכְאַלְץ הַנָּאָה הָאבְּן אִין לֶעבְּן?...... שכ
שלח אִיךְ זִיץ אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און אִיךְ גֵיי אוֹיס פַאר לֵיידִיגְגֵיין, וָואס טוּ אִיךְ?........................................................ שכג
שלט אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל אִיךְ קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן?.................... שכט
שמ וָואס טוּ אִיךְ אַז דָאס פָארְן אוֹיף אוּמַאן קֶען זַיין שְׁוֶוער פַאר מַיין ווייבּ?. שלא
שמא ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, וֶוען מַיין מַאן פָארְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?.............................................. שלה
שמב אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִסְיוֹנוֹת, מֶעג דֶען זַיין אַ מְלַמֵּד?.................. שלט
שמג ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְתַקֵּן זַיין דִי עֲבֵירָה פוּן חִלּוּל שַׁבָּת?................ שמב
שדמ אִיז טַאקֶע דֶער "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד", פָּשׁוּט צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין?. שמה
שמה וויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר פוּן "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ"?.................. שנב
שמו וָואס אִיז דֶער סֵדֶר פוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?............................ שנה
שמז אִיךְ בֶּעט אַזוֹי סַאךְ וֶועגְן מַיינֶע אַלֶערְדְזְשִׁיס, וואוּ גֵייעֶן אַלֶע תְּפִלּוֹת?..... שנט
שמח אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט מַיין מַאן, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ?................................................................ שסג
שמט מֶעג מֶען טוֹישְׁן דֶעם לְבוּשׁ אִינְדֶערְהֵיים?............................ שסז
שנ וָואס טוּט אִיךְ אַז בַּיי מַיין חֲסִידוּת אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן? .. שע
שנא מֶען רוֹדְפְט מַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? ... שעד
שנב אַז אִיךְ בַּאקוּם גֶעלְט פוּן כּוֹלֵל, הֵייסְט דָאס אַז אִיךְ לִיג אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן?.... שעח
שנג אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אַזוֹיפִיל און אִיךְ זֶע נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, פַארְוָואס? ....... שפ
שנד נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַארְוָואס זֶענֶען נִישְׁט דָא מֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים? און אוֹיף וֶועלְכֶע זַאכְן דַארף מֶען נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן? ..... שפב
שנה וָואס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר רִיכְטִיגֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אִינְגֶעלַייט דַארְפְן זִיךְ פִירְן אִינְדֶערְהֵיים?.................................................. שפט

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חלק ד

# רסז

**אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן, וִוי אַזוֹי רֶעד אִיךְ יֶעצְט וַוייטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע דְרָשׁוֹת, נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָל טוֹב; בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵויינְט אוּן פַארְפִּירְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. יֶעצְט אָבֶער, וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן גֶעוָוארְן, וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט הַאלְטְן אִין אֵיין דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע גְרוֹיסֶע חֲסָדִים, בִּיז דֶערְוַוייל הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָבֶער נִישְׁט דֶעם שְׁטַארְקְן גֶעפִיל צוּ דַאנְקֶען דִי גַאנְצֶע צַייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אַזוֹי סַאךְ פַאר דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ אוּן דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אוּן וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג.

**יֶעצְט** אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין דַיין שִׁידוּךְ בִּיסְטוּ שׁוֹין רוּאִיג, וַוייל וֶוען מֶען טְרֶעפְט אַ שִׁידוּךְ וֶוערְט מֶען רוּאִיג; דָאס אִיז דֶער לָשׁוֹן פוּן 'שִׁידוּךְ', אַזוֹי ווִי דֶער תַּרְגוּם זָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ג, ל): וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ - "וּשְׁדוֹכַת אַרְעָא".

**מִמֵילָא** אִיז יֶעצְט דִי צַייט דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָר"ן, סִימָן עו). זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְכוּ'; אַז דוּ וֶועסְט יֶעצְט אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען וֶועסְטוּ אוֹיךְ לֶערְנֶען שְׁפֶּעטֶער נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אוּן אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער אוֹיךְ לֶערְנֶען אוּן דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת.

**בִּיז** יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן נָאר פַאר אַ שִׁידוּךְ, יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט אַ חָתָן גֶעוָוארְן דַארְפְסְטוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר גֶעזוּנְט, פַּרְנָסָה, קִינְדֶער אוּן נַחַת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין מט:): "עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם; תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ", צֶען מָאס רֶעדְן אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, נַיין הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פְּשַׁט, אַז בִּיז מֶען טְרֶעפְט אַ שִׁידוּךְ הָאט מֶען נָאר אֵיין זַאךְ אוֹיף וָואס צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, דָאס הֵייסְט אֵיין קַב תְּפִלָּה, וַוייל דֶער עִיקָר בֶּעט מֶען פַאר אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען טְרֶעפְט שׁוֹין דִי שִׁידוּךְ דֶעמָאלְט הָאט מֶען דִי אֵייגֶענֶע קַב אוּן עֶס קוּמְט צוּ דִי נַיין קַבִּין פוּן דִי פְרוֹי, צוּזַאמֶען הָאט מֶען אַלֶע צֶען קַבִּין. וַוייל

דֶעמָאלְט הֵייבְּט מֶען אָן צוּ בֶּעטְן פַאר זִיךְ, פַאר דִי וַוייבּ און קִינְדֶער, און אַזוֹי וַוייטֶער.

**בְּרֶסְלֶב'עֶר** חֲסִידִים פִּירְן זִיךְ יֶעדְן צוּפְרִי גְלַייךְ וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף - צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר שִׁידוּךְ, מֶען זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ לוֹיבּ דִיר און אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט". אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶעס יָאר וֶוען עֶס גֶעפַאלְט דֶעם טָאג וָואס מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, פִּירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן הַלֵּל (אָן אַ בְּרָכָה); מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֶסֶד וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן אַ שִׁידוּךְ; דָאס אִיז שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, צוּ דַאנְקֶען און לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב).

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים, אָמֵן.

# רסח

**מֶעג מֶען נוּצְן דִי אַרְבֶּעטְ'ס קָאמְפְּיוּטֶער פַאר דִי אֵייגֶענֶע צְוֶועקְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פוּן אַלֶע שִׁיעוּרִים, אַייעֶר זְכוּת הָרַבִּים אִיז גֶעוַואלְדִיג גְרוֹיס.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן אַן עֵצָה. רוֹב פוּן מַיין אַרְבֶּעט אִיז אוֹיף אַ קָאמְפְּיוּטֶער בַּיי אַ בִּיזְנֶעס; עֶס הָאט בָּרוּךְ ה' אַ גוּטֶע פִילְטֶער און עֶס

הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אִיךְ טוּ אַסַאךְ זַייטִיגֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער, סַיי פַאר מִיר אוּן סַיי טוֹבוֹת פַאר אַנְדֶערֶע, צוּ בַּאשְׁטֶעלְן זַאכְן וְכַדוֹמֶה.

לְמַעֲשֶׂה גֵייט מִיר אַוֶועק אַ הַאלְבֶּע צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט פַאר דִי זַייטִיגֶע זַאכְן אוּן דָאס גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מַיין בַּעַל הַבַּיִת וָואס צָאלְט מִיר פַאר דִי פוּלֶע צַייט וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט. אִיךְ וֵויים אַז דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיךְ דַארְף אָבֶער אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי זַייטִיגֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער אוּן נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעצוֹיגְן אִין זַייטִיגֶע זַאכְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ; בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, י"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז גַנְבְ'עֶנֶען אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קח.): "בֹּא וּרְאֵה כַּמָּה גָּדוֹל כּוֹחָהּ שֶׁל חָמָס, שֶׁהֲרֵי דוֹר הַמַּבּוּל עָבְרוּ עַל הַכֹּל וְלֹא נֶחְתַּם עֲלֵיהֶם גְּזַר דִּינָם עַד שֶׁפָּשְׁטוּ יְדֵיהֶם בְּגָזֵל", בַּיים דוֹר הַמַּבּוּל הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת, אָבֶער דִי גְזֵירָה פוּן פַארְלֶענְדְן דֶעם גַאנְצְן דוֹר דוּרְךְ דֶעם מַבּוּל - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶע'חַתְמְ'עֶט נָאר נָאכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבֵירָה פוּן גַנְבְ'עֶנֶען, אַזוֹי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן גַנְבְ'עֶנֶען.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, סִימָן א): "מִי שֶׁנַּפְשׁוֹ לִבּוֹ לִגְזֹל וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵלַת חֲבֵרוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן, וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה", װער עֶס גַנְבְ'עט אִיז נִישְׁט דָא קַיין װֶעג װי אַזוֹי מֶען קֶען אִים מַאכְן אוֹיפְהֶערְן גַנְבְ'עֶנֶען; מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר, פַּארְוָואס טַאקֶע אִיז גַנְבְ'עֶנֶען אַזוֹי הַארְב אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם גוּטְן װֶעג? װַייל מֶען זֶעט אִין דִי גְמָרָא (בָּבָא קַמָּא עט:): דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מִפְּנֵי מָה הֶחֱמִירָה תּוֹרָה בְּגַנָּב יוֹתֵר מִגַּזְלָן", פַּארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה מֶער מַחְמִיר גֶעוֶוען װען אֵיינֶער הָאט גֶע'גַנְבְ'עֶט אַז עֶר דַארְף בַּאצָאלְן טָאפְּלְט װי בַּיי אֵיינֶער וָואס גַזְל'עֶט? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֶה הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ, וְזֶה לֹא הִשְׁוָה כְּבוֹד עֶבֶד לִכְבוֹד קוֹנוֹ", דֶער וָואס גַנְבְ'עֶט בַּאהַאלְט זִיךְ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זֶען, װַייזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז אַ כּוֹפֵר בָּעִיקָר, װַייל װֶען עֶר וָואלְט װֶען גֶעגְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעְרָאל, עֶר זֶעט אַלֶעס אוּן הֶערְט אַלֶעס, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וָואלְט עֶר זִיכֶער נִישְׁט גֶע'גַנְבְ'עֶט - פוּן גְרוֹיס פַּחַד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ** גֶעדֶענְק אַז יָארְן צוּרִיק װֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד בִּין אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס פוּן כִּתָּה שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים בִּזְמַן הַלִּימוּד, בִּשְׁעַת וָואס מְלַמְּדִים

פְלֶעגְן שְטֵיין אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְמוּעֶסְן אוֹיפְ'ן חֶשְבּוֹן פוּן דִי קִינְדֶער; דֶער רַמְבַּ"ם שְרַייבְּט (פֶּרֶק ב' מֵהִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה, הֲלָכָה ד): "מְלַמֵּד תִּינוֹקוֹת שֶהוּא מַנִּיחַ אֶת הַתִּינוֹקוֹת וְיוֹצֵא, אוֹ שֶהוּא עוֹשֶה מְלָאכָה אַחֶרֶת עִמָּהֶן, אוֹ שֶהוּא מִתְרַשֵּל בְּתַלְמוּדָן - הֲרֵי הוּא בִּכְלַל 'אָרוּר עוֹשֶה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה' (יִרְמְיָה מח, י)"; אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן גֶעמַאכְט גֶעשֶעפְטְן בִּזְמַן הַלִּימוּד, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט הַייזֶער וְכוּ'; דָאס אִיז רִיכְטִיג גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, וַוייל אַלֶע גֶעשֶעפְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעהַאנְדְלְט אִין דִי צַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט זַיין אִין כִּתָּה - גֶעהֶערְט פַּאר דִי קִינְדֶער, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְט זֵייעֶרְס; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִיר, אַלֶעם וָואס דוּ קוֹיפְסְט אִין דִי צַייט וָואס דוּ אַרְבֶּעטְסְט פַּאר דַיין בַּעַל הַבַּיִת - גֶעהֶערְט פַּאר אִים אוּן אַלֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מַרְוִיחַ דֶערְפוּן אִיז גְנֵיבָה.

**זָאג** נִישְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְט וְכוּ', זָאג אַז דוּ ווִילְסְט נִישְט; אֵיינֶער הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "ווִי אִיז שַיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְש הָאט אַ בְּחִירָה? אוֹיבּ מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ שְלֶעכְטֶע מַעֲשִים ווִי אַזוֹי אִיז שַיָּיךְ צוּ זָאגְן פַּאר אַ מֶענְטְש 'דוּ הָאסְט אַ בְּחִירָה', עֶס אִיז דָאךְ אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ אָפְּצוּשֵיידְן פוּן אַ גֶעוואוֹינְהֵייט!" הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי): "אוֹיבּ מֶען ווִיל טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְט טוּט מֶען נִישְט"; שְרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָם): "אִיךְ הָאבּ מִיר פַאְרצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, זֵיי פְרֶעגְן דִי קַשְיָא: 'ווִי אִיז שַיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ

הָאב אַ בְּחִירָה, וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן מַיין גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן?׳ דֶערְפַאר מֵיינֶען זֵיי אַז עֶס אִיז טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה און קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים״.

זֶע צוּ טוּן דַיין אַרְבֶּעט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין וֶועט דִיר גוּט זַיין.

# רסט

**מְוּוּתֵּר זַיין אוֹיף דִי פּוּרִים סְעוּדָה פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק אַלֶעמָאל.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, און אִיךְ בִּין אַ לֶערֶערִין; אִיךְ הָאבּ צוּגֶעגְרֵייט אַ שֵׁיינֶע פּוּרִים מְסִבָּה פַאר מַיינֶע תַּלְמִידוֹת, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי מְסִבָּה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַהִינְגֵיין מִיטְהַאלְטְן וַוייל מַיין מַאמֶע הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן אִינְדֶערְהֵיים אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַוֶועקְגֵיין אוּן מַיינֶע גֶעשְׁווִיסְטֶער הָאבְּן זִיךְ אַלֶע אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ נָאר אִיךְ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ בְּלַייבְּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַזוֹיפִיל אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם. דָאס הָאט מִיר אָבֶּער

זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אָנְצוּגְרֵייטְן דִי מְסִבָּה, אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ זֶעלְבְּסְט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיטְהַאלְטְן.

ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אִין אַזַא צַייט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי, כ' אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וְוייל אִיז אַייךְ אַז אִיר זֶענְט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; ווִיפִיל מֶען זָאל נָאר טוּן פַאר עֶלְטֶערְן אִיז מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט יוֹצֵא דִי מִצְוָה.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא, וְאֵלּוּ הֵן: כִּבּוּד אָב וָאֵם"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט פַאר כִּיבּוּד אָב וָאֵם שְׂכַר נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.**

**אִיךְ בִּין מְקַנֵּא אַייעֶר זְכוּת אַז אִיר הָאט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ מְווַתֵּר זַיין אוֹיף דִי פּוּרִים מְסִבָּה כְּדֵי צוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ח:): "בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִין לוֹ", ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, אַזוֹי פִירְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צוּם מֶענְטְשׁ, אוּן נָאךְ פִיל מֶער בַּיי אַ גוּטֶע זַאךְ.**

וָזען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז וָואלְטְן אַלֶע גֶעבְּרֶענְגְט זַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּם רֶבִּי'ן.

אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵסָרִים און קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַּאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זַייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר". מֶען זֶעט בְּחוּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט שֵׂכֶל און דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פִירְן מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת. פוּן אַייעֶר מַעֲשֶׂה אַלֵיינְס קֶענְט אִיר זֶען וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז; אַלֶע אַייעֶרֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵיידְט פוּן צוּ דַארְפְן הֶעלְפְן וְכוּ', נָאר אִיר וָואס אִיר הֶערְט דִי חִיזוּק און דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, הָאט אִיר מְוַותֵּר גֶעוֶוען אוֹיף אַלֶעס אַבִּי צוּ הֶעלְפְן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## ער

**אִיז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים נָאר פַאר עֲשִׁירִים און נִישְׁט פַאר אָרֶעמֶעלַייט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, כָאטְשׁ אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַבִּיסְל; אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער יוֹם טוֹב פּוּרִים אִיז נִישְׁט פַאר מִיר נָאר עֶס אִיז מֶער אַ יוֹם טוֹב

בְּלויז פאר עֲשִׁירִים, זֵיי פְּרַאוֶוען גְרוֹיסֶע סְעוּדוֹת און פַארְזַאמְלוּנְגֶען, טֵיילְן אַסַאךְ גֶעלְט; עֶס זֶעט מִיר אוֹיס ווִי דֶער יוֹם טוֹב אִיז עֶפֶּעס נָאר פַאר זֵיי און נִישְׁט פַאר פְּשׁוּט'עֶ אִידְן, וָואס הַאלְט איר וֶועגְן דֶעם?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** בִּיסְטוּ מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן? עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועם צוּ מְקַנֵא זַיין, בִּפְרַט אַ גְבִיר; וָואס וֵוייסְטוּ וָואס אַן עוֹשֶׁר מַאכְט מִיט? מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דֶער וָואס הָאט עֲשִׁירוּת - דֶער אִיז גְלִיקְלִיךְ. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז אוֹיף דִי עֲשִׁירִים אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רַחְמָנוּת, ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין טָאג און קַיין נַאכְט, זֵיי לֶעבְּן שְׁטֶענְדִיג אִין פְּחָדִים וְכוּ'. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, ווַייל אַלֶע וָואס שְׁמֵייכְלֶען צוּ זֵיי דַארְפְן נָאר זֵייעֶר גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמֶת'עֶ חֲבֵרִים וְכוּ' וְכוּ' און זֵיי שְׁפִּירְן דָאס זֵייעֶר גוּט.

**גְלֵייבּ** מִיר, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף עֲשִׁירִים; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ה, יא): "מְתוּקָה שְׁנַת הָעֹבֵד, אִם מְעַט וְאִם הַרְבֵּה יֹאכֵל", אַן אָרֶעמַאן שְׁלָאפְט גוּט, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת וְכוּ', "וְהַשָּׂבָע לֶעָשִׁיר אֵינֶנּוּ מַנִּיחַ לוֹ לִישׁוֹן", אָבֶער דֶער עוֹשֶׁר קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט צוּלִיבּ זַיינֶע דַאֲגוֹת.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר נַארִיש צוּ מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵויטְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶועמֶען צוּ מְקַנֵא זַיין; אוֹיב מְקַנֵא זַיין, דַארְף מֶען מְקַנֵא זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיב בִּיסְטוּ דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאגְט עֶר פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן - בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵא".

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ עָשִׁיר - הַשָּׂמֵחַ בְּחֶלְקוֹ", וֶוער אִיז אַן עוֹשֶׁר? - אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ; דֶער וָואס דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶר הָאט אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵויטְן.

**פּוּרִים** אִיז אַ יוֹם טוֹב פַאר יֶעדְן אִיד, בִּפְרַט פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה; מֶען זֶעט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען טוּן, מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין עֲלֵים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב יא): "וְיֵשׁ עִנְיָן שֶׁנִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", עֶס קֶען אוֹיסְזֶען פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז אַלֶעס אִיז פַארְמַאכְט, אַלֶעס אִיז דֶערְנָאךְ, אוּן פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אַ יְשׁוּעָה וָואס מֶען הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן פַאר דֶעם; פּוּרִים וַוייזְט אוּנְז אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ.

**מִיר** הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר זוּכְט זִיךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס שְׁטֶערְט אִים - דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן, עֶר אִיז אַן אֱמֶת'עֶר עוֹשֶׁר. עֶר אִיז רַייךְ וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים אַלֶעס גֶעבְּן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְטְפֶערְט פַּאר אַן אָרֶעמַאן שְׁנֶעלֶער וִוי עֶר עֶנְטְפֶערְט פַּאר דֶעם גְרֶעסְטְן צַדִיק. אוּן וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען דָאס חֲשִׁיבוּת פוּנֶעם אָרֶעמַאן'ס תְּפִלָּה הָאט עֶר אוֹיסְגֶעטוּן דִי בִּגְדֵי מַלְכוּת, זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים פו, א): "תְּפִלָּה לְדָוִד, הַטֵּה ה' אָזְנְךָ עֲנֵנִי", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, הֶער אוֹיס מַיין גֶעבֶּעט, "כִּי עָנִי וְאֶבְיוֹן אָנִי", וַוייל אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זֵייעֶר נָאנְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רעא

**אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן מַיין חָתָן, אִיךְ ווִיל אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם וָואס אִיר טוּט, דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער פוּן אַייךְ אוֹיף דִי הַאטְלַיין הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן אִין יֶעדְן הִינְזִיכְט.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן. אֵיינְס אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר זָאגְט אַז הַמַּפִּיל אִיז אַ בְּרָכָה פַאר'ן שְׁלָאפְן[א]; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן הַמַּפִּיל אָבֶּער אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ הַמַּפִּיל. אוֹיךְ ווִיל אִיךְ פַארְשְׁטֵיין דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים בָּאדְן דִי קִינְדֶער, ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַ בֵּית הַכִּסֵּא?

אוּן יֶעצְט צוּם עִיקָר זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַאַרְץ. אִיךְ בִּין אַ כַּלָה, מַיין חֲתוּנָה דַארְף פָארְקוּמֶען אִין עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים אַרוּם אוּן אִיךְ דַארְף אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ עֶס נָאר גֶעטוּן צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן. פוּן מַיין זַייט וָואלְט אִיךְ דָאס הַיינְט אָפְּגֶעלָאזְט, וֶוען נִישְׁט אִיךְ ווֵייס אַז מַיין טַאטֶע וֶועט כַאפְּן אַ הַארְץ אַטַאקֶע וֶוען עֶר וֶועט דָאס הֶערְן.

מַיין חָתָן אִיז זֵייעֶר פְרוּם אוּן אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט אַזוֹי, אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר לוֹיט מַיין גֶעשְׁמַאק אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַ גַאנְצֶע פְּלַאן ווִי אַזוֹי אִיךְ וֶועל אוֹיסְשְׁטֶעלְן מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶע אָבֶּער פָּשׁוּט'ע שְׁטוּבּ, דֶערְוַוייל

א. מֶער אוֹיף דֶעם עִנְיָן אִין אַ בְּרִיוו וָואס אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ חָתָן וָואס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט צוּם הַארְצְן, אִיךְ עֶקְל זִיךְ פָּשׁוּט פוּן אִים.

יֶעצְט פּוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט שִׁיקְן אַ טֵייעֶרֶע מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר דִי מְחוּתָּנִים, מַיין גַאנְצֶע פּוּרִים אִיז גֶעוֶוען צֶעשְׁטֶערְט. אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס נָאךְ צוּ זָאגְן, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**בְּנוֹגֵעַ** צִי מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ הַמַּפִּיל; מֶען מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאךְ בִּרְכַּת הַמַּפִּיל אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט אַיינְצוּשְׁלָאפְן רֶעדְנְדִיג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט אַיין אִינְמִיטְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער גַאנְצֶער שְׁלָאף אַ הֵיילִיגֶע שְׁלָאף אוּן מֶען שְׁטֵייט אוֹיף עֶרְלִיךְ, וַוייל וִוי אַזוֹי מֶען לֵייגְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטֵייט מֶען אוֹיף".

**בְּנוֹגֵעַ** רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַת מֶען בָּאדְט אָפּ דִי קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אֵיינְמָאל בַּיי אַ שִׁיעוּר

דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַלְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים פוּן אוּמַאן, אַז אִין אוּמַאן הָאט גְעווְאוֹינְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער. וֶוען מֶען פְלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין גֶעשֶׁעפְט הָאט מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעזֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע בִּילְד פַאר זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֵיין אוּן הַאקְן מִיטְ'ן הַאמֶער אוֹיף דִי שִׁיךְ אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיין אַרְבֶּעט אוּן אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט בַּאמֶערְקְן וֶוען אֵיינֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן וַוארְט אוֹיף אִים בִּשְׁעַת עֶר הַאלְט מִיט וִוי אַזוֹי עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען עֶר פְלֶעגְט בַּאמֶערְקְן וִוי אֵיינֶער אִיז דָארְט, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אָנְרוּפְן אוּן פְרֶעגְן: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה: אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט שִׁיךְ אוּן דִי הֲלָכָה אִיז דָאךְ אַז וֶוען מֶען כַאפְּט אָן שִׁיךְ וֶוערְט מֶען טָמֵא, אָבֶּער אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי אִיךְ מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁעַתְ'ן אַרְבֶּעטְן מִיט דִי שִׁיךְ?" מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן עֶטְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט מִיט אִים דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווְאוּסְט וָואס אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן, וֶוען זֵיי אַלֵיין זֶענֶען גֶעוֶוען חָשׁוּב'עֶ אִידְן אוּן דָא זֶעעֶן זֵיי אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד וָואס הָאט אַזֶעלְכֶע הַשָּׂגוֹת.

**בִּשְׁעַת** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן אַרַיין גֶעפְרֶעגְט אִינְמִיטְן שִׁיעוּר: "לְמַעֲשֶׂה

מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען, אָדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט?" הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אַן 'הֲלָכָה וְאֵין מוֹרִין כֵּן'; דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז מֶען זָאל אַזוֹי טוּן, אָבֶער מֶען וֵוייסְט שׁוֹין אַלֵיין וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן.

יֶעצְט צוּם עִיקָר שְׁאֵלָה וֶועגְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, וָואס אִיר טְרָאגְט בַּיי אַייךְ אַ סוֹד וָואס קֵיינֶער חָלוֹמְ'ט נִישְׁט - אִיר ווילְט נִישְׁט דֶעם חָתָן וְכוּ' אוּן אִיר הָאט פָּשׁוּט מוֹרָא פוּן אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ'; לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ שִׁידוּכִים וָואס מֶען צְווִינְגְט וְכוּ', אִיךְ וָואלְט אַייךְ גֶערָאטְן אַז אִיר זָאלְט דָאס דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אַ לֶערֶערִין אָדֶער אַייעֶר מְנַהֶלֶת; טְרַאכְטְס גוּט אַרַיין, בְּמֶשֶׁךְ אַייעֶרֶע יָארְן אִין סְקוּל הָאט אִיר זִיכֶער גֶעהַאט כָּאטְשׁ אֵיין וַוארֶעמֶע עֶרְלִיכֶע טִיטְשֶׁער וֶועמֶען מֶען קֶען גֶעטְרוֹיעֶן, פַארְבִּינְדְט אַייךְ מִיט אִיר אוּן דֶערְצֵיילְט אִיר אַז אִיר ווילְט נִישְׁט גֵיין אוּנְטֶער דִי חוּפָּה וְכוּ'. אֶפְשָׁר אִיז עֶס נָאר אַ דִמְיוֹן וְכוּ'; לוֹיט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז עֶר אִיז אַ פְרוּמֶער וְכוּ' וֵויים אִיךְ נִישְׁט וָואס שְׁטֶערְט אַייךְ וֶועגְן אַייעֶר חָתָן, פְּרוּם אִיז נִישְׁט קַיין חִסָרוֹן, פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, נִישְׁט אַלֶעס אִיז דָאס אוֹיסְזֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תִקוּנֵי זוֹהַר, תִיקוּן כא, דַף ס:): "אַ שׁוֹטֶה קוּקְט אוֹיף דִי לְבוּשׁ מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ

אִיז אָנְגֶעטוּן, אָבֶּער אַ חָכָם קוּקְט וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶער דֶעם לְבוּשׁ"; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען קוּקְן צִי דֶער בָּחוּר הָאט גוּטֶע מִידוֹת, צִי עֶר אִיז אַ וַתְּרָן אָדֶער אַ כַּעֲסָן; וֶוער זָאגְט אַייךְ אַז דֶער חָתָן וִויל לֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן וִוי אִיר ווילְט, אֶפְשָׁר וִויל עֶר פּוּנְקְט דָאס זֶעלְבֶּע וִוי אַייךְ... דֶערִיבֶּער רָאט אִיךְ אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי וָואס מֶען קֶען אִיר גֶעטְרוֹיעֶן אוּן שְׁמוּעֶסְט דָאס אוֹיס מִיט אִיר וְכוּ', וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַז אִיר טְרָאגְט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ סוֹד וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט, חוּץ מִזֶּה אִיז דָאס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי הֲלָכָה, וַוייל אוֹיב מֶען וִויל נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען דָאס עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן וְכוּ'.

**מִיר** הָאבְּן אַן עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; בְּעֶטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט ווִיסְן צִי דֶער שִׁידוּךְ אִיז פַאר אַייךְ אָדֶער נִישְׁט. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ'; תְּפִלָּה בְּרֶעכְט דוּרְךְ אַלֶע פַארְמַאכְטֶע טוֹיעֶרְן אוּן עֶס מַאכְט לִיכְטִיג פַאר'ן מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן אַייךְ אַז אִיר זֶענְט רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן אוּן אִיר גֵייט צוּ צוּ דִי חֲתוּנָה מִיט אַ פְרֵיילִיךְ הַארְץ.

**דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:**
**עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג, מִכְתָּב קפב**[ב]

### מֶעג מֶען אוֹיסְרֶעדְן נָאךְ הַמַּפִּיל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט, אוּן פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט מִיר.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז בַּיי הַמַּפִּיל. אִיךְ וֵוייס אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְרֶעדְן נָאךְ הַמַּפִּיל, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל פַארְגֶעס אִיךְ אוּן אִיךְ רֶעד אוֹיס. אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ אַז פּוּנְקְט ווִי מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן אָן אַ בְּרָכָה, טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן אָן אַ בְּרָכָה, וָואס טוּט מֶען אָבֶּער וֶוען מֶען פַארְגֶעסְט אוּן מֶען רֶעדְט אוֹיס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"א טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ שִׁיטוֹת וֶוען מֶען זָאל זָאגְן הַמַּפִּיל; עֶס זֶענֶען דָא פּוֹסְקִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רלט, סָעִיף א; וְעוֹד) וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל עֶס זָאגְן נָאכְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע,

---

ב. נָאךְ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג', מִכְתָּב רמה.

גְלַייךְ בֶּעפָאר מֶען שְׁלָאפְט אַיין כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְסֵק פוּן דִי בְּרָכָה בִּיז׳ן אַיינְשְׁלָאפְן. נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן (רַמְבַּ"ם פֶּרֶק ז׳ מֵהִלְכוֹת תְּפִלָּה, הֲלָכָה א; וְעוֹד) אַז מֶען זָאל קוֹדֶם זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל אוּן נָאכְדֶעם לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן עֶס הֵייסְט נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק, וַוייל דִי בְּרָכָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ׳ן שְׁלָאפְן.

**אִין** בְּרֶסְלֶב פִירְט מֶען זִיךְ צוּ זָאגְן קוֹדֶם בִּרְכַּת הַמַּפִּיל אוּן נָאכְדֶעם לֵיינְט מֶען קְרִיאַת שְׁמַע, וַוייל אַז מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער קֶען אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען וֶועט פַארְגֶעסְן צוּ מַאכְן דִי בְּרָכָה אוּן מֶען וֶועט גֵיין שְׁלָאפְן אָן דִי בְּרָכָה, מִמֵּילָא, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ דֶעם, זָאגְט מֶען הַמַּפִּיל פַאר קְרִיאַת שְׁמַע.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, צִי דוּ זָאלְסְט זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל וֶוען דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע, וַוייל דוּ הָאסְט מוֹרָא אַז דוּ וֶועסְט אוֹיסְרֶעדְן נָאכְדֶעם אוּן עֶס וֶועט זַיין אַ בְּרָכָה לְבַטָּלָה; אוֹיף דֶעם וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן דִבְרֵי חַיִּים, דֶער צַאנְזֶער רֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט ווִי מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל, וַוייל זֵיי רֶעדְן אוֹיס וְכוּ׳, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל יֶעדֶע נַאכְט בְּשֵׁם וּמַלְכוּת, אֲפִילוּ מֶען וֶועט אוֹיסְרֶעדְן נָאכְדֶעם, ווִי צוּ גֵיין שְׁלָאפְן אָן מַאכְן דִי בְּרָכָה (הוּבָא בְּסֵפֶר עֵמֶק יְהוֹשֻׁעַ אַחֲרוֹן, דַּף קסא, וְעַיֵּין שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק יא, עֵרֶךְ קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה)", דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל אֲפִילוּ עֶס מַאכְט זִיךְ אַז דוּ רֶעדְסְט אוֹיס וְכוּ׳.

זֶע צוּ לֵייגֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אֲרִיזַ"ל פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן;

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה, הֲלָכָה ב) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע בַּיינַאכְט פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה - "אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ", אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן, גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) אַז רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", זֵיי זָאלְן נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט, זָאגְט דִי גְמָרָא עֶטְלִיכֶע פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז: "לֹא תִגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן לֵייגֶען קְרִיאַת שְׁמַע; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז מֶען קֶען זֶען אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיב גְרֵייט עֶר זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער. ווַייל אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן אֵיידֶער עֶר גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין קְדוּשָׁה; וֶוער עֶס ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין דַארְף זַייעֶר מַקְפִּיד זַיין נִישְׁט אַרָאפּ צוּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן דֶעם וָואס עֶר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער.

נָאכְ'ן זָאגְן בִּרְכַּת הַמַּפִּיל און לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע קֶען מֶען לֵיינֶען סִפּוּרֵי צַדִּיקִים און לֶערְנֶען אַגָּדוֹת חֲזַ"ל וָואס אִיז מְסוּגָּל צוּ לֶערְנֶען פַאר'ן שְׁלָאפְן וְכוּ'; דָאס הֵייסְט נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק, וַוייל שְׁפֶּעטֶער גֵייט מֶען דָאךְ אַיינְשְׁלָאפְן, גֵייט דִי בְּרָכָה אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שְׁלָאפְן.

# רעב

## קֶענֶען פְּרוֹיעֶן אוֹיךְ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ פְּרוֹיעֶן זָאגְן אוֹיךְ תִּיקּוּן חֲצוֹת, און אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ בַּאקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת דוּרְךְ דֶעם, אַזוֹי וִוי דִי מֶענֶער.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי תְּפִילּוֹת פוּן פְּרוֹיעֶן; מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער

בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֶמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (קִידוּשִׁין מט:): "עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם, תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ", אַ מָאס פוּן צֶען קַב 'שְׁמוּעֶסְן' אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, נַיין קַב הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן אֵיין קַב אִיז צֶעטֵיילְט גֶעוָוארְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; סְתַם מֶענְטְשְׁן נוּצְן דָאס אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן פְרוֹיעֶן אוּן אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי, וִוי צוּ זָאגְן אַז פְרוֹיעֶן רֶעדְן אַסַאךְ וְכוּ', אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מְחַזֵק זַיין דִי פְרוֹיעֶן מִיט דֶעם, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן בַּיי דִי דְרָשׁוֹת פַאר פְרוֹיעֶן: "פוּן דֶעם חֲזַ"ל זֶעט מֶען אַז אַ פְרוֹי קֶען מֶער מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי אַ מַאן, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען נַיין קַב שִׂיחָה אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת כו:) 'אֵין שִׂיחָה אֶלָּא תְּפִילָה', שִׂיחָה אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן תְּפִילָה; מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער זָאל אַ פְרוֹי נוּצְן אִיר גְרוֹיסֶע מָאס רֵייד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**אַ** פְרוֹי אִיז פָּטוּר פוּן דַאוֶוענֶען שַחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב.

אַ פְרוֹי אִיז נָאר מְחוּיָב צוּ זָאגְן אִינְדֶערפְרִי בִּרְכוֹת הַשַחַר אוּן זִי דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִין אַ סִידוּר, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה פַּאר'ן גֵיין שְׁלָאפְן אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אָן דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים מב, ט): "תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי", אַז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין תְּפִילָה; אָבֶּער אַ פְרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט קַיין ווירְטְשַׁאפְט אִין שְׁטוּב וְכוּ', אוֹיב זִי ווִיל דַאוֶוענֶען בְּתוֹרַת נְדָבָה קֶען זִי דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִילּוֹת אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט תִּיקוּן חֲצוֹת.

**דֶער** עִיקָר וָואס אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף טוּן - אִיז זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער; זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער אִין שְׁטוּב, זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. קִינְדֶער וָואס הֶערְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**הֶער** אַ וָוארְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז מִיר חָשׁוּב מְחַנֵּךְ צוּ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט וִוי אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן 'תִּיקוּן חֲצוֹת'"; אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת צוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְרִי, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, וַוייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵּךְ זַיין; עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי,

זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכַדוֹמֶה, וָואס אַזַא חִינוּךְ בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג. אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִים אִיז גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. דָאס דַארְפְן מִיר שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן: 'שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים אוּן צִדְקָנִיוֹת'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## רעג

**וָואס טוּ אִיךְ אַז נָאךְ אַ בָּחוּר גְלִיטְשְׁט זִיךְ מִיר אַרוֹיס פוּן הַאנְט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר אַייךְ אִיבֶּער מַיינֶע צְוֵויי בָּחוּרִים וָואס מַאכְן מִיר פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מַיין דְרִיטֶער בָּחוּר, אַ בַּר מִצְוָה בָּחוּר, וָואס סְטְרַאשֶׁעט מִיר אוֹיךְ צוּ מַאכְן צָרוֹת, אִיךְ גֵיי מַמָשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיס הֶעלְפְן?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וויין מִיט דִיר אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער; אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלְסְדִינְג פּוֹעֵל'ן, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה. ווארִיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; עֶר לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף. אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט נָאךְ נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה - דָאךְ אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ.

**נֶעם** דֶעם סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן לֶערְן דוּרְךְ אוֹת בָּנִים; דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, זַיי מְקַיֵּים וָואס דָארְט שְׁטֵייט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ צַעַר גָּדוֹל בְּבָנִים, יִקְרָא בְּכָל יוֹם מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית", דֶער וָואס הָאט צַעַר גָּדוֹל בְּבָנִים זָאל לֶערְנֶען דִי מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית; פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַ תְּמִימוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נָאר נַחַת.

# רעד

## אִיךְ ווִיל אוֹיפְהֶערְן זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן מִיט בָּחוּרִים

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזּוּק וָואס אִיךְ הֶער פוּן אַייךְ.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ פֶעיסְבּוּק אַקַאוּנְט פַאר עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים אוּן לֵיידֶער הָאבּ אִיךְ זִיךְ דָארְט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט בָּחוּרִים. אֵיינֶער הָאט מִיר שְׁטַארְק מְעוֹרֵר גֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל פַארְמַאכְן דִי אַקַאוּנְט אוּן בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין פַארְמַאכְט.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אֵיינֶער פוּן דִי בָּחוּרִים הָאט בַּאקוּמֶען מַיין נוּמֶער אוּן מִיר שְׁרַייבְּן זִיךְ נָאכְאַלְץ אוֹיף וָואטְסְעֶפּ. אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְשִׁיקְן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, אוּן בִּכְלַל אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָפְּצוּהַאקְן מִיט אִים וַוייל עֶר וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן.

אִיךְ הַאלְט אַז אִיךְ בִּין אַן עֶרְלִיכֶע מֵיידְל אוּן אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַן עֶרְלִיכְן מַאן, אִיךְ ווֵייס אָבֶער אַז דָאס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט וָואס אִיךְ טוּ יֶעצְט. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל פְּקוּדֵי - פָּרָה, מְבָרְכִים נִיסָן, כ"ב אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וַוואוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן אָפְּגֶעהַאקְט אַלֶע קְשָׁרִים מִיט פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים; אִין הִימְל אִיז**

זֵייעֶר חָשׁוּב אֵיינֶער וָואס טוּט תְּשׁוּבָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו:): "הֵיכִי דָּמִי בַּעַל תְּשׁוּבָה", וָואס הֵייסְט תְּשׁוּבָה? "אָמַר רַב יְהוּדָה, כְּגוֹן שֶׁבָּאַת לְיָדוֹ דְּבַר עֲבֵירָה פַּעַם רִאשׁוֹנָה וּשְׁנִיָּה, וְנִיצַל הֵימֶנָּה", אַז עֶס קוּמְט אִים נָאכְאַמָאל אוּנְטֶער צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אוּן עֶר טוּט עֶס נִישְׁט, דֶער אִיז אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

**לָאזְט** אָפּ אַלֶע וָואס שְׁרַייבְּן אַייךְ וְכוּ'; אִיר דַארְפְט אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין אַז אוֹיבּ אִיר שְׁרַייבְּט זִיךְ מִיט פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים וְכוּ' וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ בָּחוּר וָואס שְׁרַייבְּט זִיךְ מִיט פְרֶעמְדֶע מֵיידְלֶעךְ - וָואס דָאס ווילְט אִיר אַוַדַאי נִישְׁט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט שִׁידוּכִים לוֹיט ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, ווַייל (מַכּוֹת י:): "בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ, בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גֵיין, אוֹיף דֶעם וֶועג פִירְט מֶען אִים.

**אַז** אִיר ווילְט טַאקֶע אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ - אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרַייבְּט, דַארְפְט אִיר תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיפְהֶערְן מַכְשִׁיל זַיין בָּחוּרִים. עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן מִיט בָּחוּרִים אוּן מֶען בַּאצָאלְט אוֹיף דֶעם אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שׂוֹנֵא זִימָה (סַנְהֶדְרִין קו.) אוּן אוֹיבּ טוּט מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ.

**אַנְשְׁטָאט** זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן אוֹיף סָאוֹשֶׁעל מִידְיָע נֶעמְט אַ תְּהִילִים אוּן זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִילִים יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

# ערה

## אִיךְ עֶס מָרוֹר מִיט מַיינֶע קִינְדֶער

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן עֶטְלִיכֶע מָאל פַּאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַז מַיינֶע קִינְדֶער גֶעבְּן מִיר עֶסְן מָרוֹר, אוּן כָאטְשׁ וָואס יֶעצְט ווילְן זֵיי הָאבְּן אַ קֶשֶׁר מִיט מִיר בִּין אִיךְ אָבֶּער נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי. עֶס קֶען זַיין אַז אִיךְ אַנְטְלוֹיף פַּאר שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זֵיי, אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת וֶועגְן דֶעם, אִיךְ פִּיל אָבֶּער אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט.

אִיךְ וֶועל אַייךְ גֶעבְּן אַ מָשָׁל וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי וָואךְ. אֵיין טָאג בִּין אִיךְ גֶעוֶועזְן מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעפִּילְט מִיט צַעַר אוּן אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן מַיין גַאנְצֶע צַעַר, וֶוען אִיךְ בִּין אָבֶּער צוּרִיק גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מַיין זוּן נָאךְ לִיגְן אִין בֶּעט, דָאס הָאט מִיר אַזוֹי אוֹיפְגֶערֶעגְט, אַז דִי גַאנְצֶע שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גֶעוֶוען לֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָה.

בִּיטֶע הֶעלְפְּט מִיר אַרוֹיס. יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ד אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הֵייבּ אָן טְרַאכְטְן אַז עֶפֶּעס גֵייט פָּאר מִיט דִיר... זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף וָואס אִיךְ גֵיי דִיר זָאגְן אָבֶּער אִיךְ

הֵייבּ אָן פַארְשְׁטֵיין דַיינֶע קִינְדֶער; אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעגְט זִיךְ אוֹיף וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין זוּן שְׁלָאפְן וְכוּ׳ דַארְפְסְטוּ קוֹדֶם אַסַאךְ אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִיר בֶּעפָאר׳ן זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דַיינֶע קִינְדֶער.

**נָאכְן** לֵיינֶען דַיין בְּרִיוו פַארְשְׁטֵיי אִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הִתְבּוֹדְדוּת, סִימָן ב): "עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת וּמְפַנֶּה לִבּוֹ לְבַטָּלָה, בָּא לְכַעַס"; זַיי מִיר מַסְבִּיר וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז דַיין זוּן שְׁלָאפְט זִיךְ אוֹיס אַבִּיסְל? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס הָאט דִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט; פְרֵיי זִיךְ אַז דַיין זוּן קוּמְט אַהֵיים, עֶר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק וְכוּ׳.

דוּ הָאסְט מִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְסְט חִיזּוּק מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, אַז צְוֵויי קִינְדֶער זֶענֶען אַנְטְלָאפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן יֶעצְט זָאגְט דֶער דְרִיטֶער אַז עֶר גֵייט אַוֶועק גֵיין וְכוּ׳; יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט. קוֹדֶם כָּל וָואס הֵייסְט "אִיךְ בִּין נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"? דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז זֵיי ווילְן הָאבְּן קֶשֶׁר מִיט דִיר אָבֶּער "אִיךְ בִּין נִמְאָס גֶעוָוארְן פוּן זֵיי"; אַז דוּ בִּיסְט נִמְאָס פוּן זֵיי פַארְוָואס זָאלְן זֵיי וֶועלְן זַיין אִין שְׁטוּבּ? קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף שׁוֹטִים וֶוען זֵיי הָאבְּן אַ טַאטֶע אַ כַּעְסָן.

וֶוען דוּ גֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת זָאלְסְטוּ קוֹדֶם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, דוּ

זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְּרֶעגְן אוּן דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דַיין גַאנְצֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶועט זַיין נָאר אוֹיף דִיר וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְּרֶעגְן נָאכְן גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, פַּארְקֶערְט, דוּ וֶועסְט ווערְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר שְׁטֶערְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועט דִיר קֶענֶען אוֹיפְּרֶעגְן.

**אַוַדַאי** זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֵיי זָאלְן דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת וְכוּ', אָבֶער דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן אַז דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, דוּ זָאלְסְט ווִיסְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת כַּעַס, סִימָן לה): "כַּעַס בָּא עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת שֶׁאֵינוֹ כָּרָאוּי"; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְּרֶעגְן וֶוען עֶפֶּעס וֶועט גֵיין קֶעגְן דַיין ווִילְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רעו

## קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן חִיזוּק אוֹיף לִימוּד הַתּוֹרָה, און אִיךְ ווִיל ווִיסְן וֶועגְן תְּכֵלֶת

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע הִתְחַזְקוּת וָואס אִיר גֶעבְּט פַאר מִיר און פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל. בָּרוּךְ ה' אִיךְ גֵיי אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן שׁוֹין אַ יָאר און אַ הַאלְבּ, אִיךְ לֶעבּ מִיט דִי עֵצוֹת און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען מְחַזֵק צוּ זַיין נָאךְ אִידְן מִיט דִי עֵצוֹת.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצְן יָאר וָואס פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען גְמָרָא אִין חֶדֶר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר ווֵיינִיג גֶעלֶערְנְט, און בָּרוּךְ ה' דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם זוּמֶער הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, און הַיינְט בִּין אִיךְ בָּרוּךְ ה' מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ לֶערְן אִיךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת און אַ דַף גְמָרָא, ווִי אוֹיךְ עַל פִּי רוֹב צְוֵויי פְּרָקִים נַ"ךְ, אַבִּיסְל סֵפֶר הַמִידּוֹת און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ מַאךְ אַסַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת. אִיךְ ווִיל בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר שִׁיקְן אַ בְּרִיוו פוּן הַדְרָכָה וְהִתְחַזְקוּת און אַ סֵדֶר הַיוֹם.

דֶרֶךְ אַגַב הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן וֶועגְן תְּכֵלֶת אוֹיף דִי צִיצִית; פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִין יְשִׁיבָה מִיט מַיין טַאטֶע און אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה און טֵייל פוּן דִי בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעטְרָאגְן תְּכֵלֶת, ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעטוּן און צִי עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן דָאס טוּן, און אוֹיךְ וָואס אִיז דִי סִיבָּה דֶערְצוּ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶעם און אַ גוּטֶע וָואךְ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, כ"ו אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ נֶעמְסְט הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה; דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**שְׁטַארְק** זִיךְ בְּלִימוּד מִשְׁנַיוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה ו): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת", אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת; קֶען מֶען זָאגְן אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת בִּזְכוּת וָואס עֶר לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ כֹּחַ מִשְׁנַיוֹת הָאט אוּן וָואס עֶס טוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ; מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת 'מִשְׁנָה'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**בִּפְרַט** אַ בָּחוּר וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע הַאלְט אִים אִין אֵיין מַכְשִׁיל זַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית; וְוִיפִיל עֶר וְויל זַיין גוּט אוּן עֶר מַאכְט פֶעסְט אָפּ בַּיי זִיךְ אַז עֶר גֵייט שׁוֹין מֶער נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם הַאלְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע אִין אֵיין מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף אִים, עֶר וַוארְפְט אִים אַרָאפּ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, דַארְף עֶר לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**זַייא** נִישְׁט קַיין בַּטְלָן אוּן נוּץ אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; וָואס מֶען לֶערְנְט אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, כ): "הַלּוֹמֵד יֶלֶד לְמַה הוּא דוֹמֶה, לִדְיוֹ כְתוּבָה עַל נְיָר חָדָשׁ".

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּב'ער פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער; אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנד.): "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָּא", דִי שֶׁענְסְטֶע צַייט פוּנֶעם מֶענְטְשְׁ'ס לֶעבְּן זֶענֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן.

**בְּעִנְיָן** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן תְּכֵלֶת; מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעפִירְט צוּ גֵיין מִיט תְּכֵלֶת וַוייל רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט תְּכֵלֶת. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ קַבָּלָה פוּן זַיין טַאטֶע רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן, וָואס הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן אַז וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "פוּן מִיר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין נֵייעֶס", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְץ אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אָה תְּרַחֵם, אָה תְּרַחֵם"; דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער רֶבִּי מֵיינְט מִיט דֶעם "אָה תְּרַחֵם", אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק דֶער רַאדְזִינֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַנְפְּלֶעקְט דִי תְּכֵלֶת אִין יָאר תרח"ם (תרמ"ח) הָאט זִיךְ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטְרָאפְן מִיט אִים אוּן דֶערְבֵּיי אָנְגֶענוּמֶען דֶער עִנְיָן פוּן גֵיין מִיט תְּכֵלֶת, פַארְשְׁטֵייעֶנְדִיג אַז דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט מִיטְ'ן "אָה תְּרַחֵם", אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן מִיט רֶבִּי אַבְרָהָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרָאגְן תְּכֵלֶת.

**אַ** בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אִיז דֶער וָואס לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן עֶר פָּאלְגְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט. עֶר מַאכְט זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּה, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג אוּן אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פְּרֵיילִיךְ.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אֵייךְ, לָאזְט אֵייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, מֶען קֶען זַיין אִין בְּרֶסְלֶב אוּן מֶען קֶען גֵיין מִיט תְּכֵלֶת אָבֶּער מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, מֶען עֶפְנְט נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא וְכוּ' וְכוּ'. גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה): "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶרֶער אֵיידֶעם, זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל אַן עִיקָר; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רעז

## מֶעג אַ פְּרוֹי זִיךְ שְׁמִירְן דָאס פָּנִים אִינְדֶערְהֵיים?
## צִי דַארְף מֶען הָאבְּן עֶרֶב פֶּסַח מַצוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אוּן סְפֶּעצִיעֶל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוו, אִיךְ נֶעם אַרוֹיס פוּן דֶעם זֵייעֶר אַסַאךְ עֵצוֹת אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס בַּיי אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה פִּירְט מֶען זִיךְ אַז דִי פְרוֹיעֶן שְׁמִירְן זִיךְ נִישְׁט דִי פָּנִים, ווייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִינְדֶערְהֵיים מֶעג מֶען זִיךְ פִירְן אַנְדֶערְשׁ אוּן זִיךְ יָא שְׁמִירְן, אוֹיבּ דֶער מַאן וויל אַזוֹי.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶועגְן עֶרֶב פֶּסַח מַצוֹת; אִיךְ פְלֶעג דָאס קוֹיפְן יֶעדֶעס יָאר, עֶס קָאסְט אָבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעלְט אוּן עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער דָאס נָאכְצוּקוּמֶען, מֶעג אִיךְ אוֹיפְהֶערְן דָאס צוּ קוֹיפְן אוּן יוֹצֵא זַיין מִיט גֶעהֶערִיגֶע מַצוֹת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרָשַׁת וַיִקְרָא, כ"ח אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**זֶע צוּ מְחַזֵק זַיין דַיין ווייבּ אַז זִי זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ מִיט אִיר צְנִיעוּת; דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן** (רְמָ"א;

אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סָעִיף א): "וְלֹא יִתְבַּיֵּשׁ מִפְּנֵי בְּנֵי אָדָם הַמַּלְעִיגִים עָלָיו בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפֶּעטְן אָפּ פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; שֶׁעמֶען דַארְף מֶען זִיךְ נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ פְרוֹי וָואס פִּירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז זִי טוּט דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִי וֶועט בַּאקוּמֶען בַּאצָאלְט שְׂכַר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ח, ט): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִילִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פֹּרִיָּה בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ, בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", דַיין וַוייבּ וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער אַזוֹי וִוי אַ וַויינְשְׁטָאק וָואס אִיז פוּל מִיט טְרוֹיבְּן בִּזְכוּת וָואס זִי פִּירְט זִיךְ בִּצְנִיעוּת, "בִּזְמַן שֶׁהִיא נוֹהֶגֶת בְּעַצְמָהּ דַּת יְהוּדִית שֶׁהִיא צְנוּעָה, זוֹכָה שֶׁיּוֹצְאִין מִמֶּנָּה בָּנִים בַּעֲלֵי מִקְרָא, בַּעֲלֵי מִשְׁנָה, בַּעֲלֵי מַעֲשִׂים טוֹבִים", זִי וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, אוּן טוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, "הֲדָא הוּא דִכְתִיב: בָּנֶיךָ כִּשְׁתִילֵי זֵיתִים", עַיֵּין שָׁם.

**בְּנוֹגֵעַ** וְכוּ'; אַ פְרוֹי מֶעג זִיךְ שֵׁיין מַאכְן פַאר אִיר מַאן וְכוּ' אוּן וואוֹיל אִיז פַאר אַ פְרוֹי וָואס הֶעלְפְט אִיר מַאן עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס שְׁמִירָה צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): אִין דֶעם זְכוּת וָואס דִי פְרוֹיעֶן וַוארְטְן אָפּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוּן הִיטְן זֵיי אָפּ, וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**בְּנוֹגֵעַ** עֶרֶב פֶּסַח מַצּוֹת אַז עֶס קָאסְט אַסאך גֶעלְט וְכוּ';

דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת, קכח.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת כה, ב): "וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי - הַאי מַאן דְּבָעֵי לְאִשְׁתַּדְּלָא בְּמִצְוָה, וּלְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ בְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, אִצְטְרִיךְ דְּלָא יִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ בְּרֵיקָנַיָּיא וּבְמַגָּנָא, אֶלָּא אִצְטְרִיךְ לֵיהּ לְבַר נָשׁ לְאִשְׁתַּדְּלָא בֵּיהּ כַּדְקָא יֵאוֹת כְּפוּם חֵילֵיהּ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה דַארְף מֶען בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה, דוּרְךְ דֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵין שָׁם; דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז עֶס קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב פֶּסַח אוּן מִיר גֵייעֶן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה אוּן אַוַדַאי בַּאצָאלְן גֶעלְט פַאר דִי מִצְוָה אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל בִּשְׁעַתְ'ן הַאלְטְן דִי מַצָּה אוּם פֶּסַח זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וֶוען מֶען הַאלְט דִי מַצָּה אִין דֶער הַאנְט, הַאלְט מֶען גָאט אִין הַאנְט"; וַוייל מַצָּה אִיז אַ שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקֵייט אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אֱמוּנָה אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פָּרָשַׁת בֹּא, מא.) אַז מַצָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: "מֵיכְלָא דִּמְהֵימְנוּתָא", אַן עֶסְן פוּן אֱמוּנָה; וַוייל דוּרְךְ מַצָּה וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה. ווִידֶער אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְלַאץ (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, קפג:) רוּפְט עֶס דֶער זוֹהַר אָן: "מֵיכְלָא דְּאַסְוָותָא", אַן עֶסְן פוּן רְפוּאָה; אַז מַצָּה הֵיילְט אוֹיס

דֶעם מֶענְטְשׁ. זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִיז עֶס אֵיין זַאךְ, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הַחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען עֶסְט מַצָּה אוּן עֶס וֶוערְט גֶעשְׁטַארְקְט דִי אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז לֹא עָלֵינוּ נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן עֶר גֵייט זִיךְ הֵיילְן בַּיי אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אִים: "אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר נָאר אֵיין רְפוּאָה, דָאס וֶועט דִיר גֶענְצְלִיךְ אוֹיסְהֵיילְן, אָבֶּער דִי מֶעדֶעצִין קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט", וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ זִיכֶער אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַבִּי עֶר זָאל לֶעבְּן, אַזוֹי וְוִי רַשִׁ"י זָאגְט (אִיּוֹב ב, ד): "כֵּן דֶרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגִין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן - יִתֵּן"; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ קוֹיפְן דִי הֵיילִיגֶע מַצָּה וָואס דָאס הֵיילְט אוּנְז אוֹיס בְּרוּחָנִיּוּת אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אוּנְז נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף מֶען דָאס זִיכֶער קוֹיפְן בְּיָד רְחָבָה אוּן נִישְׁט קַארְגְן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע, זָאלְסְט קֶענֶען אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם יוֹם טוֹב מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶסְן נָאךְ הֵיי יָאר דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח מִיט מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, אָמֵן.

# רעה

## מֶעג מֶען אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, און אוֹיבּ מֶען טָאר נִישְׁט וָואס מֶען זָאל טוּן אוֹיבּ מֶען הָאט יָא אוֹיסְגֶערֶעדְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, הַחוֹדֶשׁ, כ"ט אֲדָר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דִי** בֶּעסְטֶע אִיז מֶען זָאל זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִין אֵיין צִי אָן אוֹיסְרֶעדְן; עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַזוֹי לַאנְג צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען צוּרִיק הַאלְטְן פוּן אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן. עֶס נֶעמְט בְּעֶרֶךְ זֶעקְס זִיבְּן מִינוּט, דֶערִיבֶּער פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים אִין אֵיין צִי...

**אוֹיבּ** הֶערְט מֶען קַדִּישׁ אָדֶער קְדוּשָׁה אִינְמִיטְן זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי דַארְף מֶען אַוַודַאי עֶנְטְפֶערְן וְכוּ'; דֶערִיבֶּער אִיז

גוּט מֶען זָאל דָאס זָאגְן בַּיים סוֹף דַאוֶוענֶען נָאךְ עָלֵינוּ צוּזַאמֶען מִיט דִי גַאנְצֶע מִנְיָן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַיינְגֶעפִּירְט אַז מֶען זָאל זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי גְלַייךְ נָאכְן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט אַ מִנְיָן; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר זָאגְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי יֶעדְן טָאג, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע יְשׁוּעוֹת; צוּ רְפוּאוֹת, פַּרְנָסָה אוּן צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

מִיר דַארְפְן לוֹיבְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער פַאר דִי חֶסֶד וָואס עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעטוּן אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט אַלֶעם אַוֶועק גֶעגֶעבְן פוּן זִיךְ פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן אַ תִּיקוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז דֶער תִּיקוּן הַכְּלָלִי אִיז אַ תִּיקוּן גָמוּר אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. ווִי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְן גֶעוָואלְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶער זֵיי הָאבְן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל צַדִיקִים זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן אוּן אַ טֵייל הָאבְן יָא אָנְגֶעהוֹיבְן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן אָבֶער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶער, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - "מִיר הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן".

**"דָאס** עֶרְשְׁטֶע אִיז מִקְוֶה" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט; מִקְוֶה נֶעמְט אַרָאפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט אוֹיפְ'ן נְשָׁמָה דוּרְךְ דִי עֲבֵירוֹת. אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה; אַ חוֹלֶה, אַ אוֹנֶס, אָדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס זָאל אוֹיךְ זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וַוייל דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר אַלֶע עֲבֵירוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם).

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין אַלֶעם וָואס אִיךְ זָאג אָבֶּער אִין דֶער זַאךְ פוּנֶעם 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי' בִּין אִיךְ גָאר שְׁטַארְק; אַז דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ - הֶעלְפְט זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דָאס אִיז אַ תִּיקּוּן בִּכְלָלִיּוּת אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת; אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַלֶע מֶען זָאל דָאס מְפַרְסֵם זַיין אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם)".

**נָאךְ** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "עֶס אִיז נִישְׁט אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ צוּ זָאגְן צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים; אָבֶּער ווִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֵייסְן זָאגְן וֶועט עֶס אָנְקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער". אוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פִּירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה: "וְכֵן נִתְקַיֵּם עַתָּה בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, שֶׁמֵּחֲמַת רִבּוּי הַמַּחֲלֹקֶת רוֹב הֶהָמוֹן עַם רְחוֹקִים מְאֹד לְקַיֵּם זֹאת".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אוּנְזֶערֶע חָכְמוֹת אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; מִיר זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקּוּן

הַכְּלָלִי״, אַזוֹי וֶועלְן מִיר מְתַקֵן זַיין אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן.

## רעט[ג]

### בַּיי אֱמֶת'ע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים הָאט מֶען דֶען גֶעהַאט מוֹתְרוֹת?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ בְּרִיוו[ד] וואוּ אִיר שְׁרַייבְּט אַז ״מוֹתְרוֹת״ מֵיינְט נִישְׁט אִיבְּרִיגֶע זַאכְן אוּן לוּקְסוּס, נָאר זַאכְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּשָׁר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם גַאנְצְן בְּרִיוו, אָבֶּער דֶער חֵלֶק אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ, הָאט אִיר דָאס גֶעזֶען עֶרְגֶעצְוואוּ אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים?

אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אַז אִיר עֶנְדִיגְט דֶעם בְּרִיוו מִיט אַ בְּרָכָה אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע קַאר אוּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז; הָאט אִיר גֶעהֶערְט אַמָאל אַזַא סָארְט בְּרָכָה בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי אֱמֶת'ע בְּרֶסְלֶב'ע חֲסִידִים?

אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן אַסַאךְ מָאל אִיבֶּער דִי גֶעמֵיינְקֵייט פוּן הָאבְּן שֵׁיינֶע הַייזֶער (עַיֵין הִלְכוֹת הוֹדָאָה הֲלָכָה ו, אוֹת מב וְאוֹת סז, וּבְהִלְכוֹת קִידוּשִׁין הֲלָכָה ג, אוֹת ד), פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין מוֹתְרוֹת?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס אוּן הַצְלָחָה מְרֻבָּה.

---

ג. זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב רפט.

ד. דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת צַו, ב' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַמָאל בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי "אֶמֶת'עֶ בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים" אַזַא סָארְט בְּרָכָה; קוֹדֶם וִויל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן וָואס הֵייסְט בַּיי דִיר אַן "אֶמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד?"

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַן "אֶמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד", וָואס פְלֶעגְט גֶעבְּן דִי סָארְט בְּרָכוֹת; דֶער "אֶמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד" הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ פַאר צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן גֶעבְּרֶענְגְט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער אֶמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד פְלֶעגְט ווּאוּנְטְשְׁן אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט מְקַיֵּים זַיין וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. אוֹיבּ מֶען וֶועט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מִצְוַת מְזוּזָה וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע הוֹיז, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "הַזָּהִיר בִּמְזוּזָה, זוֹכֶה לְדִירָה נָאָה", וֶוער עֶס גֶעבְּט אַכְטוּנְג מְקַיֵּים צוּ זַיין מִצְוַת מְזוּזָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע הוֹיז. אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וֶועט עֶסְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שֵׁיינֶע דִירָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן יט): "מִי שֶׁמְּשַׁבֵּר תַּאֲוַת אֲכִילָה, זוֹכֶה לְדִירָה נָאָה", וֶוער עֶס צֶעבְּרֶעכְט זַיין תַּאֲוֹת אֲכִילָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען זַיין אַ סְפֶּעצְיֶעלֶער סָארְט בַּאשֶׁעפֶענִיש וָואס וואוֹינְט בַּיים עֶק שְׁטָאט מִיט צֶעבְּרָאכֶענֶע פֶענְסְטֶער אִין אַ הוֹיז וָואס אִיז הַאלְבּ אַיינְגֶעזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, אָן קַיין מֶעבְּל, אוּן פַאר אַ טִישׁ נוּצְט מֶען אַ פַּאס מִיט אַ לָאקְשְׁן בְּרֶעט וְכוּ׳ וְכוּ׳; דֶער טָעוּת אִיז נִישְׁט קַיין נַייעֶ טָעוּת, דֶער רֶבִּי רֶעדְט נָאךְ פוּן דֶעם.

וָוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, צְוִוישְׁן זֵיי - הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; רֶבִּי יַעֲקֹב שִׁמְשׁוֹן מִשְׁפִּיטוּבְקָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; רֶבִּי זְאֵב וָואלְף מִטְשֶׁערְנִי-אוֹסְטְרָאָה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן מִיט נָאךְ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. זֵיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז פַאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְמָאלְן אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ חֵלֶק פוּן דִי וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז עֶפֶּעס אַ וֶועלְט אוֹיבְן אִין הִימְל, וַוייל אַלֶע סְפָרִים רֶעדְן פוּן אִיר גְרוֹיסְקֵייט אוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין פַארְצֵיילְט גָאר פוּן אִיר הֵיילִיגְקֵייט וְכוּ׳; בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעזֶען אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אַ פְּלַאץ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם חִילוּק אִינֶעם חִיצוֹנִיוּת צְוִוישְׁן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער, נָאר דֶער פְּנִימִיוּת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גָאר הֵיילִיג אוּן גָאר הוֹיךְ.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה

אִין דֶעם עִנְיָן. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז מֶען קֶען אָנְזֶען אַ חִילּוּק צְווִישְׁן אַ צַדִּיק אוּן סְתַּם אַ מֶענְטְשׁ אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן - אוֹיפְ'ן פָּנִים אָדֶער אוֹיפְ'ן אוֹיסְקוּק פוּן דִי זַאךְ, מֶען מֵיינְט אַז דֶער צַדִּיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַנְדֶערְשׁ פוּן סְתַּם מֶענְטְשְׁן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל דֶער צַדִּיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן גֶענוֹי וִוי אַ צְוֵוייטֶער, עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם חִילּוּק - "וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן אַז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט דִי זֶעלְבֶּע קִישְׁקֶעס וִוי אַ צְוֵוייטְן, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ"; אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מִיט אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִי אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער. עֶס אִיז דָא אַ אַנְדֶערֶע הִימְל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיַּקְהֵל, דַּף רט); מִיר פְּשׁוּט'ע מֶענְטְשׁ קֶענֶען דָאס נִישְׁט זֶען, אָבֶער וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין אִיר הֵיילִיגְקֵייט קֶען זֶען אַ שְׁטִיקְל חִילּוּק צְווִישְׁן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַנְדֶערֶע לֶענְדֶער (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן קטז; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יד. עַיֵּין שָׁם).

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען קֶען גָארְנִישְׁט זֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן;

אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיסְקוּקְן פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אָבֶער אִינֶעווֵייניג אִיז עֶר דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג - דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן אוּן קֵיינֶער נִישְׁט זֶען. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, מֶען קֶען בַּאטִיטְלֶען מֶענְטְשְׁן: "מִנְּקִיֵּי הַדַּעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם", אָבֶער קֵיינֶער וֵוייסְט

נִישְׁט צִי עֶר הָאט טַאקֶע אַ רֵיינֶע דַעַת אָדֶער זַיין דַעַת אִיז פוּל מִיט מוּתְרוֹת אוּן צוֹאָה, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים נד:): "אֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּלִבּוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ", צְווִישְׁן דִי זַאכְן וָואס זֶענֶען פַארְהוּילְן פוּן דִי בְּרִיאָה אִיז אַז קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דֶער צְווייטֶער טְרַאכְט.

**אִין** הִימְל קוּקְט מֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ ווִי מֶען קוּקְט דָא; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב ג, יט): "קָטֹן וְגָדוֹל שָׁם הוּא", דָארְט [אִין הִימְל] וֵוייסְט מֶען וֶוער עֶס אִיז גְרוֹיס אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלֵיין; מֶען זֶעט אַמָאל אַז עֶס רַעשְׁ'ט זִיךְ דָא מִיט אֵיינֶעם, מֶען קֶען מֵיינֶען וֶוער וֵוייסְט וָואס יֶענֶער אִיז, אָבֶער אוֹיבְן אִין הִימְל וֵוייסְט מֶען נִיטְאַמָאל פוּן יֶענֶעם. ווִידֶער אִיז דָא פַארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן אִים אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט פוּן אִים קַיין שׁוּם טְרַאסְק, אָבֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב - וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט אִים; דָאס אִיז חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

**נַחְזוֹר** לְעִנְיָנֵינוּ, וֶוער עֶס אִיז דֶער "אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד"; אַזַא אֵיינֶער וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וַוייל כָּל זְמַן מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אֲפִילוּ מֶען פַארְרוּפְט זִיךְ אַן "אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד"; "עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד"; "בְּרֶסְלֶב'עֶר עוֹבֵד" וְכוּ', וְכוּ'.

לָאמִיר אַרַיין קוּקְן אִינֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וואו מִיר קֶענֶען זֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג): דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין הַפָּצָה; "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הַפָּצָה, "וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים' עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", 'טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער' הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן"; וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער - מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער "אֱמֶת'ער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד" הָאט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן פַארְשְׁפְּרֵייט אֱמוּנָה פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶערוּט קַיין אֵיין טָאג אִין זַיין לֶעבְּן. עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִין דִי הוּנְדֶערְטֶער מִילְיָאנֶען אוּן עֶס אִיז אִים גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי אַלֶע וָואס רוּפְן זִיךְ 'עֶכְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר' הָאבְּן אִים גֶע'רוֹדֶפְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; מֶען הָאט אַלֶע יָארְן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ", דִי זְקֵינִים הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן כְּתָבֵי פְּלַסְתֵּר אוֹיף דֶעם "אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד", אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף קֵיינֶעם; עֶר הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - ווי אַזוֹי

עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי סָארְט בְּרָכוֹת גֶעפוּנֶען מִיר אוֹיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט צוּ אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה וֶועט מֶען גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן מִיט דִי סָארְט בְּרָכוֹת. מִיר זָאגְן דָאס יֶעדְן טָאג בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע (דְּבָרִים יא, יג): "וְהָיָה אִם שָׁמֹעַ", אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן רֶעגְן, עֶס וֶועט וַואקְסְן אַסַאךְ תְּבוּאָה אוּן מֶען וֶועט הָאבְּן שֶׂפַע, "וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וְכוּ'"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא כו, ג): "אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ" - אוֹיבּ אִיר וֶועט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה דֶעמָאלְט וֶועט אַייךְ זַיין גוּט בְּגַשְׁמִיּוּת.

וָוען מֶען לֶערְנְט נַ"ךְ - דֶעם רֶבִּינְ'ס מוּסָר סֵפֶר, זֶעט מֶען ווִי דֶער נָבִיא גֶעבְּט אוֹיךְ דִי סָארְט בְּרָכוֹת; דֶער נָבִיא זָאגְט פַאר דִי אִידְן: "אוֹיבּ וֶועט אִיר גֵיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט אַייךְ גוּט זַיין".

אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען כְּדַאי קְלָאר צוּ מַאכְן וָואס אִיז אַן "אֱמֶת'ער בְּרֶסְלֶב'ער חָסִיד"; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עב): וָוען מֶען קוּמְט צוּם צַדִּיק פַאלְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַ שִׁפְלוּת; דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וָוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַזַא אֱמוּנָה וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט אוּן וָואס עֶר טוּט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה כז, ב): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אִיּוֹב מא, ג): "מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֶעגְט: "וֶוער הָאט מִיר גֶעפֶּעדֶערְט פַאר אִיךְ הָאבּ אִים קוֹדֶם גֶעגֶעבְּן? "מִי קִיֵּם לְפָנַי עַד שֶׁלֹּא נָתַתִּי לוֹ נְשָׁמָה וְכוּ'", וֶוער קֶען מִיר דֶען לוֹיבְּן אָן דֶעם וָואס אִיךְ זָאל אִים הָאבְּן גֶעגֶעבְּן קוֹדֶם אַ נְשָׁמָה? "מִי עָשָׂה לִי מַעֲקֶה עַד שֶׁלֹּא נָתַתִּי לוֹ גַּג, מִי עָשָׂה לִי מְזוּזָה עַד שֶׁלֹּא נָתַתִּי לוֹ בַּיִת וְכוּ'", וֶוער קֶען מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת מַעֲקֶה אוּן מִצְוַת מְזוּזָה פַאר אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ הוֹיז? עַיֵּין שָׁם; דָאס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; בַּיי אִים אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי: מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן דָאס אִיז דֶער סִימָן צוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַן "אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד", אוֹיבּ פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף אִים שִׁפְלוּת, אוּן דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

מִיר הָאבְּן גֶעהַאט דִי זְכִיָּה אַז דֶער "אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד" אִיז גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַאר דִי בָּחוּרִים, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי בָּחוּרִים: "אוֹיבּ וֶועט אִיר לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת אוֹיפְ'ן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַזוֹי וִוי אַ 'אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד' פִירְט זִיךְ, וֶועט אִיר הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס - סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת; אִיר וֶועט הָאבְּן שֵׁיינֶע קַאלְס, שֵׁיינֶע הַייזֶער אוּן אִיר וֶועט לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים".

דֶער "אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד" פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אַז מוֹתְרוֹת אִיז טַייטְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט אָנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

דֶערמָאלְט אִיז אַלֶעס אִיבְּרִיג. אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, דֶערמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין מוֹתְרוֹת. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַלְטֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע הוֹיז בַּיים עֶק שְׁטָאט מִיט צֶעבְּרָאכֶענֶע פֶענְסְטֶערְס, אוֹיבּ לֶעבְּט עֶר נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן בָּזֶה הָעוֹלָם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן וַוייל דִי וֶועלְט נַארְט אַיךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן אוּן מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלה): "מַיין גַאנְצֶע נַחַת אוּן תַּעֲנוּג אִיז וֶוען אִיךְ זֶע ווִי מַיינֶע תַּלְמִידִים פִירְן זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ אַלֶעס מַפְקִיר גֶעוֶוען; מַיין לֶעבְּן, מַיין וַוייבּ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס נָאר פַאר עֶנְק".

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֶענֶען נִישְׁט

מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", און אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר און פָאלְגְן מִיר נִישְׁט; וַוייל וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר - און דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**דֶער בְּרִיווּ צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:**
**עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א, מִכְתָּב ס.**

## קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ וֶוען מֶען ווִיל הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ רִיזִיגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און פַאר אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס הַאלְט מִיר מַמָשׁ בַּיים לֶעבְּן און אִיךְ שֶׁעפּ חַיוּת פוּן דֶעם יֶעדֶע מִינוּט פוּן טָאג.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז בְּנוֹגֵעַ "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ". אִין דִי פְּלַאץ וואו אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אִיז מֶען זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען מִיט "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ", מֶען אִיז נָאר פַּארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַז מֶען מוּז זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי תַּאֲווֹת, אוּן אוֹיב אֵיינֶער קוֹיפְט זִיךְ אַ שֵׁיינֶע קַאר אָדֶער אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אִיז עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעפְּרֶעגְט, מֶען קוּקְט אִים אָן ווִי אֵיינֶער וָואס אִיז נָאר פַּארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן מֶען קוּקְט אִים אַרָאפּ.

אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען בִּיטֶע אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה הַאלְט אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ אוּן הַצְלָחָה רַבָּה

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמ): "זֵיי זָאלְן מִיר הֶערְן אֵיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגּוּן אוּן מִיט'ן טַאנְץ, וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען"; וַוייל וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, זַיינֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ שְׁרֵייט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דָארְט. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז. דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט גֶעטוֹישְׁט

צום גוּטְן, און מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג.

וְזִיסְן זָאלְסְטוּ אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי מֶען הָאט אַ שֵׁיינֶע קַאר און אַ שֵׁיינֶע דִירָה, צִי נִישְׁט; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אֵיינֶער וָואס גֵייט דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוָוענֶען מִיט מִנְיָן אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל צוּפְרִי דַארְף עֶר לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, בַּיינַאכְט אִיז עֶר זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אִינְמִיטְן טָאג וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין פַּרְנָסָה וְכוּ' - דָאךְ גֵייט עֶר אִין שׁוּל דַאוָוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אֵיידְל, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט וְכוּ', עֶר רֶעדְט שֵׁיין אִין שְׁטוּבּ, עֶר רֶעדְט אֵיידְל צוּ זַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ, עֶר שְׁטַארְקְט אִיר און אִיז אִיר מְחַזֵק - דֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, יָא שֵׁיינֶע קַאר - נִישְׁט שֵׁיינֶע קַאר, יָא שֵׁיינֶע הוֹיז - נִישְׁט שֵׁיינֶע הוֹיז, דָאס גֶעבְּט גָארְנִישְׁט צוּ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָדֶער נִישְׁט. אַ שֵׁיינֶע קַאר און אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אִיז נִישְׁט קַיין מוֹתְרוֹת, מוֹתְרוֹת אִיז טַייטְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז אַלֶעס אִיבְּרִיג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ און אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, דֶעמָאלְט אִיז עֶס נִישְׁט קַיין מוֹתְרוֹת.

וָוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, וֶוערְט "גָאט" - דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ בַּיי אִים אִין שְׁטוּב, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם 'א' - דֶעם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דַאן בְּלַייבְּט אִיבֶּער 'גֶט', אוּן עֶס וֶוערְט אַ גֶט רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה שֶׁזָּכוּ - שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶן", אַ מַאן אוּן וַוייבּ וָואס זֶענֶען זוֹכֶה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְ'ן אַייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן זֵיי אַ גוּטֶע לֶעבְּן, "לֹא זָכוּ - אֵשׁ אוֹכְלָתָן", אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם זֵיי נֶעמֶען אַרוֹיס דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם יו"ד פוּן אִישׁ אוּן דִי הֵ"א פוּן אִשָּׁה, בְּלַייבְּט אִיבֶּער אֵשׁ מִיט אֵשׁ (עַיֵּין בְּרַשִׁ"י שָׁם) אוּן זֵיי וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט.

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט, אוֹיבּ מַאכְט עֶר אַ בְּרָכָה, עֶר דַאנְקְט דֶעם אַייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט מֶעג עֶר הַנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם. פַארְקֶערְט, דֶער אַייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע גוּטֶע עֶסְן נָאר אַז מֶענְטְשְׁן זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם אוּן אִים דַאנְקֶען, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ח, י): "וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ, עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ". אַזוֹי אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר אִין גְּמָרָא, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְּרֶעגְן אַ קַשְׁיָא (בְּרָכוֹת לה.): אֵיינְמָאל שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ", דִי וֶועלְט בַּאלַאנְגְט פַארְ'ן אַייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קטו, טז): "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם", אַז דֶער

אײבּערשטער האָט געגעבּן די ערד פאַר די מענטשן, לכאורה איז דאָך דאָס אַ סתירה, ענטפערן חכמינו זכרונם לברכה: "כּאן קודם בּרכה, כּאן לאחר הבּרכה", װען אַ מענטש מאַכט אַ בּרכה דעמאָלט װערט עס דעם מענטשנ'ס זאַך, ער מעג דאָס עסן און הנאה האָבּן דערפון, אָבּער אויבּ ער מאַכט נישט קײן בּרכה, דעמאָלט איז ער אַ גנבֿ.

**דאָס** װאָס דו פרעגסט מיר װאָס טוט זיך מיט (יבמות כ.): "קדש עצמך בּמותּר לך"; דער הײליגער ישׂמח משה זכותו יגן עלינו זאָגט (פּרשת קדושים): "קדש עצמך בּמותּר לך מתקיים על פּי שני דרכים; או שממאס בּמותרות, ולפעמים בּהפך - כּמבאר בּשלחן ערוך שמשׁבּיע עצמו מן ההתּר כּדי שלא יבא לידי איסור, והכּל לפי מה שהוא אדם בּאותה שעה, וּבלבד שיהיה כּונתו לשמים, והינו גם כּן קדש עצמך בּמותּר לך, שעל ידי המותּר הוא מקדש על עצמו שלא יבא לידי איסור, וגם אם עשׂה לכונה זו, הוי עבודה לשם בּרוך הוא וּברוך שמו, וּמקדש עצמו, והבן", עײן שם, מען קען עס מקײם זײן אויף צװײ װעגן, אָדער אַז מען איז ממאס אין אַלע איבּריגע זאַכן וכו', אָדער פאַרקערט, מען טוט אַלעס װאָס מען מעג טון - בּהיתּר, אַזוי װעט מען נישט צו קומען צו קײן עבירות; זעט מען פון דעם אַז עס איז דאָ אַ װעג מקײם צו זײן 'קדש עצמך בּמותּר לך' אַז מען זאָל טון אַלעס װאָס מען מעג טון - בּהיתּר, כּדי מען זאָל נישט צוקומען צו טון עבירות.

**אַנשטאָט** צו שטײן און אַרבּעטן אויף אָפּצורײסן פון זיך אַלע תּענוגים וכו', דאַרף מען שטײן און זוכן:

'וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן צוּ וֶוערְן גֶענְטֶער צוּם אייבֶּערְשְׁטְן?'
עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לד, טו): "סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב", עֶס אִיז דָא צְוֵויי דְרָכִים ווי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען פְּשַׁט אִין דֶעם פָּסוּק, אֵיין וֶועג אִיז דֶער דֶרֶךְ הַמּוּסָר - מֶען זָאל קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן אָפּ צוּ טוּן פוּן זִיךְ דֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען עוֹסֵק זַיין אִין עֲשֵׂה טוֹב. נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי וֶועג פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים - מֶען זָאל קוֹדֶם עוֹסֵק זַיין אִין עֲשֵׂה טוֹב, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיין וֶוערְן סוּר מֵרָע, זֵיי לֶערְנֶען פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק אַזוֹי: סוּר מֵרָע - קֶענְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין שְׁלֶעכְטְס, ווי אַזוֹי? דוּרְךְ וַעֲשֵׂה טוֹב, דוּרְךְ טוּן מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. ווייל אַז מֶען צִינְדְט אָן אַ לֶעכְט אִין אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁטוּב וֶוערְט לִיכְטִיג, אוּן דִי טוּנְקֶלְקֵייט גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה וֶוערְט לִיכְטִיג אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר שׁוֹין אָפְּלָאזְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז), אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זַייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר לִיגְט אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אוּן טוּט זֵייעֶר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר ווִיל דֶער רֶבִּי זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ טוּ גוּטְס אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן"; דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דוּרְכְדֶעם וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס

פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט עֶר אוֹיס, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ דַף גְּמָרָא וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר אַלֶעס לָאזְן טוּן אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג.

**דֶערְפַאר,** אַז דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זֶען אַרַיין צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִילָה, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם: (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ זַ״ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה) ״בַּקָּשָׁתִי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי״, מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, ״שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק״, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, ״שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ׳, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם״, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר אַ טָפֵל; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן אַן עִיקָר - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

**זֵייעֶר** אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען זַיין אַ בַּטְלָן, וואוֹינֶען אִין אַן אַלְטְן הוֹיז מִיט אַ שְׁמַאטֶע קַאר אוּן גֵיין אָנְגֶעטוֹן מִיט צֶערִיסֶענֶע בְּגָדִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן זֵייעֶר רָצוֹן צוּ וֶועלְן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, מֶען מֵיינְט אַז אַ ל״ו צַדִיק גֵייט מִיט צֶערִיסֶענֶע בְּגָדִים אוּן שְׁמוּצִיג אָנְגֶעטוֹן. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר

אַ צַדִיק אִיז אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אוּן עֶר גֵייט אַרוּם פְרֵיילִיךְ.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק דַארְף מֶען הָאבְּן עֲשָׂרָה קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן צוּ זַיין פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים דַארְף מֶען זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי - פְלֶעגְט עֶר אוֹיס פִירְן - מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִידְ'ל אוּן זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן מֶען קֶען זַיין אַ בַּעַל הַבַּיִת אוּן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אַזוֹי וִוי רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּערְנְיוּ (דֶעם רֶבִּינְ'ס אֵיינִיקְל) אוּן זַיין פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קטז): "יֵשׁ טוֹעִים סוֹבְרִים, שֶׁצְרִיכִין לְהַכִּיר אֶת הַצַדִיק אוֹ שְׁאָר דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה לְהַכִּירוֹ בְּפָנָיו בְּצַלְמוֹ וּדְמוּתוֹ, שֶׁיִהְיֶה מְשֻׁנֶּה בִּדְמוּתוֹ וּבִתְנוּעוֹתָיו דַיְקָא, וּבֶאֱמֶת לֹא כֵן הוּא. כִּי הַצַדִיק הוּא בִּדְמוּת וְצֶלֶם כְּכָל הָאֲנָשִׁים וְאֵין בּוֹ שׁוּם שִׁנּוּי, וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי", עַיֵין שָׁם; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף דֶערְקֶענֶען אַ צַדִיק פוּן אִינְדְרוֹיסְן - פוּן זַיין אָנְטוּן, פוּן זַיין פָּנִים וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי - זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער צַדִיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן פוּנְקְט וִוי אַ צְוֵוייטֶער, נָאר דֶער חִילוּק אִיז, אַז זַיין פְּנִימִיוּת אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶער עִנְיָן.

דָאס אִיז אַ טָעוּת וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען דַארְף גֵיין אַיינְגֶעבּוֹיגְן וִוי אַן

אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם לוּלָב צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן מֶען דַארְף גֵיין מִיט גֶעמָאסְטֶענֶע טְרִיט וְכוּ', אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצז): "כִּי בְּוַדַּאי אֵין זֶה מַעֲלַת הָעֲנָוָה לְהַרְאוֹת עַצְמוֹ בִּכְפִיפַת רֹאשׁ בְּדֶרֶךְ שְׁטוּת כְּאִלּוּ הוּא עָנָו, כִּי זֶה עֲנָוָה פְּסוּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲנָוָה צוּ גֵיין מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ; מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ גְרָאדְן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּענֶעם קָאפּ אוּן זַיין בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן כִּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, מֶען קֶען זֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר ווִי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר צַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן אַ שֵׁיינֶע קַאר אוּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אוּן מִיט דֶעם טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט דַיין קַאר זָאלְסְטוּ טוּן חֶסֶד, דַיין הוֹיז זָאלְסְטוּ מַאכְן פַאר אַ מִקְדָשׁ מְעַט וואוּ דוּ זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, זָאלְסְט מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבּ הָאבְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן לִיבּ הָאבְן צוּ טוּן מִצְוֹת.

אִיךְ ווָאלְט נָאךְ גֶעדַארְפְט אַסַאךְ מֶער מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶער אִיךְ בִּין נֶעבְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן אוּן עֶס ווַארְט אוֹיף מִיר אַסַאךְ אַרְבֶּעט וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# רפ

## מֶען וויל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן בְּרֶסְלֶב, פַארְוָואס אִיז בְּרֶסְלֶב אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק מְחַזֵק אוּן הָאט מַמָשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְן צוּם גוּטְן.

אַזוֹי ווִי מַיין טָאכְטֶער דַארְף שׁוֹין אָנְהוֹיבְן גֵיין אִין שׁוּלֶע הָאב אִיךְ אִיר אַיינְגֶעשְׁרִיבְן אִין מוֹסְדוֹת ...., אִיךְ הָאב אָבֶער בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער אַז דָאס יָאר נֶעמֶען זֵיי נִישְׁט אָן קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע מוֹסְדוֹת אִיבֶּער גַאנְץ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כָאטְשׁ וָואס סַיי אִיךְ אוּן סַיי מַיין וַוייבּ בַּאלַאנְגֶען צוּ דִי חֲסִידוּת. זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער וַעד נִישְׁט אָנְצוּנֶעמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים.

דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי; אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב נָאר צוּ נֶעמֶען חִיזוּק אוֹיף עֲבוֹדַת ה' אוּן צוּ זַיין מֶער עֶרְלִיךְ, בֶּעפָאר דֶעם הָאבּ אִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט גֶעעֶפְנְט קַיין אִידִישׁ סֵפֶר אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט, הַיינְט לֶערְן אִיךְ בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל. אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן נַ"ךְ, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן אִיךְ זָאג תְּהִלִּים, מַיין גַאנְצֶע רוּחָנִיוּת אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַנְדֶערְשׁ אוּן פִיל בֶּעסֶער זַייט אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיךְ מַיין שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן.

אִיךְ קֶען מַמָשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס בְּרֶסְלֶב אִיז אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן אָפְּגֶעפְּרֶעגְט, אַזוֹי וַוייט אַז מֶען וויל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער וַוייל אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי פְּרֶעגְסְט פַּארְוָואס בְּרֶסְלֶב אִיז אַזוֹי פַּארְשֶׁעמְט; וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה 'מַחֲלוֹקֶת'; פוּן הַיינְט אָן וֶועט מֶען קְרִיגְן אוֹיף מִיר". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מַחֲלוֹקֶת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן וָואס הַאלְט נָאךְ אָן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג.

**פַּארְוָואס** טַאקֶע הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט אַזַא מַתָּנָה? עֶס פֶּעלְט דֶען גוּטֶע מַתָּנוֹת וָואס צוּ גֶעבְּן? וָואס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מַחֲלוֹקֶת אַז דֶער רֶבִּי רוּפְט דָאס אָן 'אַ מַתָּנָה'? נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גְרוֹיסְט זִיךְ מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר גֵייט אַרוּם מִיט גַּאֲוָה וְכוּ' - פַּאלְט מֶען אַרָאפּ פוּן אַלֶע מַדְרֵיגוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר נְתִיב מִצְווֹתֶיךָ שְׁבִיל הַתּוֹרָה, אוֹת יג; דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם בְּלִיקוּטִים), אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד אוּן עֶר אִיז גֶעזֶעצְן אוֹיפְ'ן שׁוֹיס פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר גֶעהֶערְט וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט אוֹיף זִיךְ: "דָא זִיצְט אַ אִיד וָואס הֶערְט תּוֹרָה - נִישְׁט פוּן קֵיין מַלְאָךְ, נִישְׁט פוּן קֵיין שָׂרָף, נִישְׁט פוּן

אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין און אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרָאפּ פַאלְן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא פוּן גֵאוּת און יֵשׁוּת וְכוּ'"; וַוייל אַז מֶען גְרוֹיסְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם מִיט דִי תוֹרָה און תְּפִילָה וְכוּ' קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן. דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם מַתָּנָה וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט, אַז מֶען וֶועט שְׁפֶּעטְן פוּן אוּנְז.

מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסאַנְטֶע זַאךְ; אַז אַ בָּחוּר'ל דַאוֶוענְט אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, עֶר דַאוֶוענְט אִין אַ סִידוּר און עֶר רֶעדְט נִישְׁט אוֹיס בַּיים דַאוֶוענֶען וְכוּ', אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן פִירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין בַּיי דִי אַרְבֶּעט, עֶר רֶעדְט אֵיידְל, עֶר שֶׁעלְט נִישְׁט וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר אִיז מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, עֶר לוֹיפְט אַרוֹיס אִינְמִיטְן אַרְבֶּעטְן כַּאפְּן אַ מִנְחָה - קוּקְט אִים יֶעדֶער אַרוֹיף, מֶען פְרֶעגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "וֶוער אִיז דֶער בָּחוּר'ל?" "וֶוער אִיז דֶער אִינְגֶערְמַאן?" אָבֶּער וִוי וואוּנְדֶערְלִיךְ אִיז אוֹיבּ מֶען וֶוערְט גֶעווּאוּיר אַז עֶר דְרֵיידְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן און עֶר נֶעמְט זַיין חִיוּת פוּן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט קוּקְט מֶען שׁוֹין מִיט אַ בִּיטוּל אוֹיף אִים און דֶער גַאנְצֶער גְלַאנְץ פַאלְט אַוֶועק.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זֵייעֶר פַיינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וַוייל דֶער רֶבִּי מַאכְט אִים קַאלְיֶע זַיין בִּיזְנֶעס; דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ און רֶעדְט אִים אַיין אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים נִישְׁט צוּלִיבּ דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. עֶר בְּרֶענְגְט אִים כָּל מִינֵי רַאֲיוֹת אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, עֶר בְּרֶענְגְט רַאֲיוֹת פוּן

זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיֵּשֶׁב קפח; וַיְחִי ריט): וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט, "מַאן דְאוֹשִׁיד זַרְעָא בְּרֵיקַנְיָא חַס וְשָׁלוֹם, אֵין מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", אַז וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן - הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; וָואס טוּט אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר הֶערְט אַז עֶס הֶעלְפְט אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה? עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְיוּאָשׁ אוּן עֶר הֶערְט אוֹיף לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וְכוּ' וְכוּ'. דָאס אַלֶעס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָבָר וָואס וִויל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "שֶׁאֵין הַדָּבָר כֵּן, רַק עַל הַכֹּל מוֹעִיל תְּשׁוּבָה", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, "וְאָמַר, שֶׁבָּזֶה הַמַּאֲמָר זוֹהַר אֵין שׁוּם אָדָם מֵבִין הַפְּשַׁט, רַק הוּא לְבַד", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר פַארְשְׁטֵייט קֵיינֶער נִישְׁט פְּשַׁט, נָאר עֶר אַלֵיין; דָאס אִיז פַארְוָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים בִּכְלַל אוּן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן בִּפְרָט, וַוייל דֶער רֶבִּי שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט אִים, דֶער רֶבִּי נֶעמְט נְשָׁמוֹת וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם הָאט שׁוֹין לַאנְג בַּיי זִיךְ אִין קֶעשֶׁענֶע, עֶר כַאפְּט זֵיי אַרוֹיס פוּן דָארְט אוּן בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי אַלֶע וָואס קְרִיגְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז; זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט. וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, אַדְרַבָּה, זֵיי וָואלְטְן וֶוען אוֹיךְ גֶעקוּמֶען נֶעמֶען חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי

אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כַּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְט מֶען נִישְׁט, נָאר זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעטוּן דָאס וָואס זֵיי זָאגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן אוּן אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען טַאקֶע קְרִיגְן.

דִּי גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת אוֹיף בְּרֶסְלֶב אִיז מַעֲשֵׂה בַּעַל דָבָר וָואס עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן רֶבִּי'ן; עֶר וֵוייסְט אַז וִוי נָאר מֶען וֶועט הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּקִים אִיז אוֹיס וֶועלְט, אַלֶע וֶועלְן אָפְּלָאזְן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אַלֶע וֶועלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ אַלֶע גֶעפַאלֶענֶע נְשָׁמוֹת, אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְלֵייגְט אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן.

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר רֶבִּי נָתָן: "אַזוֹינְס אוֹיס צוּ טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר, אַז אִיךְ בִּין פוּן יֶענֶעם כַּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן?" רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט, אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען. רֶבִּי נָתָן הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז דֶעמָאלְט הָאט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט, 'וָואס גֵייט אָן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער זָאגְט?' אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען

דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת אִין דִי וֶועלְט אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הִתְנַגְּדוּת, מֶען הָאט גֶע'רוֹדְפְ'ט רֶבִּי נָתָן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, נִישְׁט וַוייל יֶענֶער הָאט גֶערֶעדְט אוֹיף אִים, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דוּרְךְ דִי מַחֲלוֹקֶת אוּן דוּרְךְ דִי לָשׁוֹן הָרָע וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים אוּן עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גוּטֶע חֵדֶר אוּן אַ גוּטֶע שׁוּלֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער. מֶען זִיל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אִין דִי ... מוֹסָד נָאר וַוייל אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וַוייל אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק מִיט דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס פָאר אִיךְ אוֹיף אוּמַאן, פַארְוָואס בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב? נָאר וַוייל דִי סְפָרִים אוּן דִי דִיבּוּרִים מַאכְן מִיר אוֹיף מַיינֶע אוֹיגְן אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּ. זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן גֶעטוּישְׁט לְטוֹבָה; אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג, אִיךְ דַאוֶוען יֶעדְן

טָאג שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן מַיין גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ מִיר גֶעטוּישְׁט צוּם גוּטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט? פַארְוָואס פַארְשֶׁעמְט מֶען מִיר? וָואס הָאב אִיךְ שׁוֹין גֶעטוּן אַז מֶען וִויל נִישְׁט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער? דִי מוֹסָד וִויל נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער וַוייל אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; אִיךְ בֶּעט דִיר בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ גוּטֶע מוֹסָד פַאר מַיינֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע מוֹסָד פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן דוּ זָאלְסְט זֶען פוּן זֵיי אִידִישׁ נַחַת, אָמֵן.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן פַאר זֵיי אַ גוּטֶע מוֹסָד.

## רפא

### וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צְנִיעוּת בַּיים שְׁלָאפְן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דָא שְׁרַייבְּט אַ מֵיידְל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; קוֹדֶם אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אַזוֹיפִיל עֵצוֹת אוּן חִיזוּק, עֶס גֶעבְּט מִיר שֵׂכֶל אִין לֶעבְּן; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן

דאַוֶועגֶען אֲפִילוּ וֶוען מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין סֶעמִינַאר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל יֶעצְט פַאר פֶּסַח, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אוּן צוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער יֶעדֶע נַאכְט, אוּן נָאךְ פִיל מֶער.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי צְוֵויי בֵּיינֶער בַּיים הַאלְז מֶעגְן זַיין אָפְן בַּיינַאכְט בַּיים שְׁלָאפְן, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען דַארְף אָנְטוּן זָאקְן בַּיים שְׁלָאפְן אוֹיבּ מֶען אִיז סַיי ווִי צוּגֶעדֶעקְט מִיט דִי דֶעקֶע.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, ד' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עְרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**ווַאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף צְנִיעוּת; וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - דָאס אִיז שֵׁיין אוּן מָלֵא חֵן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל אוּן מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אֵיידְל דֶעמָאלְט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט מְכוּבָּד.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (סַנְהֶדְרִין צד.)**: "רַבִּי יוֹחָנָן קָרֵי לֵיהּ לְמָאנֵי מְכַבְּדוּתַי", רֶבִּי יוֹחָנָן, וֶוען עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן זַיין שַׁמָשׁ זָאל אִים בְּרֶענְגֶען זַיינֶע קְלֵיידֶער, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: 'בְּרֶענְג מִיר דִי זַאךְ וָואס בְּרֶענְגְט מִיר כָּבוֹד'; ווַייל קְלֵיידֶער אִיז מְכַבֵּד אַ מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעטוּן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין דֶעמָאלְט אִיז עֶר מְכוּבָּד וְכוּ'.**

**אַסַאךְ** מֵיידְלֶעךְ מֵיינֶען אַז צְנִיעוּת אִיז עֶפֶּעס אַ סָארְט קְנַס, כְּאִילוּ מֶען הָאט גֶע'קַנְס'עֶט דִי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אַז מֶען דַארְף גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל. דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ וִוי אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער זוּכְן אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן פוּן זִיךְ דִי צְנִיעוּת, זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ שְׁטְרָאף, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז צְנִיעוּת בִּכְלַל נִישְׁט קַיין קְנַס, צְנִיעוּת אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ. אַ בַּעַל חַי גֵייט אָן קְלֵיידֶער אוּן עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ בַּיי זֵיי קַיין קְלֵיידֶער, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם וָואס זֶענֶען (יְחֶזְקֵאל כג, כ): "אֲשֶׁר בְּשַׂר חֲמוֹרִים בְּשָׂרָם", צוּגֶעגְלִיכְן צוּ בַּעֲלֵי חַיִים; אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר יִשְׁמָעֵאל וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שֶׁחְט'ן יִצְחָק אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית כב, ה): "שְׁבוּ לָכֶם פֹּה עִם הַחֲמוֹר", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (קִידּוּשִׁין סח.): "עַם הַדּוֹמֶה לַחֲמוֹר"; בַּיי זֵיי אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק יָא אָנְגֶעטוּן נִישְׁט אָנְגֶעטוּן, אָבֶּער מִיר אִידְן וָואס מִיר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל לד, לא): "וְאַתֵּן צֹאנִי צֹאן מַרְעִיתִי, אָדָם אַתֶּם, אֲנִי אֱלֹקֵיכֶם", דַּרְשְׁ'עֶנֶען אוֹיף דֶעם דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יְבָמוֹת סא.): "אַתֶּם קְרוּיִין אָדָם, וְאֵין הָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים קְרוּיִין אָדָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִיר זֶענְט בַּיי מִיר גֶערֶעכְנְט וִוי מֶענְטְשְׁן, אִיר זֶענְט נִישְׁט אִין מַיינֶע אוֹיגְן וִוי בְּהֵמוֹת; דַארְפְן מִיר זַיין אָנְגֶעטוּן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן אֵיידְל.

וֶוען מֶען שְׁלָאפְט גֵייט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין זָאקְן, נָאר מֶען דֶעקְט זִיךְ צוּ מִיט אַ דֶעק - דָאס אִיז צְנִיעוּת; מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (קִידּוּשִׁין נד.): "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה

לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", דִי תּוֹרָה אִיז נִישְׁט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מַלְאָכִים; עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז מֵיידְלֶעךְ זָאלְן שְׁלָאפְן מִיט הוֹיזְן וַוייל דִי פִּיס דֶעקְט זִיךְ אוֹיף וְכוּ', אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל הוֹיזְן פַאר אַ מֵיידְל אִיז פְּרִיצוּת. מֶען פְּרוּבִּירְט דָאס מֶערְסְטֶע צוּ שְׁלָאפְן צוּגֶעדֶעקְט אוּן אוֹיב מֶען דֶעקְט זִיךְ אוֹיף - זָאגְן שׁוֹין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נְדָרִים כז.): "אוֹנֶס רַחֲמָנָא פָּטְרֵיהּ".

## רפב

### אִיךְ ווִיל זִיךְ שׁוֹין גֶט'ן

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ, אוּן יֶעצְט צוּם עִנְיָן. אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן פוּנֶעם מַצָּב אִין אוּנְזֶער שְׁטוּבּ. עֶס אִיז קַיין שְׁטוּבּ נִישְׁט! אִיךְ הָאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן מַיין מַאן, עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין גָארְנִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט אַלֶע יָארְן אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעטוּן פַאר אִים, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן, נָאכְגֶעגֶעבְּן, גֶעהָאלְפְן אוּן אַזוֹיפִיל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, בִּשְׁעַת וֶוען עֶר פְלֶעגְט מִיר אַוֶועקְמַאכְן דִי גַאנְצֶע צַייט. אִיךְ בִּין שׁוֹין זֵייעֶר פַארְמַאטֶערְט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן דִי כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין. אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ ווִי אַ פַארְוֶועלְקְטֶע בְּלוּם וָואס פְּרוּבִּירְט צוּ וַואקְסְן אִין אַ בְּלָאטֶע אָן קַיין זוּן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וָואס עֶס זָאל קֶענֶען אַרְבֶּעטְן אִיז נָאר אַז אִיךְ שְׁפִּיל טוֹיבּ, שְׁטוּם, אוּן בְּלִינְד - נוּ וָואס פַאר אַ לֶעבְּן אִיז דָאס?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַלֶעס פְּרוּבִּירְט, אִיךְ בִּין שׁוֹין דוּרְךְ דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן; אֵיין תְּקוּפָה ווִי עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט, אֵיין תְּקוּפָה פוּן נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צוּפְרִי אוּן אַרֵיינְשְׁלָאפְן בִּיז שְׁפֶּעט אִינְמִיטְן טָאג, אֵיין תְּקוּפָה פוּן כָּל עֶרְלֵיי מְשׁוּגַעתְ'ן בֵּין כּוֹתְלֵי הַבֶּעדְרוּם, אֵיין תְּקוּפָה פוּן זִיךְ דַארְפְן טוֹישְׁן אוּן זַיין מֶער אָפּ-טוּ-דֶעיט, אֵיין תְּקוּפָה פוּן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט זַיין אוֹיסְקוּק אוּן בִּכְלַל לֶעבְּנְסְשְׁטֵייגֶער, נָאךְ אַ תְּקוּפָה פוּן זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - אַ לַאנְגֶע לִיסְטֶע וָואס גֵייט נָאכְאַלְץ אָן. אוּן כָּאטְשִׁיג ווִי שְׁטַארְק דָאס הָאט מִיר אַלְץ וֵויי גֶעטוּן בִּין אִיךְ מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אוּן נָאכְגֶעקוּמֶען אַלֶע פַארְלַאנְגֶען (חוּץ טְרָאגְן אַ שֵׁייטְל), עֶס הָאט אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, עֶר אִיז אִין שְׁטוּב נָאר בְּגוּף, אָדֶער צוּ קְרִיטִיקִירְן אוּן טְשֶׁעפֶּען. אִיךְ מַאךְ אַלֵיין שַׁבָּת, יוֹם טוֹב, פֶּסַח. עֶר הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ נָאךְ אָפּ אַז דִי הוֹיז פְּלִיט אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר נִישְׁט קַיין הַרְחָבַת הַדַעַת אִינְדֶערְהֵיים.

ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ אִין אָרְדֶענוּנְג וֶוען אִיךְ דַארְף אַלֶעס אַלֵיין טוּן אוּן עֶר לִיגְט אִין בֶּעט אוּן הָאט נָאר טַעֲנוֹת? דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אוּן מוּטְשֶׁען אַז טַאטִי הָאט זֵיי צוּגֶעזָאגְט זַאכְן אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ סְפְּרַאוֶוען דֶערְמִיט אוּן אִים עֶרְזֶעצְן.

אִיךְ ווִיל זִיךְ גֶטְ'ן. עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, וַוייל בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ אַלֶעס פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן כְּדֵי זִיךְ נִישְׁט צוּ גֶטְ'ן אוּן טַאקֶע וַוייל אִיךְ וֵויס אַז גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה אוּן ווִי הַארְבּ דָאס אִיז אוּן דִי נָאכְוֵוייעֶן אוּן דִי שְׁוֶועריִקֵייטְן דֶערְפוּן, דָאס הָאט מִיר צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן בִּיז יֶעצְט. נָאכְדֶערְצוּ אַז אִיךְ הָאבּ אַ גֶע'גֶט'ע שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַ גְרוּשָׁה צֶען יָאר, וֶוען נִישְׁט וָואלְט אִיךְ זִיךְ שׁוֹין זִיכֶער גֶע'גֶט, אִיךְ בִּין שׁוֹין אָבֶּער אִין אַ מַצָּב פוּן עַד מָתַי? מַיין לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן...

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר צַייט, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ בַּאלַייכְטְן מִיט אַ קְלָארְקֵייט צוּ קֶענֶען גֶעבְּן דִי רִיכְטִיגֶע עֶנְטְפֶערְס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער.

**אִיךְ** מוּז אַייךְ זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "זִיךְ גֶטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה", בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ; וַוייל אוֹיבּ מֶען גֶט זִיךְ לַיידְן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן.

**בְּמֶשֶׁךְ** דִי פוּפְצְן יָאר וָואס אִיךְ בִּין עוֹסֵק מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעְן אַז רוֹב פְּרָאבְּלֶעמֶען מַאכְן זִיךְ בַּיי קִינְדֶער פוּן גֶע'גֶטְ'עֶ שְׁטוּבֶּער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִּיטִּין צ:): "כָּל הַמְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ, אֲפִילּוּ מִזְבֵּחַ מוֹרִיד דְּמָעוֹת", וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ גֶטְ'ן זִיךְ וֵויינְט דֶער מִזְבֵּחַ. פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "פַארְוָואס וֵויינְט דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? עֶס זֶענֶען דָאךְ דָא אַסַאךְ כֵּלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; פַארְוָואס וֵויינְט נִישְׁט דֶער שֻׁלְחָן; דִי מְנוֹרָה; דֶער אָרוֹן; וָואס עֶפֶּעס דַוְקָא דֶער מִזְבֵּחַ? נָאר דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינְט, וִוי צוּ זָאגְן: 'מֶען אִיז שׁוֹין מַקְרִיב אוֹיף מִיר גֶענוּג קָרְבָּנוֹת, פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען נָאךְ קָרְבָּנוֹת'"...

**מוֹהֲרָא"שׁ** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט אוּנְז: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט"; דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה - נִישְׁט זוּכְן צוּ זַיין גֶערֶעכְט נָאר זוּכְן וִוי מֶען קֶען זַיין קְלוּג. שְׁלֹמֹה

הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר הוֹיז, "וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן ווִי אִיר פַאלְט אַ קָרְבָּן פַארְ'ן יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל צֶעבְּרֶעכְן נָאךְ אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, אִיר שְׁרַייבְּט דָאךְ אַלֵיינְס אַז אִיר הָאט אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן אַלֵיין וְכוּ', וָואס וֶועט אִיר הָאבְּן אַז אִיר וֶועט זִיךְ גֶטְ'ן? אֱמֶת טַאקֶע, עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער יֶעצְט מִיט אַייעֶר מַאן וְכוּ', אָבֶּער דָאס הָאט אִיר נָאכְנִישְׁט פְּרוּבִּירְט - צוּ זַיין אַלֵיין פַאר יָארְן וְכוּ', דָאס וֵוייסְט אִיר נָאכְנִישְׁט - וָואס אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן מִיט מַאכְן וְכוּ', דִי קִינְדֶער וֶועמֶענְס עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט וַואלְגֶערְן זִיךְ אַרוּם פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן הַשֵּׁם יְרַחֵם.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר פוּן אַייעֶר זַייט זָאלְט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן, זַייט וַוייטֶער וַוארֶעם צוּ אִים אוּן וַוארְטְס אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל וְכוּ'. אַ קְלוּגֶע פְרוֹי הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִינְגַאנְצְן אִיבֶּערְצוּדְרֵייעֶן אִיר מַאן לְטוֹבָה; אִיךְ בֶּעט אַייךְ, וַוארְטְס אוֹיס אוֹיף אַ יְשׁוּעָה אוּן אַנְטְלוֹיפְט נִישְׁט. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ גֵיין צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּב וֶוען מֶען קֶען עֶס נָאךְ רַאטֶעוֶוען.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי ווִי וֶוען מֶען קוּקְט אִין

וואָסֶער זֶעט מֶען זִיךְ - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל און וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז אַ מֶענְטְשׁ צוּם חַבֵר - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט שְׁמֵייכְלְט יֶענֶער צוּרִיק און וֶוען מֶען אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז יֶענֶער שְׁלֶעכְט צוּרִיק צוּ דִיר. גֶעדֶענְקְט, דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ 'שְׁפִּיגְל', אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ שְׁפִּיגְל, זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק און אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים וַוייזְט יֶענֶער צוּרִיק אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים. דֶערְפַאר, זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר הַאלְטְס פַאר אַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער: "זַיי קְלוּג, נִישְׁט גֶערֶעכְט", אִיר זָאלְט זַיין דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער און רֶעדְט שַׁיין.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין דִי עֶרֶב פֶּסַח טֶעג; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "בְּכָל דוֹר וָדוֹר חַיָּב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלוּ הוּא יָצָא מִמִצְרַיִם", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן כְּאִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען פַארְקְנֶעכְטֶעט פַאר פַּרְעֹה אִין מִצְרַיִם, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן דָארְט; שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אִיר זֶענְט אִין מִצְרַיִם, אַייעֶר מַאן אַרְבֶּעט פַאר פַּרְעֹה און עֶר וִויל נִישְׁט אַהֵיים קוּמֶען בַּיינַאכְט, עֶר אִיז אַ קְנֶעכְט פַאר פַּרְעֹה, עֶר אִיז אַרַיין גֶעטוּן אִין זַיין גֶעלְט און אִין זַיין אַרְבֶּעט מִיטְ'ן גַאנְצְן לַייבּ און לֶעבְּן וְכוּ'; וָואס הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן, זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט? זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי תְּהִלִים, סִימָן תשצה) אַז בִּזְכוּת דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת זֶענֶען דִי אִידְן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם; דִי מֶענֶער זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁקְלַאפְט

און פַארפְּלָאגְט פַאר דִי מִצְרִיִּים - אַזוֹי ווִי הַיינְט, מֶען הָאט גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין מַאכְן גֶעלְט אַז זֵיי זֶענֶען פָּשׁוּט נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער, וָואס הָאבְּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן גֶעטוּן? זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער אוֹיפְ'ן פֶעלְד דָארְט וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער ווַאסֶער מִיט קְלֵיינֶע פִישׁ, זֵיי הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעווַאשְׁן וְכוּ', און אַזוֹי אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען דִי גַאנְצֶע אִידִישֶׁע פָאלְק וָואס זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם און מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בַּיים בַּארְג סִינַי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי וָואס גֵייט צוּ אִיר מַאן און זִי אִיז דִי וָואס רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וְכוּ' בִּיז דֶער מַאן וֶוערְט אִיבֶּערְגֶערֶעדְט, מֶען לֶעבְּט מִיט לִיבְשַׁאפְט און מֶען שְׁטֶעלְט אוֹיף אַ שְׁטוּב צוּזַאמֶען.

**אִיךְ** בִּין גְרֵייט צוּ רֶעדְן מִיט אַייךְ בֵּיידֶע צוּזַאמֶען און פְּרוּבִּירְן וָואס מֶען קֶען טוּן אִיר זָאלְט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן, ווַייל עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז דֶער לֶעבְּן זָאל אַרִיבֶּער גֵיין מִיט מַחֲלוֹקֶת.

**אִיךְ** זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל: "זִיךְ גֶעטְ'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה", וָואס אִיז יָא דִי עֵצָה? "תְּפִילָה". מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵּל זַיין אַלֶע ווַייבֶּער שׁוּלְ'ן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת; עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס

גֶעזָאגְט, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען"; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ זוּטָא רוּת, רֶמֶז ד): "אֵין הַדּוֹרוֹת נִגְאָלִין אֶלָּא בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת שֶׁבַּדּוֹר", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען נָאר בִּזְכוּת דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן פוּנֶעם דוֹר; נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סוֹטָה יא:): "בִּזְכוּת נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת נִגְאֲלוּ אֲבוֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם, וּבִזְכוּתָן עֲתִידִין לְהִגָּאֵל", אִין זְכוּת פוּן דִי פְרוֹיעֶן זֶענֶען מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם, אוּן בִּזְכוּת זֵיי וֶועלְן מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ אַייךְ אַ בְּרִיוו וָואס אִיר זָאלְט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר.

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**דַיין** וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז עֶס אִיז אִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס לֶעבְּן מִיט דִיר.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת "שָׁלוֹם בַּיִת"; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, ווַייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִידוּל בָּנִים, צַעַר לֵידָה וְכוּ'. אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (שָׁם, סִימָן רסג):

"סִפֵּר לִי אֶחָד שֶׁהָיָה מֵשִׂיחַ עִמּוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מֵעִנְיַן בְּנֵי הַנְּעוּרִים, שֶׁשָּׁכִיחַ מְאֹד שֶׁנַּעֲשֶׂה קִלְקוּל בֵּינֵיהֶם וּבֵין נְשׁוֹתֵיהֶם, וְנִפְרָדִים זֶה מִזֶּה אֵיזֶה זְמַן, וְלִפְעָמִים נַעֲשֶׂה מִזֶּה פֵּרוּד לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם", אֵיינֶער הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁמוּעֶס מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם וָואס מֶען זֶעט אִינְגֶעלַייט צֶעטֵיילְן זִיךְ פַאר אַ שְׁטִיק צַייט אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוערְט נָאכְדֶעם אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם, "אָמַר, שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר. דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַּאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד - לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּבַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן אוּן אַזוֹי כַּאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט דִיר גוּט זַיין אִין לֶעבְּן. זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי קְרִיגְן זִיךְ, זוּכְן זֵיי שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין גֶערֶעכְט. דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר חַג הַמַּצּוֹת, פֶּרֶק א; וְעַיֵּין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כה:) אַז אִין מִצְרַיִם אִיז דֶער מֹחַ אוּן דֶער דִיבּוּר גֶעוֶוען אִין גָלוּת; יֶעצְט אִיז דִי צַייט אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דֶעם גָלוּת

הַדַעַת, גֵיי דוּ אוֹיךְ אַרוֹיס פוּן דַיין קַטְנוּת אוּן זוּךְ נִישְׁט אוֹיסְצוּפִירְן.

יֶעצְט קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח וֶוען אַלֶע אִידְן גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קטז:): "בְּכָל דוֹר וָדוֹר חַיָב אָדָם לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ כְּאִלוּ הוּא יָצָא מִמִצְרַיִם"; כַאפּ זִיךְ אוֹיךְ מִיט מִיט אַלֶע אִידְן וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם. שְׁטֶעל זִיךְ פָאר וִוי דוּ בִּיסְט יֶעצְט אִין מִצְרַיִם אוּן דֶער צַדִיק קוּמְט זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן? וָואלְסְט מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ? נִישְׁט יֶעדֶער אִיז דֶעמָאלְט מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, רוֹב אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם, בְּלוֹיז אַ פִּיפְּטְל פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען מִיט גֶעגַאנְגֶען, וַוייל דִי אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט זֵייעֶרֶע גֶערֶעכְטֶע טַעֲנוֹת אוּן תֵּירוּצִים פַארְוָואס נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פוּן זֵיי? זֵיי זֶענֶען אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי מַכַּת חוֹשֶׁךְ, אָבֶּער דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם אוּן אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר גָלוּת.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ גוּטֶע עֵצָה פַאר אַ מַאן אוּן וַוייבּ וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט אוּן יֶעדֶער פַארְלַאנְגְט פוּנֶעם צְוֵוייטְן זִיךְ צוּ טוּישְׁן; בֵּיידֶע פוּן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען אַ צֶעטְל אוּן אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס מֶען הָאט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת, דֶערְנָאךְ זָאל מֶען נֶעמֶען דִי צֶעטְלֶעךְ פַארְמַאכְטֶערְהֵייט אָן אַרַיינְקוּקְן דֶערִין אוּן דָאס פַארְבְּרֶענֶען

בִּשְׁעַת שְׂרֵיפַת חָמֵץ אִינֶעם פֵייעֶר, וֶוען דֶערְבֵּיי זָאל דֶער מַאן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע קְרִיגֶערֵייעֶן זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֶערְן אוּן עֶר זָאל מֶער נִישְׁט זֶען דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר הָאט אוֹיף זַיין וַוייבּ.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער; גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם נְגִיעָה דָא, אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פוּן אַייךְ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כָּבוֹד פוּן אַייךְ, אִיךְ טוּ עֶס פָּשׁוּט וַוייל מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין מַיין בְּלוּט אִיךְ זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ אוּן מֶען זָאל לֶעבְּן צוּזַאמֶען.

**אִיךְ** וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶערוֹימְט דֶעם חָמֵץ פוּן שְׁטוּבּ; סַיי דֶער פָּשׁוּט'עֶר חָמֵץ אוּן אוֹיךְ דֶעם יֵצֶר הָרַע.

# רפג

### מִיר הָאבְּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן; אֶפְשֶׁר גֶעבְּט אִיר אוֹיךְ שִׁיעוּרִים אִין עֶנְגְלִישׁ

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל, אִיךְ לֶערְן אִין דִי ... סְקוּל אִין בָּארָא פַּארְק; אִיךְ מִיט מַיינֶע חַבֶר'טֶעס הֶערְן אוֹיס דִי חִיזּוּק יוֹמִי אוּן דִי שִׁיעוּרִים, דָאס אִיז מַמָשׁ אוּנְזֶער לֶעבְּן. כָּאטְשׁ וָואס מִיר לֶערְנֶען אִין ... סְקוּל אוּן רוֹב פוּן

אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען ... חֲסִידִים - זֶענְט אִיר אָבֶּער אוּנְזֶער אֶמֶת'עֶר מַנְהִיג אוּן מוֹרֶה דֶרֶךְ, אוּנְזֶער אִידִישְׁקֵייט קוּמְט פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

מִיר הָאבְּן אַ פְּרָאגְרַאם אִין סְקוּל צוּ מַאכְן אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג פוּן יֶעדֶע לַאנְד, יֶעצְט פַאר פֶּסַח הָאט מֶען גֶעדַארְפְט מַאכְן פוּן דִי לַאנְד אוּקְרֵיינֶע אוּן מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן צוּ מַאכְן וֶועגְן בְּרֶסְלֶב וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אוּקְרֵיינֶע. עֶס אִיז גְלַייךְ אוֹיפְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק צוּ מַאכְן עֶפֶּעס פוּן "נַ-נַח", מִיר הָאבְּן עֶס אָבֶּער אָפְּגֶעוָוארְפְן, וַואוּסְנְדִיג ווִי שְׁטַארְק אִיר זֶענְט קֶעגְן דֶעם, ווִי וַוייט דָאס פַארְשֶׁעמְט בְּרֶסְלֶב - וָואס אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן צוּ מַאכְן אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג פוּן דֶעם נִיגּוּן הַפָּצָה וָואס מֶען הָאט לֶעצְטְנְס גֶעמַאכְט דֶערְפוּן אַ שֵׁיינֶע קְלִיפּ, מִיר הָאבְּן אָנְגֶעצִינְדְן דֶעם קְלִיפּ אוּן מִיר הָאבְּן צוּגֶעלֵייגְט שֵׁיינֶע תְּנוּעוֹת צוּם נִיגּוּן, אוּן בָּרוּךְ ה' דִי פָּארְשְׁטֶעלוּנְג אִיז גֶעלוּנְגֶען גָאר שֵׁיין אוּן יֶעדֶער הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען זָאגְן שִׁיעוּרִים אוֹיךְ אִין עֶנְגְלִישׁ; אַזוֹי ווִי טֵייל פוּן מַיינֶע חַבֵר'טֶעס פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער עֶנְגְלִישׁ ווִי אִידִישׁ אוּן זֵיי דַארְפְן אוֹיךְ הָאבְּן חִיזּוּק.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר אוּנְז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**ווַאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן מַאכְן אַ פָּארְשְׁטֶעלוּנְג פַאר פּוּרִים בַּיי אַייךְ אִין סְקוּל פוּן**

"נַ-נַח", נָאר אַנְשְׁטָאט דֶעם הָאט אִיר גֶעמַאכְט אַ שְׁפִּיל פוּן בְּרֶסְלֶב ווִי אַזוֹי מֶען טֵיילְט סְפָרִים וְכוּ'.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע): "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דוּרְךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּן זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען זֵיי גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק"; בִּפְרַט דִי נֵייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישׁ פוּן "נַ-נַח", וָואס זֵיי זֶענֶען מְבַזֶה דֶעם רֶבִּי'ן אִין אַלֶע גַאסְן. מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב אוּן זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**מֶענְטְשְׁן** מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ שְׁפִּיל וְכוּ', אָבֶער דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע זַאךְ אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט בְּגָדִים וָואס עֶס שְׁטֵייט דֶערוֹיף "נַ-נַח" אוּן נִישְׁט זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן "נַ-נַח".

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק; זֵייעֶר אַסַאךְ עֶלְטֶערְן וֶוערְן בְּרוֹגֶז אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי גֶעפִינֶען אוֹיס אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן בְּרֶסְלֶב, ווַייל זֵיי מֵיינֶען אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים.

**בִּנוֹגֵעַ** עֶנְגְלִישֶׁע שִׁיעוּרִים; עֶס אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג צוּ רֶעדְן אוֹיף עֶנְגְלִישׁ ווַייל אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעווַאקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען רֶעדְט נָאר אִידִישׁ. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען

גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין יְשִׁיבָה אוֹיף עֶנְגְלִישׁ פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס קֶענֶען נִישְׁט קַיין אִידִישׁ, מֶען קֶען דָאס הֶערְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן לַיין "קוֹל בְּרֶסְלֶב".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן שִׁידוּכִים בְּקָרוֹב בִּזְכוּת וָואס אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִים נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "הַמְבַזֶּה תַּלְמִיד חָכָם, אֵין לוֹ רְפוּאָה לְמַכָּתוֹ", אֵיינֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז נִישְׁטָא קַיין רְפוּאָה פַאר זַיין עוֹנֶשׁ וָואס עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִדָּה טוֹבָה מְרֻבָּה: "הַמְכַבֵּד צַדִּיקִים, אֵין מַחֲלָה שֶׁלֹּא יִזְכֶּה עַל יְדֵי זֶה לִרְפוּאָה", אֵיינֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד צַדִּיקִים, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען צַדִּיקֵי אֱמֶת, וֶועט עֶר זִיכֶער אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע קְרֶענְק, אָמֵן.

## רפד

**ווי אַזוֹי טְרֵייסְט מֶען זִיךְ נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת פוּנֶעם ווִיזְנִיצֶער רֶבִּי זַצַ"ל? אוּן ווִי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קִינְדֶער וֶועגְן שְׁטַארְבְּן?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ סַיי פוּן דִי בְּרִיוו אוּן סַיי פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק דֶערְמִיט.

הַיינְט אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן מַיין גְרוֹיסֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, כְּבוֹד קְדוּשַׁת אַדְמוֹ"ר מוֹויזְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און אִיךְ דַארְף חִיזוּק ווייטֶער אָנְצוּגֵיין, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ פַאר'יָתוֹמְ'ט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן? ווִי אַזוֹי פוּל אִיךְ אָן דֶעם חָלָל וָואס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער אִיבֶּער שְׁטַארְבְּן, מַיינֶע קִינְדֶער פְרֶעגְן מִיר: "וָואס מֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן?" "וואוּ טְרָאגְט מֶען דֶעם רֶבִּי'ן בַּיי דִי לְוָיָה?" אוֹיךְ לֶעצְטְנְס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אוּנְזֶער בַּאבֶּע מִיט וָועמֶען דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט ווִי אַזוֹי דָאס צוּ מַסְבִּיר זַיין פַאר זֵיי, זֵיי זֶענֶען דְרֵיי און פִינְף יָאר אַלְט; פוּן וֶוען קֶען מֶען רֶעדְן צוּ קִינְדֶער וָואס מֵיינְט שְׁטַארְבְּן? אִיךְ וויל נִישְׁט זֵיי זָאלְן בְּלַייבְּן מִיט קָאשְׁמַארְן.

אוֹיךְ קֶענְט אִיר מִיר אֶפְשָׁר שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דִי שַׁיְיכוּת פוּן מַיין רֶבִּי צוּ בְּרֶסְלֶב? דִי שָׁעוֹת צֶעטְלֶעךְ און זַיין זָאגְן גְמָרָא מַאכְט אִים נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט נָאכְזָאגְן פוּן אַייךְ אַז אַייעֶר הִתְקַרְבוּת צוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען אַמָאל בַּיים וויזְנִיצֶער רֶבִּינְ'ס טִישׁ, און אוֹיךְ אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען צוּ אַייעֶר זַייט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קֶעגְן אַייךְ וֶוען מֶען הָאט גֶעפִירְט אַ מַחֲלוֹקֶה קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה, אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר דֶערְצֵיילְן אַבִּיסְל מֶער דֶערְוֶועגְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, אוֹי לָנוּ כִּי חָטָאנוּ; מִיר דַארְפְן וויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פה): "הַבּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל עַל אָדָם כָּשֵׁר, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו", אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען עֶר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת; וַוייל וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, מֶען זֶעט וָואס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ אַבְטוּנְג גֶעבְּן מְקַיֵים צוּ זַיין אַלֶע מִצְווֹת"; דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: "הַבּוֹכֶה וּמִתְאַבֵּל עַל אָדָם כָּשֵׁר, מוֹחֲלִין לוֹ עַל כָּל עֲווֹנוֹתָיו", דֶער וָואס וֵויינְט וֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט; עֶר וֵויינְט אוֹיף זִיךְ, 'וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְהֵייבְּן פוּן מַיין בְּלָאטֶע? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן?' דֶעמָאלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

דִי רַחֲמָנוּת אִיז אוֹיף אוּנְז; אוֹיף דֶעם צַדִיק אִיז נִישְׁט קַיין רַחֲמָנוּת וַוייל עֶר גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן עֶס קוּמֶען אִים אַנְטְקֶעגְן אַלֶע מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן זַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִילָה אוֹיף וָואס עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַלֶע זַיינֶע יָארְן, עֶס קוּמֶען אִים אַנְטְקֶעגְן אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים, מֶען רוּפְט אוֹיס אִין הִימְל: "מַאכְט פְּלַאץ פַאר דִי נְשָׁמָה וָואס הָאט כָּל יָמָיו גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה,

מַאכְט פְלַאץ פַאר דִי נְשָׁמָה וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט תּוֹרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער"; דִי רַחְמָנוּת אִיז אוֹיף אוּנְז.

**מוֹהֲרָא"שׁ** שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת טו) וְוִי אַזוֹי מִיר קֶענֶען וִויסְן אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ בְּרֶענְג דִיר אַרָאפּ דֶעם לָשׁוֹן: "נָאךְ אַ סִימָן אִיז דָא, אַז אַן אֱמֶת'עֶר צַדִיק אִיז מְעוֹרֵר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג וֶועט רֶעדְן פוּן אַלֶעם אוֹיסֶער פוּן תּוֹרָה. דֶערִיבֶּער וֶוען אִיר גֵייט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זֶעט אַז דוּרְךְ יֶענֶעם בַּאקוּמְט אִיר אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז אַ סִימָן אַז אִיר זֶענְט בַּיי אַן אֱמֶתְ'ן צַדִיק".

**דֶער** וִוויזְנִיצֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט פַארְלַאנְגֶען פוּן יֶעדְן חָסִיד - פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין - מֶען זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; עֶר הָאט פַארְלַאנְגְט אַ שָׁעוֹת צֶעטְל אוּן יֶעדֶער חָסִיד הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט פַארְשְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג וִויפִיל שָׁעָה עֶר לֶערְנְט, אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר זֵיי מְחַזֵק זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד צְוִוישְׁן עֲשִׁירִים אוּן אָרֶעמֶעלַייט; עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶע'חַנְפְ'עֶט, נָאר יֶעדֶער הָאט גֶעדַארְפְט לֶערְנֶען.

**בְּנוֹגֵעַ** רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן שְׁטַארְבְּן וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ רֶעדְן אִין שְׁטוּב פוּן יוֹם הַמִּיתָה אוּן זִיכֶער

נִישְׁט מִיט קִינְדֶער. זֶע אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אַ פְרֵיילִיכְקֵייט אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת ל:): "אֵין הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רוּט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען פְרֵיידְט זִיךְ; אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועט זַיין בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אוּן אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטוּבּ הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אִיז שׁוֹין אַלֶעס דָא אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי וָואס אַ צַדִּיק אִיז; דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּ ווֶעלְן וֶוערְן אַ צַדִּיק.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דֶער סִיפּוּר פוּנֶעם הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת", זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶב: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; ווַייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', 'אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִּיק', מֶען הֵייבְּט אָן זִינְגֶען: "אוֹי טַאטֶע, אוֹי פָּאטֶער - אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; אוֹי טַאטֶע, אוֹי פָּאטֶער - אִיךְ ווִיל זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

**אִיךְ** פְלֶעג גֵיין זֵייעֶר אַסַאךְ צוּם טִישׁ פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אַלְס בָחוּר אוּן אוֹיךְ אַלְס אִינְגֶערְמַאן, אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ מִיטְהַאלְטְן בַּיים מוֹצָאֵי תִשְׁעָה בְאָב טִישׁ דֶעם סִיוּם הַשַּ"ס. אוֹיךְ וֶוען מַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א פְלֶעגְט גֵיין בַּאזוּכְן דֶעם ווִיזְנִיצֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיט גֵיין.

**וֶוען** אִיךְ הָאב גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר גְרוֹיסֶע מַחֲלוֹקֶת; מֶען הָאט גֶעמַאכְט הַפְגָנוֹת אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט כִּתְבֵי פְלַסְתֵר, מֶען הָאט אַיינְגֶעגֶעבְּן מְסִירוֹת וְכוּ' וְכוּ'. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מֶען דֶעמָאלְט אַרוּם גֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע רַבָּנִים אַז מֶען זָאל אַרוֹיס קוּמֶען מִיט אַ קוֹל קוֹרֵא קֶעגְן מִיר; מֶען אִיז גֶעזֶעצְן טֶעג אוּן וָואכְן בַּיים ווִיזְנִיצֶער רֶבִּי, מֶען הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט עֶר זָאל אוּנְטֶער שְׁרַייבְּן קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה, אָבֶער גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן (עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן, אָבֶער אֵין כַּאן הַמָקוֹם לְהַאֲרִיךְ).

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין דָבוּק אִין אֶמֶת'ע צַדִיקִים אוּן גֵיין אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן, בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אָמֵן.

# רפה

**אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט דִי פֶערְטֶע מָאל מִשְׁנַיּוֹת, יְיַשֵׁר כֹּחַ!**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, צוּ עֶנְדִיגְן דִי פֶערְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס. נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת צַו, ה' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַנָאָה צוּ הֶערְן ווִי דוּ פְלֵייסְט זִיךְ אִין לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט אִין לִימוּד מִשְׁנַיּוֹת, אוּן דוּ הָאסְט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין דִי פֶערְטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (וַיִּקְרָא רַבָּה ז, ג): "אֵין כָּל הַגָּלֻיּוֹת הַלָּלוּ מִתְכַּנְּסוֹת אֶלָּא בִּזְכוּת מִשְׁנַיּוֹת", מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי וָואס לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת; דָאס זֶעלְבֶּע וֶועט זַיין מִיט דַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן דַיין גָלוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כב.):

אויפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים סח, ז): "מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אַרוֹיס בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן זֵייעֶר תְּפִיסָה אוּן עֶר מַאכְט שִׁידוּכִים; בִּזְכוּת לִימוּד מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ אַזוֹי וִוי תּוֹרָה; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - דֶער אִיז רַייךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ג, ז): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד, אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אוּן אַ דַף גְמָרָא אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נְדָרִים מא.) "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, דֶער אִיז אַן אָרֶעמַאן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוּן טוּט נִישְׁט קַיין מַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט וֶועט עֶר זַיין אָרֶעם, וַוייל אִין בֵּית הַחַיִּים נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין גֶעלְט מִיט הַייזֶער, דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דֶערְפַאר זֶע אַרַיינְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל תּוֹרָה יֶעדְן טָאג.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס תּוֹרָה טוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין רַחֲמָנָא לִצְלָן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה, וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס וואוּ עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## רפו

**אִיךְ קֶען נִישְׁט מַיין טַאטֶע, אִיךְ דַארְף חִיזּוּק צוּ רֶעדְן צוּ אִים**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען שׁוֹין גֶע'גֶט פַאר עֶלְף יָאר, אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואַקְסְן בַּיי מַיין מַאמֶע אוּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט מַיין טַאטֶע.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן[ה] אַז אִיךְ דַארְף רֶעדְן מִיט בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר דָאס טַאקֶע צוּ טוּן, אִיךְ דַארְף אָבֶער נָאךְ חִיזוּק אוֹיף דֶעם, עֶס אִיז מִיר נָאכְאַלְץ שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז טַאקֶע מַיין טַאטֶע.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע בְּרִיוו אוּן שִׁיעוּרִים, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת צַו, ו' נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ פְרוֹי מִיט אִיר זוּן אַ בָּחוּר צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אַבּוּחֲצִירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דֶער בַּאבַּא סַאלִי), זִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן אִיר הַארְץ פַאר אִים: "מַיין זוּן מַאכְט מִיר צָרוֹת אִין שְׁטוּבּ; עֶר שְׁרַייט אוֹיף מִיר, עֶר שְׁלָאגְט מִיר, אִיךְ הַאלְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן אִים!" הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאבַּא סַאלִי זי"ע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וַויינֶען: "אַיי אַיי אַיי... וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ מַאמֶע, וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן פַאר אִיר... אִיךְ וָואלְט גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִיר, אִיךְ

ה. דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר אִיר וָואס זִי דַארְף, אִיךְ וָואלְט אִיר מְכַבֵּד גֶעוֶוען", אַזוֹי הָאט עֶר גֶעוֵויינְט אַ לַאנְגֶע צַייט; עֶר הָאט גֶעוֵויינְט מִיט אַזַא תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אַז דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַ מוֹרָא'דִיגֶער רוֹשֶׁם אוֹיף דֶעם בָּחוּר, בִּיז דֶער בָּחוּר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט צוּ וֵויינֶען מִיט אִים. צוּם סוֹף הָאט עֶר צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן מֶער נִישְׁט מְצַעֵר זַיין דִי מַאמֶע.

וָוען מֶען הֶערְט אַזַא מַעֲשֶׂה דַארְפְן מִיר אַלֶע מִיט וֵויינֶען אוּן זִיךְ פְרֶעגְן: 'וִוי אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ אוֹיף צוּ אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן?' אוּן זִיךְ פָארְנֶעמֶען אַז מִיר וֶועלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, מִיר וֶועלְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין אוּן רֶעדְן צוּ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ רֶעדְן מִיט דַיין טַאטֶע ווַייל שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט אִים נִישְׁט גֶעזֶען אוּן נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עד): "לִפְעָמִים אֵין לְהָאָדָם שׁוּם הִתְלַהֲבוּת בְּהַתְּפִלָּה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען דַארְף עֶר זִיךְ מַאכְן אַ חֵשֶׁק אוּן אַ בְּרֶען, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ וִוי עֶר אִיז בְּרוֹגֶז, 'מֶען שְׁנִיצְט זִיךְ אַ רוֹגֶז' אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר טַאקֶע בְּרוֹגֶז, אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען. מֶען מַאכְט זִיךְ וִוי מֶען הַאלְט דֶערְבֵּיי אוּן נָאכְדֶעם הַאלְט מֶען שׁוֹין טַאקֶע בַּיים דַאוֶוענֶען; פִירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: "וְעֵצָה זֹאת הִיא עֵצָה גְּדוֹלָה מְאֹד גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, שֶׁבִּתְחִלָּה צְרִיכִין

לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא לָהוּט אַחַר אוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וְאַחַר כָּךְ זוֹכִין בֶּאֱמֶת לָזֶה. וְהָבֵן מְאֹד", דָאס אִיז אַן עֵצָה פַאר יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, אִין אָנְהֵייבּ דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חֵשֶׁק אֲפִילוּ מֶען הָאט בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי עֲבוֹדָה וָואס מֶען טוּט.

**שְׁטֶעל** זִיךְ פָאר אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זָאגְן: 'אִיךְ לֵייג נִישְׁט קַיין תְּפִילִין ווי לַאנְג אִיךְ הָאבּ אַ גֶעפִיל דֶערְצוּ'; עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ. מִיר דַארְפְן טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן - נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי מֶען הָאט יָא אַ גֶעפִיל צִי מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל. דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע, דַארְף מֶען זֵיי מְכַבֵּד זַיין אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין חֵשֶׁק דֶערְצוּ אוּן עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער. קוֹדֶם מַאכְט מֶען זִיךְ ווי מֶען וְויל רֶעדְן, מֶען מַאכְט זִיךְ כְּאִילוּ מֶען הָאט אַ גֶעשְׁמַאק וְכוּ', בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען וֶוערְט צוּרִיק פַארְאֵיינִיגְט מִיט טַאטֶע מַאמֶע.

**וזאוֹיל** אִיז פַאר דֶעם וָואס לֵייגְט אַוֶועק זַיינֶע בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן כְּדֵי צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי זַיינֶע קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת, פוּן מַחֲלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן. מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען אוּן מַאכְן שָׁלוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג, כג): "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא" וְגוֹ', "וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם".

**דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ**
**עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ג, מִכְתָּב קפג:**

## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְכַבֵּד זַיין מַיין טַאטֶע וֶוען אִיךְ קֶען אִים קוֹים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיבְּעצְן יָאר אַלְט אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶע'גֶט וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֶעקְס יָאר אַלְט. אִיךְ קֶען כִּמְעַט נִישְׁט מַיין טַאטֶע, אִיךְ רֶעד מִיט אִים קוֹים צְוֵויי מִינוּט בַּיי אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה, וָואס דָאס קוּמְט אוֹיס מֶערְסְטְנְס אֵיין מָאל אַ יָאר.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז מֶען דַארְף אָנְרוּפְן טַאטֶע אוּן מַאמֶע אַלְס כִּיבּוּד הוֹרִים, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָבֶער אָנְרוּפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיךְ קֶען אִים כִּמְעַט נִישְׁט אוּן אִיךְ וֵויים אֲפִילוּ נִישְׁט צִי עֶר אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט אִין מִיר, צִי עֶר אִיז בִּכְלַל נֵייגֶערִיג אַז אִיךְ זָאל אִים רוּפְן. מַיין עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער הָאט גֶעלַאכְט וֶוען אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אַ קִינְד מוּז רֶעדְן מִיט דִי עֶלְטֶערְן.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ יֶעצְט פִירְן, וַוייל מַיין כִּיבּוּד אָב גֵייט אוֹיךְ אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן כִּיבּוּד אֵם, וַוייל פַאר מַיין מַאמֶע גֵייט זֵייעֶר שְׁטֶערְן אוֹיבּ זִי וֶועט הֶערְן אַז אִיךְ רֶעד מִיט מַיין טַאטֶע וְכוּ', וִויל אִיךְ וִויסְן וָואס הָאבּ אִיךְ יֶעצְט צוּ טוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיר גֶעבְּט אִין אַייעֶרֶע דְרָשׁוֹת, עֶס אִיז מִיר מְחַיֶּ' יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס אִיבֶּער.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וְוִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה, עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז דִי תּוֹרָה גְלַייכְט צוּ מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (מְכִילְתָּא פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, פָּרָשָׁה ח); דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן מִיר אוּן מִיךְ מְכַבֵּד זַיין", אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין".

**עֶס** אִיז דָא זֵייעֶר אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע חֲזַ"ל (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פָּרָשָׁה כו): "כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְבַקֵּשׁ מֵהָאָדָם רַק שֶׁיְּכַבֵּד אָב וָאֵם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז מַיינְס - אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאשַׁאפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט פוּן עֶנְק נָאר אֵיין זַאךְ, אַז אִיר זָאלְט מְכַבֵּד זַיין עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם; אֲפִילוּ יֶעצְט וואוֹינְסְטוּ מִיט דַיין מַאמֶע וְכוּ', דָאךְ זָאלְסְטוּ רוּפְן דַיין טַאטֶע יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן מִיט אִים.

**וְוִיסְן** זָאלְסְטוּ, נִישְׁט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֵייסְט רֶעדְן מִיט טַאטֶע מַאמֶע; דִי תּוֹרָה הֵייסְט מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן, אַזוֹי ווִי דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ", וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן

וֶועט עֶסְן פוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז כִּיבּוּד אָב גֵייט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן כִּיבּוּד אֵם, מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע לוֹיט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט, ווִי אַזוֹי דִי תּוֹרָה זָאגְט; אַז דִי תּוֹרָה הֵייסְט מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע, דַארְף מֶען מְכַבֵּד זַיין בֵּיידֶע, אֲפִילוּ עֶס שְׁמֶעקְט נִישְׁט פַאר אֵיינֶעם פוּן דִי עֶלְטֶערְן אַז דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּם צְוֵוייטְן צַד.

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם נוֹשֵׂא, מוּז אִיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אַ ווֵיי גֶעשְׁרֵיי אוֹיף דִי אַלֶע כְּלוֹמֶר'ישֶׁע עַסְקָנִים וָואס זָאגְן פַאר קִינְדֶער פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער וְכוּ' נִישְׁט צוּ רֶעדְן מִיט אֵיינֶע פוּן דִי עֶלְטֶערְן; מֶען אִיז זִיךְ מַלְבִּישׁ מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן פְרוּמֶע וְכוּ', אַז דָא טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי טַאטֶע ווַייל עֶר טוֹיג נִישְׁט, דָא טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי מַאמֶע ווַייל זִי אִיז נִישְׁט בְּסֵדֶר; ווֵיי אִיז פַאר דִי וָואס לָאזְן נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן זֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, ווֵיי אִיז פַאר דִי עַסְקָנִים וָואס טֵיילְן אָפּ עֶלְטֶערְן פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, ווִיפִיל טְרֶערְן וֶוערְן פַארְגָאסְן פוּן עֶלְטֶערְן, פוּן טַאטֶעס אוּן מַאמֶעס וָואס ווִילְן רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן מֶען לָאזְט נִישְׁט דִי קִינְדֶער רֶעדְן צוּ זֵיי וֶועגְן פָּאלִיטִיק אוּן פְּרִיוַואטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת; ווֵיי פַאר וֶוער עֶס הָאט אַ חֵלֶק אִין צוּרִיק הַאלְטְן קִינְדֶער צוּ רֶעדְן צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, ווֵיי פַאר זֵיי וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי בַּאשְׁטְרָאפְן.

**בֶּאֱמֶת** פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַזַא נַארִישֶׁע שְׁאֵלָה, צִי דַיין טַאטֶע ווִיל בִּכְלַל רֶעדְן

מִיט דִיר וְכוּ', דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ עֶר אִיז אִינְטֶעֶרעסִירְט אַז דוּ זָאלְסְט אִים רוּפְן וְכוּ'; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּב, וֶועסְטוּ זֶען וָואס הֵייסְט קִינְדֶער; דוּ וֶועסְט אַלֵיינְס שְׁפִּירְן ווִי דָאס הַארְץ פוּן אַ טַאטֶע גֵייט אוֹיס צוּ קֶענֶען רֶעדְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. ווִי אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע רַחֲמָנוּת פוּן אַ טַאטֶע צוּ אַ קִינְד. מֶען זֶעט אִין תְּהִלִּים ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ נוּצְט דִי רַחֲמָנוּת פוּן אַ טַאטֶע צוּ ווַייזְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קג, יג): "כְּרַחֵם אָב עַל בָּנִים רִחַם ה' עַל יְרֵאָיו", אַזוֹי ווִי אַ טַאטֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זַיין קִינְד אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**דָאס** אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ; ווִילַאנְג זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה, ווֵייסְן זֵיי נִישְׁט מַחְשִׁיב צוּ זַיין עֶלְטֶערְן אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין עֶלְטֶערְן. מֶען לוֹיפְט צוּ חֲבֵרִים, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי עֶלְטֶערְן; אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן אוּנְטֶער צוּ ווַאקְסְן, מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן מוּטְשֶׁען מִיט קִינְדֶער, עֶרְשְׁט דֶעמָאלְט כַאפְּט מֶען זִיךְ וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען, אָבֶּער דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסֶעלֶע שְׁפֶּעט, ווַייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, טוּ תְּשׁוּבָה אוּן בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער מִיט דַיין טַאטֶע אֲפִילוּ דוּ ווָאוֹינְסְט יֶעצְט בַּיי דַיין מַאמֶע; דַיין מַאמֶע דַארְף פַארְשְׁטֵיין אַז דָאס אִיז

דַיין טאטֶע וְכוּ'. קוּק נִישְׁט אוֹיף דַיין בְּרוּדֶער וָואס שְׁפֶּעט אָפּ פוּן דֶעם, אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּ דַיין טאטֶע וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי אַז דָאס אִיז דִיר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, וַוייל שׁוֹין עֶלְף יָאר וָואס דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט אִים, אָבֶער אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן דָאס צוּ טוּן וֶועט דִיר גוּט זַיין; דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר מָאל וֶועט דִיר דָאס זַיין שְׁוֶוער, אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶועט דִיר נָאר גְרִינְגֶער וֶוערְן אוֹיף דַיין הַארְץ.

דוּ קֶענְסְט וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר דַיין בְּרוּדֶער.

## רפז

**אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ חָתָן, אוּן אִיךְ הָאבּ וַוייטֶער שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר אוֹיף דִי הָאטְלַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

שׁוֹין יָארְן וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה, אִיךְ קוּק אוּן אִיךְ טוּ שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִיצְלַן, אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְזֶען דֶערְפוּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַ חָתָן וֶוערְן וֶועט מִיר וֶוערְן גְרִינְגֶער, דֶערְוַוייל אָבֶער הָאט מִיר שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז

איך בין אַ חָתָן געוואָרן און איך מוטשע זיך נאָך ווייטער מיט שרעקליכע נסיונות, איך בעט אייך, העלפט מיר אַרויס!

אַ גרויסן יישר כּח.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי-א, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

**איך** האָב ערהאַלטן דיין בריוו.

**ווען** אַ מענטש פאַלט אַריין אין עבירות, בִּפְרָט ווען מען זינדיגט אין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - איז זייער שווער אַרויס צו קריכן דערפון.

**עֶס** שטייט אין זוהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיְחִי ריט:) "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה בַּר מֵהַאי", עס איז נישטאָ קיין עבירה וואָס עס העלפט נישט דערויף קיין תְּשׁוּבָה, אויסער ווען אַ מענטש איז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, "וְלֵית לָךְ לְחַיָּיבָא דְּלָא חָמָאן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא בַּר מֵהַאי", עס איז נישטאָ קיין זינדיגער מענטש וואָס וועט נישט זוכה זיין צו זען דעם אייבערשטן אויב ער טוט תְּשׁוּבָה, אויסער דער וואָס זינדיגט אין פְּגַם הַבְּרִית; די עבירה פון פְּגַם הַבְּרִית איז אַזוי האַרב, ווייל יעדע טִיפָּה וואָס דער מענטש איז מוֹצִיא לְבַטָּלָה איז אַזוי ווי ער הרג'עט זיינע קינדער. דאָס איז אֲפִילוּ ווען אַ מענטש זינדיגט איין מאָל וְכוּ', כָּל שֶׁכֵּן

אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער רוֹצֵחַ.

**נָאר** דֶער רֶבִּי קֶען דִיר הֶעלְפְן; דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז קְרַאנְק אוּן לַיידְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע גֶעמֵיינֶע שְׁמוּץ אוֹיבּ עֶר וֶועט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטִס.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ בִּיסְט נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אִיז דָא פַאר דִיר אֵיין עֵצָה: נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן הֵייבּ אָן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת; לֶערְן אֵיין פֶּרֶק נָאכְן

צְווייטְן, אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט ווייל פוּן אַזוֹיפִיל מָאל זִינְדִיגְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הָאסְטוּ פַארְלוֹירְן דַיין מֹחַ. אַזוֹי ווִי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, קי): "סִלּוּקָא דִיסוֹדָא עַד אַבָּא וְאִמָּא", אַז מֶען אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּיְסוֹד - גֵייט דֶער פְּגַם בִּיזְ'ן מֹחַ; מֶען פַארְלִירְט דֶעם כֹּחַ פוּן זִיךְ קֶענֶען קָאנְצֶענְטְרִירְן וְכוּ'. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֶערְט אוֹיף צוּ טוּן עֲבֵירוֹת אוּן מֶען רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי קְלִיפּוֹת.

**אִיךְ** זָאג דִיר נָאכְאַמָאל: "קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, נָאר דוּ אַלֵיינְס"; אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אוּן עֶס מְקַיֵים זַיין, דוּ וֶועסְט זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיין שְׁרֶעקְלִיכְן פְּלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ בִּיסְט אַרַיין גֶעפַאלְן. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, חַ"י חַ"י הוּא יוֹדֶךְ כָּמוֹנִי הַיוֹם, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ מִתְגַבֵּר זַיין אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרַע. בֶּעט אִים יֶעדְן טָאג אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט טוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים; בֶּעט אִים אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט לַיידְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן בִּיטֶערֶע צָרוֹת, ווייל אַלֶע צָרוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ

לַיידְט קוּמְט פוּן פְּגַם הַבְּרִית. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית בַּאשַׁאפְט עֶר קְלִיפּוֹת, שֵׁדִים אוּן מַשְׁחִיתִים וָואס פַּייניגְן אִים, זֵיי גֵייעֶן מִיט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אִיבֶּערָאל אוּן מַאכְן אִים בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אָמֵן.

## רפח

### בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן פֶּסַח, וְוִי אַזוֹי הַאלְט אִיךְ זִיךְ פְרֵיילִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דְרֵיי יָאר צוּרִיק וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, וָואס הָאבְּן מַמָּשׁ גֶעעֶפְנְט מַיינֶע אוֹיגְן.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר פוּן נַיינְצְן יָאר, אִיךְ הֶער וְוִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וְוִי אַזוֹי מֶען דַארְף פִירְן אַ סֵדֶר מִיט רוּאִיגְקֵייט, וְוִי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן פֶּסַח, וָואס מֶען קֶען טוּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט הֶערְשְׁן אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אִינְדֶערְהֵיים. דָאס אִיז אַלֶעס זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁט אַזוֹי? מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפֶערְלִיךְ נֶערְוֶועז פֶּסַח אוּן שְׁרֵייט זֵייעֶר אַסַאךְ, יֶעדֶעס יָאר קוּמְט צוּ פְרִישֶׁע חוּמְרוֹת בַּיי אוּנְז. מַיינֶע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער

ווילְן שוֹין נִישְׁט קוּמֶען צוּ אוּנְז אוֹיף פֶּסַח, וַוייל עֶס אִיז שוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט צוּם אוֹיסְהַאלְטְן.

איךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח, אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען הָאבְּן אַ רוּאִיגֶע גֶעשְׁמַאקֶע פֶּסַח צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס; נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעס וָואס אִיר טוּט פַאר מִיר.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת שְׁמִינִי-א, י"א נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אַז מִיר זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זוּכְן דָאס גוּטְס; אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ זָאל מֶען אוֹיפְזוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם שְׁוֶועריקַייט, מֶען זָאל זוּכְן דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אוּן מֶען זָאל אִים דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶערוֹיף.**

**דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג פוּן טְרַאכְטְן; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי**

זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה): דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס. אַזוֹי ווִי דָּוִד הַמֶּלֶךְ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוֹיף דֶעם וָואס אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט".

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע יוֹם טוֹב; נוּץ דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט בַּאדֶערְן אוּן עֶס זָאל דִיר גָארְנִישְׁט אָנְגֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים - פַאלְן מְמֵילָא אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן וֵוייטָאגְן וְכוּ'.

**פוּן** אֵיין זַייט אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ מְקַיֵים זַיין מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ', אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דִי שְׂכַר זֵייעֶר גְרוֹיס, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא", ווִי שְׁוֶוערֶער עֶס קוּמְט אָן צוּ מְקַיֵים זַיין אַ מִצְוָה אַלְץ מֶער שְׂכַר בַּאקוּמְט מֶען, בִּפְרַט דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּרוֹתֵיהֶם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא; כִּבּוּד אָב וָאֵם", אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם בַּאצָאלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׂכַר נִישְׁט נָאר

אויף יֶענֶע וועלְט, נָאר אויךְ אויף דִי וֶועלְט; אַז דו וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער. נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ און ווִי אַזוֹי דו הָאסְט זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶועסְטוּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען מִיט פְּרָאצֶענְט פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר: "אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח"; ווייל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דָאס אִיז דַיין אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דוּ דַארְפְּסְט אַרְבֶּעטְן אויף דִיר אַלֵיין אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ. כָּל זְמַן דוּ וֶועסְט בַּאשׁוּלְדִיגְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ' - וֶועסְטוּ גָארְנִישְׁט הָאבְּן דֶערְפוּן, נָאר שִׁבְרוֹן לֵב און עַגְמַת נֶפֶשׁ; עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אַוֶועק צוּ מַאכְן עֶלְטֶערְן און לֵייגְן דִי גַאנְצֶע מִיסְט אויף זֵיי אָבֶער דָאס וֶועט דִיר גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן. אַז דוּ וֶועסְט אַרְבֶּעטְן אויף דַיינֶע מִידוֹת, צוּ זַיין אַ זִיסֶער אִיד, דוּ זָאלְסְט זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד, דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קַיין נֶערְוֶועזֶער מֶענְטְשׁ, שְׁרֵייעֶן און שְׁלָאגְן וְכוּ' - וֶועט דִיר גוּט זַיין. עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי דִיר (שׁוֹפְטִים יד, יד): "מֵעַז יָצָא מָתוֹק".

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שֶׁעפְּסְט חַיוּת פוּן רֶבִּי'ן דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי יָאר; לֶערְן אַבִּיסְל דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" וֶועסְטוּ זֶען ווָאס בְּרֶסְלֶב אִיז, מוֹהֲרַא"שׁ בְּרֶענְגְט סִיפּוּרִים פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ ווָאס הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן און זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ. אִיךְ ווייס נִישְׁט צִי דוּ הָאסְט נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען מוֹהֲרַא"שׁ ווָאס אִיז גֶעוֶוען אַ לֶעבֶּעדִיגֶער

בַּיישְׁפִּיל. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן; וֶוען אִיךְ זָאג דִיר 'גָארְנִישְׁט גֶעהַאט' מֵיין אִיךְ טַאקֶע גָארְנִישְׁט, נִישְׁט סְתַם גֶעזָאגְט, אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט אוּן מֶען שְׁרַייבְּט וְכוּ'; עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין לֶעבְּן אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ, שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן מְחַזֵק גֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**יֶעצְט** פְרֶעג אִיךְ דִיר, דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן נָאךְ אַבִּיסְל הֵייבְּסְטוּ אָן דַיין לֶעבְּן, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן שְׁרַייבְּן: "אִיךְ הָאבּ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין פְרֵיילִיכֶע פֶּסַח"? פַארְוָואס, וַוייל דַיין טַאטֶע הָאט חוּמְרוֹת - אִיז וָואס? דָאס אִיז אַ צָרָה?! מַאךְ דִיךְ פְרֵיילִיךְ, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זִיצְט בַּיים סֵדֶר טִישׁ מִיט טַאטֶע אוּן מַאמֶע! ווִיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל אוּן קֶענֶען נִישְׁט זִיצְן אִין שְׁטוּבּ בַּיים סֵדֶר, דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין אֵייגֶענֶעם מִצְרַיִם, דַיין קַטְנוּת הַדַעַת; זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַבִּיסְל נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ (מִיכָה ז, טו): "כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת", אָמֵן.

# רפט

## אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נָאכְאַלְץ נִישְׁט פַארְוָואס אִיר וואוּנְטְשְׁט אָן אַ מֶענְטְשׁ מִיט גַשְׁמִיּוּת

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר לֶענְגֶערֶע תְּשׁוּבָה[ז] אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס אִיר וואוּנְטְשְׁט אָן אֵיינֶעם אַז יֶענֶער זָאל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אוּן אַ שֵׁיינֶע קַאר, אַ זַאךְ וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן אֱמֶת'עֶ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים. אִיר הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט בַּאֲרִיכוּת אַז אִיר הָאט גֶעקֶענְט אַן אֱמֶתְ'ן בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא"שׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט אִיר מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִין דֶעם עִנְיָן וָואס עֶס מֵיינְט אַן אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד.

דָאס אִיז אָבֶער נִישְׁט גֶעוֶוען אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיר מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט יָא אַזוֹי אָנְוואוּנְטְשְׁן, וְאִם קַבָּלָה הִיא - נְקַבֵּל, אִיךְ וויל אָבֶער נָאכְאַלְץ פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס מֶען זָאל אַזוֹי אָנְוואוּנְטְשְׁן, דָאס אִיז דֶען דֶער צִיל פוּן אַ אִיד? אַן אֱמֶת'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן אוּן הָאפְן אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גַשְׁמִיּוּת אוּן חוּמְרִיּוּת, עֶר דַארְף וַוארְטְן אוּן הָאפְן צוּ עֲבוֹדַת ה', פַארְוָואס זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן מִיט אַזַא שְׁפְּרַאךְ וָואס קֶען מַאכְן אוֹיסְזֶען אַז דִי וֶועלְט אִיז דֶער עִיקָר, אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

---

ז. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב רעט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-א, י"ב נִיסָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וְזִיכְן** זָאלְסְטוּ, אַז וֶוען מֶען וויל מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אוּן וָואס מֶען רֶעדְט. אַוַדַאי אִיז דִי וֶועלְט נִישְׁט קַיין עִיקָר נָאר דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַ דוּרְכְגַאנְג, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, טז): "הָעוֹלָם הַזֶּה דּוֹמֶה לַפְּרוֹזְדוֹר בִּפְנֵי הָעוֹלָם הַבָּא", דִי וֶועלְט אִיז ווִי אַ דוּרְכְגַאנְג פַאר יֶענֶע וֶועלְט, "הַתְקֵן עַצְמְךָ בַּפְּרוֹזְדוֹר, כְּדֵי שֶׁתִּכָּנֵס לַטְּרַקְלִין", מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט מִצְווֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא; אָבֶער ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נָאךְ וַוייט פוּן דֶעם, דַארְף מֶען אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט אִים וְכוּ' בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ שַׁיינֶען אִין אִים דֶעם אֶמֶת'ן תַּכְלִית.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן פא): "וּכְשֶׁהַצַּדִּיק מְדַבֵּר בְּתוֹרָה אוֹ בִּתְפִלָּה, נִקְרָא אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְהַדִּבּוּרִים שֶׁהוּא מְדַבֵּר עִם הֲמוֹן עַם בְּשִׂיחַת חֻלִּין הוּא נִקְרָא פְּסֹלֶת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְלָמָּה מְדַבֵּר שִׂיחַת חֻלִּין? כְּדֵי לְקַשֵּׁר אֶת הֲמוֹן עַם אֶל הַדַּעַת", דֶער צַדִּיק לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט זֵיי שִׂיחוֹת חוּלִין כְּדֵי עֶר זָאל זֵיי קֶענֶען צוּבְרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ט.): וָוען תַּלְמַי הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דִי חֲכָמִים זֵיי זָאלְן אִים אַרָאפּ שְׁרַייבְּן דִי תּוֹרָה: "נָתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּלֵב כָּל אֶחָד וְאֶחָד עֵצָה, וְהִסְכִּימוּ כֻּלָּן לְדַעַת אַחַת, וְכָתְבוּ לוֹ 'אֱלֹקִים בָּרָא בְּרֵאשִׁית'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרַיין גֶעגֶעבְּן פַאר אַלֶע חֲכָמִים זֵיי זָאלְן שְׁרַייבְּן גֶעווִיסֶע וֶוערְטֶער אַנְדֶערְשׁ ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, צוּם בַּיישְׁפִּיל, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן "אֱלֹקִים בָּרָא בְּרֵאשִׁית" אַנְשְׁטָאט "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים", וַוייל אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען.

**עֶס** אִיז יָדוּעַ אַז דֶער רֶבִּי הָאט כְּסֵדֶר גֶעהֵייסְן אוּן גֶעמָאנְט מֶען זָאל רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְצֵיילְט רֶבִּי נָתָן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעז): אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּינְ'ס בְּרוּדֶער רֶבִּי יְחִיאֵל זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס מֶען קֶען טוּן אַז וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט מֶענְטְשְׁן קוּמְט אַסַאךְ מָאל אוֹיס צוּ רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל מֶען קֶען דָאךְ נִישְׁט צוּגֵיין צוּ אַ מֶענְטְשׁ אוּן גְלַייךְ רֶעדְן צוּ אִים פוּן אֱלוֹקוּת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל): "הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג כִּי אִם עַל יְדֵי צִמְצוּמִים רַבִּים", נָאר מֶען דַארְף שְׁמוּעֶסְן סְתַם זַאכְן פַארְדֶעם אוּן נָאכְדֶעם וְכוּ' אוּן אִינְצְווִישְׁן קֶען מֶען רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "ווִיבַּאלְד נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין אִין יֶענֶעם אֱמֶת'עֶ דִיבּוּרִים, אִיז אַלֶעס כְּדַאי".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן י): מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען

מֶען נָאר מְקַרֵב זַיין צוּם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אַריין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ב, ה): "בֵּית יַעֲקֹב לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר ה'", אוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוֹיף דֶעם וֶועג מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים.

אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָאס מַסְבִּיר, בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁטֵייט (מִדְרָשׁ תְּהִלִּים, פז): "כִּי אַבְרָהָם קְרָאוֹ הַר", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַריין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט דִי אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מֶען דַארְף זִיךְ צוּ אִים בַּאהֶעפְטְן; עֶר הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט. אוֹיבּ מֶען וויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן אוּן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט דִי וֶועלְט, מֶען זָאל גֵיין אוֹיף דִי בֶּערְג, זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן אַלֶעמֶען אוּן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן. דִי מַדְרֵיגָה אִיז גֶעוֶוען דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע נְבִיאִים; זֵיי פְּלֶעגְן זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף אֱלִישָׁע הַנָבִיא (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי מְלָכִים ב, רֶמֶז רכח), עֶר הָאט גֶעדַארְפְט זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן ווייל עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעלַייטֶערְט אַז זַיין פָּנִים אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן פָארְכְטִיג, אַזוֹי ווייט אַז וֶוען טְרָאגֶעדִיגֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן אִים גֶעזֶען פְלֶעגְן זֵיי פוּן רוֹב פַּחַד פַארְלִירְן וְכוּ', זֵיי פְלֶעגְן מַפִּיל זַיין דִי קִינְדֶער, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן מֶענְטְשְׁן. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעפִינֶען צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג, דָארְט

הָאט עֶר גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אִים שְׁטֶערְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶע נְבִיאִים פְלֶעגְן זִיךְ גֶעפוּנֶען רוֹב צַייט אִין דִי מִדְבָּרִיוֹת.

דִי מַדְרֵיגָה אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה אָבֶּער עֶס הָאט אוֹיךְ אַ חִסָרוֹן, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיצְן טָאג אוּן נַאכְט צְווִישְׁן דִי בֶּערְג. אַ מֶענְטְשׁ הָאט דָאךְ אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶר קֶען זַיי נִישְׁט אָפְּלָאזְן. אִיז גֶעקוּמֶען יִצְחָק אָבִינוּ וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם מֶשָׂג פוּן: "וְיִצְחָק קְרָאוֹ שָׂדֶה", עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין אוֹיף דִי בֶּערְג, מֶען קֶען גֵיין דַאוֶוענֶען אִין פֶעלְד, דָאס אִיז שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ טוּן. מֶען גֵייט אַבִּיסְל אַרוֹיס פוּן שְׁטָאט וָואס דָארְט זֶענֶען דָא פֶעלְדֶער, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים; זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אִין דִי פֶעלְדֶער אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְדַבֵּק גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז דִי תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פְלֶעגְן גֵיין אִין פֶעלְדֶער אוּן אִין הֵיילְן וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אָבֶּער** דִי מַדְרֵיגָה אִיז נָאךְ אוֹיךְ וַוייט פוּן סְתַּם מֶענְטְשְׁן, וַוייל נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן זַיין

טָאג טֶעגְלִיכֶער אַרְבֶּעט אוּן גֵיין אִין פֶעלְד וְכוּ', פַאר אַ גוֹי אִיז דָאס זִיכֶער נִישְׁט גֶעמַאכְט; אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן פַאר אַ גוֹי עֶר זָאל גֵיין אִין פֶעלְד וֶועט עֶר דִיר עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ בִּין אַ חַיָה? וָואס זָאל אִיךְ טוּן אִין פֶעלְד?" אַ גוֹי פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי זַאכְן, אוֹיבּ וֵוייסְט עֶר אַז מֶען קֶען נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין בַּאהָאפְטְן צוּ אִים אִין פֶעלְד - וֶועט עֶר דָאס נִישְׁט נֶעמֶען; אִיז גֶעקוּמֶען יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם עִנְיָן פוּן: "וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ בַּיִת", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִלָּה אֲפִילוּ אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען זַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן דָארְט דַאוֶוענֶען, מֶען קֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אִין שְׁטוּבּ; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף שְׁטוּבּ זַאכְן, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן וָואס דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי: "שֶׁהוּא מָקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי אָדָם יוֹתֵר מִשָּׂדֶה", אִין דֶעם וֶועג פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט שׁוֹין יֶעדֶער אֵיינֶער אַ גֶעפִיל, "כִּי הֶעֱלָה אֶת הַתְּפִלָּה מֵהַר וְשָׂדֶה, לִבְחִינַת בַּיִת", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט; אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רלג), עֶר אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז זַיין רֶעקְל אִיז צֶערִיסְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: 'אוֹיף אַזַא קְלֵיינִיקֵייט זָאל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!' הָאט אִים

דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַוַדאי! מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וָואס אִיז?" - הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט - "עֶס פַּאסְט דִיר נִישְׁט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם?!"

**וָזעֶן** אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אַ שֵׁיינֶע קַאר, עֶר ווִיל אַ שֵׁיינֶע הוֹיז; אוֹיב וֶועסְטוּ אִים זָאגְן: "דָאס אִיז נִישְׁט דֶער תַּכְלִית", וֶועט עֶר דִיר נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן. דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס זֵייעֶר אַסַאךְ בְּנֵי נְעוּרִים לָאזְן אָפּ זֵייעֶר רָצוֹן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווַייל פוּן אֵיין זַייט ווִילְן זֵיי עוֹלָם הַזֶה, אָבֶער מֶען לֶערְנְט מִיט זֵיי אַז דָאס אִיז אַ סְתִירָה מִיט זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד; וָואס פַּאסִירְט? אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן מַחְלִיט זַיין: 'מִיר לָאזְן אָפּ עוֹלָם הַזֶה, מִיר וֶועלְן גֵיין אוֹיף דִי בֶּערְג, מִיר שֵׁיידְן זִיךְ אָפּ פוּן דִי וֶועלְט', מַאכְן זֵיי אַ פַארְקֶערְטֶע הַחְלָטָה, זֵיי לָאזְן אָפּ זֵייעֶר רָצוֹן צוּ זַיין אַ צַדִיק. אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס: "וְיַעֲקֹב קָרָאוֹ בַּיִת", דֶעמָאלְט שְׁרֵייעֶן זֵיי אַלֶע אוֹיס: "לְכוּ וְנֵלְכָה בְּאוֹר ה'".

**בֶּאֱמֶת** ווִיל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר זַיין מֹחַ פַארְנֶעמְט נָאךְ נִישְׁט דֶעם מֻשָּׂג פוּן "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים", זַיין מֹחַ פַארְנֶעמְט נָאךְ נִישְׁט צוּ זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט מִזֶה הָעוֹלָם, דַארְף מֶען אִים זָאגְן "אֱלֹקִים בָּרָא בְּרֵאשִׁית", מֶען דַארְף מִיט אִים לֶערְנֶען אַזוֹי ווִי שִׁיטַת הִלֵל (שַׁבָּת לא.) ווִי עֶר הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְן מִיט דִי גוֹיִם וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע קַטְנוּת'ן אוּן מְשׁוּגַעַת'ן וְכוּ'; עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: "מֶען קֶען לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ ווִי לַאנְג מֶען שְׁטֵייט

אויף איין פיס", "מען קען זיך מְגַייר זיין און ווערן א כֹּהֵן גָּדוֹל", "מען קען לערנען נאר תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אָן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה". אָבער לִכְאוֹרָה, ווי קען מען לערנען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ ווי לאנג מען שטייט אויף איין פוס? און קען דען א גֵר ווערן כֹּהֵן גָּדוֹל? מען האט זיך פארגעהאלטן הִלֵּל הַזָּקֵן הַיִתָּכֵן ער זאגט פאר'ן גוֹי ער זאל זיך מְגַייר זיין און ער וועט ווערן כֹּהֵן גָּדוֹל; קען מען דען לערנען תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב אָן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה? אָבער הִלֵּל הַזָּקֵן האט אונז געלערנט ווי אזוי מען דארף זיך אראפלאזן צו יעדן איינעם און אריין לייגן אין יעדן סארט מענטש אז עס איז דא א בּאַשעפער, ביז זיי וועלן פון זיך אליינס אוועק ווארפן זייערע נארישקייטן.

גְלייב מיר, מען קען צוריק ברענגען אלעמען צום אייבערשטן; אנשטאט זאגן פאר א מענטש אז עוֹלָם הַזֶּה איז נארישקייט, זאג אים ענדערש: "אויב דו וועסט לערנען און דאווענען, וועסטו האבן א שיינע קאר און א שיינע הויז".

מען זעט ווי די הייליגע תַּנָּאִים און אֲמוֹרָאִים האבן עוֹסֵק געווען מְקָרֵב צו זיין אידישע קינדער, זיי האבן גענוצט עוֹלָם הַזֶּה צו מְשַׁכְנֵעַ זיין אז מען זאל אנהייבן לערנען. אזוי ווי די הייליגע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דערציילן (בָּבָא מְצִיעָא פה.): דער הייליגער תַּנָּא רַבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רַבִּי שִׁמְעוֹן האט געהאט א זון וואס איז נישט געווען אזוי ערליך, נאך זיין פְּטִירָה איז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ געגאנגען און ער האט געוואלט צוריק ברענגען דעם זון צום אייבערשטן; רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ האט

אים אָפְּגֶעגֶעבְּן כָּבוֹד, עֶר הָאט אִים גֶערוּפְן 'רֶבִּי' אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר הָאט יֶעדְן טָאג גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר וִויל שׁוֹין אַוֶועק גֵיין פוּן יְשִׁיבָה, הָאט אִים רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַאְרשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, 'חֲכָמִים עֲבָדוּ יָתָךְ', אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ חָכָם, 'וְגוּלְתָּא דְדַהֲבָא פְּרַסוּ עֲלָךְ', מֶען וֶועט דִיר אָנְטוּן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, יֶעדֶער וֶועט דִיר מְכַבֵּד זַיין 'וְרַבִּי קָרוּ לָךְ', מֶען וֶועט דִיר רוּפְן רֶבִּי, 'וְאַתְּ אָמְרַת לִקְרְיָיתִי אֱנָא אֵיזֵיל' אוּן נָאךְ אַלְץ ווִילְסְטוּ נִישְׁט לֶערְנֶען?!" אַזוֹי הָאט עֶר אִים מְשַׁכְנֵעַ גֶעוֶועז אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין יְשִׁיבָה בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי יוֹסִי בֶּן רֶבִּי אֶלְעָזָר בֶּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען ווִיל זֵיי מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מִיר** דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ אוּנְז אוּן עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אוּנְזֶערֶע מְשׁוּגַעַת'ן, אַבִּי אוּנְז צוּ מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל): "וְהַכְּלָל כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ מְאֹד מְאֹד אַחַר רֶבִּי אֲמִתִּי הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה מֻפְלֶגֶת מְאֹד שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר בּוֹ הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זוּכְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ צַדִּיק וָואס קֶען אִין אִים אַרַיין שַׁיינֶען גֶעטְלִיכְקֵייט, אַז עֶר זָאל אוֹיךְ שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אִיז מִיט אִים, וַוייל: "הַשָּׂגוֹת אֱלֹקוּת אִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג כִּי אִם עַל יְדֵי צִמְצוּמִים רַבִּים", מֶען דַארְף אַסַאךְ אַרוּמְרֵייעֶן מִיט אַ מֶענְטְשׁ ווִי לַאנְג מֶען קֶען אִין אִים אַרַיין שַׁיינֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס עֶר אִיז מְחַיֶּה וּמְהַוֶּה אַלֶעס, אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז עֶר אַלֵיינְס, עֶר אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דּוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער אִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִיסְן אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלַאכְטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַלֶעס אִיז אַ לְבוּשׁ פַארְ'ן אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא. דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז מוֹתָרוֹת.

**אִיךְ** חַזֶר דִיר אִיבֶּער נָאכְאַמָאל וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן: "מוֹתָרוֹת אִיז טַייטְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט אִיז אַלֶעס אִיבֶּערִיג, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווֵייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ אוּן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין מוֹתָרוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, עֶר הָאט נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט".

# רצ

## אִיךְ וַוארְט אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וַוארְט יֶעצְט אַ קִינְד, אוּן דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֶעקְן מִיר אָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט אַ גֶעזוּנְט קִינְד, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פַארְלוֹירְן אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר מְחַזֵק זַיין?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה', כ' נִיסָן, ג' דְחוֹל הַמוֹעֵד, עֶרֶב שְׁבִיעִי שֶׁל פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עַל פִּי הֲלָכָה טָאר מֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן חוֹל הַמוֹעֵד אָבֶּער בַּיי אַ דָבָר הָאָבֵד מֶעג מֶען שְׁרַייבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז עֶס אִיז בַּיי אַייךְ עֶק וֶועלְט ווַייל דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַייךְ אָן אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן אִיר זֶענְט פַארְלוֹירְן, וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר וֶוערְטֶער.

אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ: "פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט!" תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶס אִיז קֶענְגְן דִי

טֶבַע, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רנ): "הַטֶּבַע מְחַיֵּיב כָּךְ וְהַתְּפִלָּה מְשַׁנֶּה אֶת הַטֶּבַע", אֲפִילוּ דִי טֶבַע זָאגְט אֵיין זַאךְ, קוּמְט תְּפִילָה אוּן דְרֵיידְט אַלֶעס אִיבֶּער; גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס וָואס הָאט פַּאסִירְט בִּיז יֶעצְט אִיז פַאר אַייעֶר טוֹבָה, אוּן בֶּעטְס אִים אוֹיף וַוייטֶער; דוּרְךְ תְּפִילָה וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְךְ זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זָאגְן נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים. זָאגְט: "אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד, שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב" אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט, נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִילָה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים פַאר דִיר, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד אוּן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן מִיר אַז דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גֶעזוּנְט קִינְד, הֶעלְף מִיר אַז

אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין בְּשָׁלוֹם. אִיךְ גְלֵייב אִין דִיר, אִיךְ גְלֵייב אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, אָמֵן".

**אִיר** קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָאַרְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִילָה טוּט; וָואס תְּפִילָה טוּט קֶען קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט נִישְׁט טוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן כֹּחַ; אִיר זָאלְט מִיר מְבַשֵׂר זַיין אַ גוּטֶע בְּשׂוּרָה בְּקָרוֹב, אָמֵן.

**נָאךְ** יוֹם טוֹב וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן מֶער בַּאֲרִיכוּת אִם יִרְצֶה ה'.

## רצא[ז]

### פַארְוָואס צִיט מִיר מֶער צוּ לֵייעֶנֶען צַייטוּנְגֶען אִין מַיין אִיבְּרִיג צַייט, ווִי צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אַלְס מְלַמֵּד אַ גַאנְץ יָאר, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד הָאבּ אִיךְ אַבִּיסְל וַואקַאצִיֶע, עֶס צִיט מִיר זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְצוּרוּעֶן אוּן לֵייעֶנֶען צַייטוּנְגֶען אוּן מַאגַעזִינֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר כָּשֵׁר'עֶ, אָבֶּער עֶס צִיט מִיר נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, מַיין וַוייבּ מוּטְשֶׁעט מִיר אִיךְ זָאל גֵיין לֶערְנֶען

ז. זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב רצט.

בָאטְש פַאר צְוֵויי שָׁעָה אַ טָאג, וְוִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז עֶס זָאל מִיר צִיעֶן צוּ לֶערְנֶען?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) – דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט קַיין עֵצוֹת פוּן קֵיינֶעם צוּ בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען וַוייל עֶס הֵייבְּט אָן צִיעֶן צוּם לֶערְנֶען, אַזוֹי וְוִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה צז, ג): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מח, טז): "וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ", יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט יוֹסֵף עֶר זָאל זַיין וְוִי דִי פִישׁ וָואס לֶעבְּן אִין וַואסֶער, זֵייעֶר גַאנְצֶע עֶקְזִיסְטֶענְץ אִיז וַואסֶער, מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען עֶס הֵייבְּט אָן רֶעגֶענֶען שְׁווִימֶען זֵיי אַלֶע אַרוֹיף אוּן ווִילְן כַאפְּן אַ פְּרִישֶׁע טְרָאפּ פוּן דִי רֶעגְן וַואסֶער. אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דִי אִידְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז נָאר תּוֹרָה, מִיט דֶעם אַלֶעם צִיט זֵיי יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה.

**אִיךְ** הָאבּ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, וַוייל וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" וָואלְסְטוּ גֶעהַאט סַיי דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט; מֶען קֶען דָאס נִישְׁט

מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס וַויל דָאס נִישְׁט טוֹעֵם זַיין. "טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב (תְּהִלִּים לד, ט)" - נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת און הֵייבּ אָן זָאגְן פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, מַסֶכְתָּא נָאךְ מַסֶכְתָּא, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, עֶס הֵייבְּט אָן צִיעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ נָאךְ און נָאךְ תּוֹרָה, בִּפְרַט אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, דָאס הָאט אִין זִיךְ אַ כֹּחַ אַז עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה.

**וָואס** וֶועסְטוּ הָאבְּן פוּן לֵיינֶען צֵייטוּנְגֶען? דֶער צֵייטוּנְג אִיז אֵיין שְׁטִיק לֵיצָנוּת און אֵיין גְרוֹיסֶער בְּלָאף; דִי צִיל פוּן אַ צֵייטוּנְג אִיז נָאר צוּ וַוייזְן (צְפַנְיָה ב, טו): "אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד", אִיךְ, אִיךְ און נָאכְאַמָאל אִיךְ, און עוֹלָם גוֹלָם שְׁטֵייט און לֵיינְט דָאס בְּשָׁעַת מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ און מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, דָאס אִיז חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס נֶעמְט אַוֶועק דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

**אִיךְ** דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען און פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צֵייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה[ח].

ח. זֶע מֶער אִיבֶּער דֶעם צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**בִּפְרַט** אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵּד אַ גַאנְץ יָאר דַארְפְסְטוּ דָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ לֵיינְסְט; וַויי פַאר דִי קִינְדֶער וָואס זֵייעֶר מְלַמֵּד אִיז אָנְגֶעלֵיינְט מִיט לֵיצָנוּת פוּן צֵייטוּנְגֶען, דֶער גַאנְצֶער צֵייטוּנְג אִיז דָאךְ אֵיין שְׁטִיק שֶׁקֶר, לָשׁוֹן הָרָע, רְכִילוּת, לֵיצָנוּת, דְּבָרִים בְּטֵלִים אוּן דְּבָרִים שֶׁל מַה בְּכָךְ וְכוּ' וְכוּ'; אַוַדַאי לֵייגְן זֵיי אַרַיין דִּבְרֵי תּוֹרָה, וַוייל אַזוֵי קֶען מֶען פַארְנַארְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מֶען לֵייגְט טַאקֶע אַרַיין שֵׁיינֶע מוּסָר הַשֵּׂכֶל מִיט כְּלוֹמְר'ישֶׁע מוּסָר וַחֲסִידוּת, אָבֶער וֶוער זֶענֶען דִי שְׁרַייבֶּערְס? פּוּסְטֶע יוּנְגֶען וְכוּ' וְכוּ'. וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶעוואוּסְט וֶוער דִי שְׁרַייבֶּערְס זֶענֶען, וָואלְסְטוּ גֶעשְׁרִיגְן: "גֶעוַואלְד! דִי לֵצִים פִירְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל!" עֶס זִיצְן פּוּסְטֶע יוּנְגֶען, זֵיי דַארְפְן אָנְפִילְן אַ צֵייטוּנְג מִיט הוּנְדֶערְטֶער בְּלֶעטֶער, שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לִיצֵי לֵיצָנוּת - אוּן עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט עֶס; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס, קֵיינֶער טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיינְס, נָאר וָואס דֶער שְׁרַייבֶּער שְׁרַייבְּט - דָאס אִיז דֶער שֵׂכֶל הַיָּשָׁר.

**וָואס** הָאבְּן דִי שְׁרַייבֶּערְס גֶעטוּן פַאר'ן שְׁרַייבְּן זֵייעֶר אַרְטִיקְל - גֶעלֶערְנְט אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ? גֶעזָאגְט תְּהִלִּים?! זֵיי זֶענֶען גֶעזֶעצְן אוּן גֶעלֵיינְט רַחֲמָנָא לִצְלָן זַאכְן וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט לֵיינֶען, דָאס לַיינְסְטוּ? אוּן דָאס גֵייסְטוּ אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר רֵיינֶע קִינְדֶער - תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹּא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא?!

**דַאנְק** אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ קְלוּגֶע וַוייבּ וָואס וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן מִיט דִיר אַן עֶרְלִיכֶער

שְׁטוּבּ, זִי וִויל דוּ זָאלְסְט אַבִּיסְל לֶערְנֶען, זִי וִויל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וואוּ דֶער טַאטֶע לֶערְנְט. אַז מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" קֶען מֶען לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ; מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חַבְרוּתָא, נָאר מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן קוֹל. דִי וֶוענְט וֶוערְן אָנְגֶעזַאפְּט מִיט דִי זִיסֶע גְמָרָא נִיגוּן, דִי וֶוענְט שְׁרֵייעֶן אַרוֹיס: 'דָא וואוֹינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", דִי וֶוענְט פוּנֶעם שְׁטוּבּ זָאגְן עֵדוּת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; דִי דַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס וָואס דָא טוּט זִיךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (חֲבַקוּק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה", דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ טַאטֶע וָואס לֶערְנְט, דִי מַאן וֶוערְט חָשׁוּב אִין זַיין וַוייבְ'ס אוֹיגְן אוּן אַלֶעס טוֹישְׁט זִיךְ צוּם גוּטְן.

**וֶוער** עֶס לֶערְנְט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" - דֶער לֶערְנְט יֶעדְן טָאג; בַּיי אִים אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶס אִיז חוֹל הַמּוֹעֵד, צִי עֶרֶב יוֹם טוֹב, צִי עֶס אִיז פּוּרִים אָדֶער וֶוען אִימֶער, עֶר לֶערְנְט זִיךְ זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג, אָבֶּער אַז מֶען וִויל נִישְׁט אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ פַּארְ'ן רֶבִּי'ן, מֶען וִויל נִישְׁט לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", דֶעמָאלְט הָאט מֶען יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערְער תֵּירוּץ; הַיינְט אִיז חוֹל הַמּוֹעֵד, מָארְגְן אִיז יוֹם טוֹב, נָאכְדֶעם דַארְף מֶען אַוֶועק פַּאקְן דֶעם יוֹם טוֹב וְכוּ', נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ אַ שִׂמְחָה, נָאכְדֶעם הָאט מַיין חַבֵר אַ שִׂמְחָה וְכוּ' וְכוּ' אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים אָן קַיין תּוֹרָה.

**פָּאלְג** דֶעם רֶבִּי'ן, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן מַסֶכֶת
בְּרָכוֹת, גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי
וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן קוֹל אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ
לֶערְנְסְט, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא,
נָאכְדֶעם גֵיי נִישְׁט אִיבֶּער דִי מַסֶכְתָּא, נָאר גֵיי צוּם קוּמֶענְדִיגְן
מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ
סֵדֶר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט
עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל
מִשְׁנַיוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

**אַזוֹי** זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס, נֶעם אַ
מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי
הֵיילִיגֶע גְמָרָא. הַיינְט זֶענֶען דָא גְמָרוֹת מְנוּקָדִים, אַזוֹי אַז אֲפִילוּ
אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען
דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן
דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת,
אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט טוֹעֶם זַיין דֶעם
"סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קֵיינֶעם
אוֹיף דִי וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן
נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אֵיינֶעם גֶע'מוּסָר'ט
(שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "מַדוּעַ לֹא תִלְמַד, מַה תַּפְסִיד בָּזֶה הֲלֹא
תְּקַבֵּל עוֹלָם הַבָּא עַל הַלִּמּוּד", פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט?
דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען עוֹלָם הַבָּא פַאר דַיין לֶערְנֶען!
נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וְאֵין צָרִיךְ לוֹמַר,

כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד, אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא, רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", און אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן נִישְׁט דִי וֶועלְט און נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט, דוּ וֶועסְט נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ און נָאךְ.

**אִיךְ** וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**צִיטִירְט פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', מִכְתָּב פ:**

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין וֶועגְן לֵיינֶען גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט בִּכְלַל אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג - נִישְׁט קַיין חִילוּק אִידִישֶׁע צִי לְהַבְדִּיל גוֹי'אִישֶׁע, ווייל צֵייטוּנְגֶען רַייסְן אוֹיס דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג - אֲפִילוּ אִידִישֶׁע; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען און פַארבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְוסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צַייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה.

דִּי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, און וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן סוֹף וָואךְ, מִיטְוָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווי דִי בָּחוּרִים הֵייבְן אָן שְׁפְּרִינְגֶען פוּן זֵייעֶר הוֹיט, מֶען וַוארְט

אַז דִי קַאר פוּן דִי מַגִידֵי שִׁיעוּרִים זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען (דִי עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן אַרוֹיס שִׁיקְן פַאר דִי בָחוּרִים עֶסְן וְכוּ' מִיט דִי מַגִידֵי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ פָארְן), אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָאר, אוֹיף וָואס וַוארְט מֶען אַזוֹי בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם? הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער צֵייטוּנְג אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מִיר דַארְפְן עֶס הָאבְּן... אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'מִן הַסְתָּם פֶעלְט מִיר עֶפֶּעס פוּן מַיין לֶעבְּן, אַז אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס אַ צֵייטוּנְג אִיז', אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ קוּקְן אִין דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָאס לֵיצָנוּת וָואס זֵיי מַאכְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מִישׁ אַהֶער אִיךְ מִישׁ אַהִין - עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ לֵיינֶען דָארְט; עֶס זִיצְן פוּסְטֶע יוּנְגֶען אוּן דַארְפְן אָנְפִילְן אַ צֵייטוּנְג מִיט הוּנְדֶערְט בְּלֶעטֶער, שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לֵיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט עֶס, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס. קֵיינֶער טְרַאכְט שׁוֹין נִישְׁט אַלֵיין, נָאר וָואס דֶער שְׁרַייבֶּער שְׁרַייבְּט, דָאס אִיז דֶער שֵׂכֶל הַיָּשָׁר...

**וזאויל** אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם מַאגַאזִין, אוּן עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵיי לֵיינֶען; עֶר קוֹיפְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן עֶר פַארְבְּרֶענְגְט שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדוֹת מִיט זֵיי, אוּן עֶר נֶעמְט שָׁלוֹם בַּיִת פוּן דִי תּוֹרָה אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים.

# רצב

## פִּירְן אַ פָּשׁוּט'עֶ בִּילִיגֶע לֶעבְּן, קֶען שַׁאטְן פַאר דִי קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מַאמֶע פוּן אַ קִינְדֶער גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע פַאמִילְיֶע, אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ אַ בִּילִיגֶע סְטַאנְדַארְט, צוּ קוֹיפְן דִי בִּילִיגְסְטֶע, אוּן אֲפִילוּ נֶעמֶען גֶענוּצְטֶע וֶועשׁ פוּן אַנְדֶערֶע, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט חוֹל הַמּוֹעֵד גֵייעֶן מִיר נָאר צוּ פָּשׁוּט'ע פְּלֶעצֶער צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען. ווִידֶער מַיינֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס הַאלְטְן זִיךְ זֵייעֶר הוֹיךְ, זֵיי קוֹיפְן אַלְץ טֵייעֶרֶע זַאכְן, אוּן מֶען גֵייט אוֹיף ווַייטֶע אוּן טֵייעֶרֶע אוֹיסְפְלוּגְן.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיב דָאס וֶועט נִישְׁט שָׁאטְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע קֶענֶען שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען בַּא'עַוְולְ'ט גֶעוָוארְן, זֵיי זֶענֶען דִי נֶעבֶּעךְ'ס, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל ווִי זֵייעֶרֶע קְרוֹבִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**ווַאוֹיל אִיז אַייךְ אַז אִיר צִיט אוֹיף אַייעֶר מִשְׁפָּחָה אֵיידְל אוּן בַּאשֵׁיידְן וְכוּ'.**

**ווִיסְן זָאלְט אִיר, דִי קִינְדֶער וָואס מֶען צֶערְטֶעלְט (סְפּוֹילְט) זֵיי, מֶען טוּט זֵיי אָן ווִי קֶענִיגְן אוּן מֶען טְרָאגְט זֵיי**

חול הַמּוֹעֵד הַאלְטְן אויף די זון אין די לְבָנָה וְכוּ' - אויף זיי איז אַ גְרויסֶער רַחְמָנוּת, ווייל גֶעבְּן פַאר די קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זיי ווילְן און אַלֶעס וָואס זֵיי חָלוֹמ'ען דָאס מַאכְט זֵיי פַאר אַ נֶעבֶעךְ.

**גֶעבְּן** פַאר די קִינְדֶער אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וְכוּ' - אִיז אַ פוילֶע וֶועג אין חִינוּךְ; עֶלְטֶערְן בַּאפְּן זיךְ נִישְׁט אַז דָאס אָנְטוּן די קִינְדֶער מִיט די טֵייעֶרְסְטֶע קְלֵיידֶער און מִיט די נֵייסְטֶע מָאדֶעס - וֶועט זֵיי שְׁפֶּעטֶער קָאסְטְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז.

**קִינְדֶער** דַארְפְן גָארְנִישְׁט, קִינְדֶער דַארְפְן נָאר אֵיין זַאךְ: "אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּב"; קִינְדֶער וָואס הָאבְן אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּב, זֵיי וַואקְסְן אויף אִין אַ שְׁטוּב וואו די עֶלְטֶערְן הָאבְן זיךְ לִיב, וואו די עֶלְטֶערְן זֶענֶען זיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן - די קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט ווערְן קַיין נֶעבֶעךְ'ס. קִינְדֶער וָואס מֶען רֶעדְט שֵׁיין צו זֵיי, מֶען דֶערְנִידֶערְט זֵיי נִישְׁט, מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אויף זֵיי - די וַואקְסְן אויף גֶעזוּנְט.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְט איר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן וַוייטֶער צו מְחַנֵךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער פָּשׁוּט און בִּילִיג און איר זָאלְט נִישְׁט קוּקְן אויף אַ צְוֵוייטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "כֵּיוָן שֶׁנִּצְטָרֵךְ אָדָם לַבְּרִיוֹת, פָּנָיו מִשְׁתַּנּוֹת כִּכְּרוּם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אויף אַ צְוֵוייטְן, עֶר וִויל גֶעפֶעלְן פַאר אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְט עֶר אַזוֹי וִוי אַ קָאלִירְטֶע פֵייגְל וָואס טוּישְׁט יֶעדְן טָאג איר קָאלִיר, ווייל זי דַארְף פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם

אַנְדֶערְשׁ אוֹיסְקוּקְן - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין לֶעבְּן; אַז מֶען זוּכְט נָאר צוּ גֶעפֶּעלְן אַ צְוֵוייטְן דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ נֶעבֶעךְ, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶעבְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְט פַּאר זִיךְ - דֶעמָאלְט לֶעבְט מֶען אַ גוּט לֶעבְּן.

**נָאכְאַמָאל**, קֵיינֶער זָאל אַייךְ נִישְׁט אַיינֶרעדְן אַז אוֹיב אִיר וֶועט נִישְׁט גֶעבְּן פַּאר דִי קִינְדֶער דָאס טֵייעֶרְסְטֶע אוּן דָאס בֶּעסְטֶע וְכוּ' וְכוּ' וֶועלְן זֵיי שְׁפֶּעטֶער זָאגְן אַז מֶען הָאט זֵיי בַּא'עַוְול'ט; פַארְקֶערְט, דִי אַלֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אַז מֶען הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן וְכוּ' - קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס מֶען הָאט זֵיי בֶּאֱמֶת גֶעפַּיינִיגְט, פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶע'רוֹדְפְ'ט, דָאס בַּאדֶערְט זֵיי.

**דֶער** עִקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע צַייטְן וָואס עֶס בּוּזְשֶׁעוֶועט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט אוּן רַייסְט אוֹיס יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע בֵּיימֶער, מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַוֶועק פוּן דִי אֱמוּנָה, מֶענְטְשְׁן פַּאלְן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶעם קִינְד בַּאזוּנְדֶער אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רצג

## זָאל אִיךְ אַוֶועקְפָארְן אָן מַיין וַוייבּ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה, יִרְאַת שָׁמַיִם וְשָׁלוֹם בַּיִת, אוּן נָאךְ פִּיל. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ פָארְן יֶעדֶעס יָאר זוּמֶער מִיט מַיין וַוייבּ קַיין חוּץ לָאָרֶץ אוֹיף דִי בֶּערְג פַאר וַואקַאצְיֶע אוֹיף אַפָּאר וָואכְן, דָאס גֶעבְּט מִיר גֶעזוּנְט אוּן הַרְחָבַת הַדַעַת. דָאס יָאר ווִיל זִי נִישְׁט פָארְן (זִי הָאט אַ גֶערֶעכְטֶע סִיבָּה דֶערְצוּ, וָואס אִיז נִישְׁט דִי פְּלַאץ דָא אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן), זִי פַארְשְׁטֵייט אָבֶּער אַז אִיךְ דַארְף דָאס הָאבְּן אוּן זִי גֶעבְּט מִיר רְשׁוּת צוּ פָארְן אַלֵיין מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים, לַמַּעֲשֶׂה ווִיל אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט פָארְן אָן אִיר, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין וֶועג אִין שָׁלוֹם בַּיִת, מִצַד שֵׁנִי ווִיל אִיךְ אָבֶּער פָארְן צוּלִיבּ מַיין גֶעזוּנְט.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פִיל מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען דֶערוֹיף צוּ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נָאכְאַלְץ נִישְׁט וָואס אִיז רִיכְטִיג פַאר מִיר צוּ טוּן, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס, וֶוען אוּן ווִי; אִיךְ קֶען דִיר שְׁרַייבְּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאלְטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמא): דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק פָּארְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן אִיבֶּער לָאזְן דִי וַוייבּ וְכוּ'. אִין יֶענֶע צַייטְן פְלֶעגְן דִי מְלַמְּדִים אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּבּ, זֵיי הָאבְּן אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי וַוייבּ פַאר אַ הַאלְבֶּע יָאר. דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זֵיי מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶער לָשׁוֹן, קוּק נָאךְ דֶעם לָשׁוֹן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זֵיי, עַיֵּין שָׁם.

**אַז** דוּ דַארְפְסְט אַוֶועק פָארְן פוּן שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ מִיט נֶעמֶען דַיין וַוייבּ מִיט דִיר; חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק פָארְן פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט אָן דִי וַוייבּ, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, בִּפְרַט הַיינְטִיגֶע טֶעג, וְדֵי לְחַכִּימָא.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם דַף גְּמָרָא; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען אַ רְפוּאָה אוּן דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְהֵיילְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רצד

## זָאל מֶען נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן, אָדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', תּוֹרָה רפב - אַז מֶען דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּנֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דַאן וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועקְפַאלְן; מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס פוּן יֶענֶעם.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אוֹיסְפִירְן אוֹיף לְמַעֲשֶׂה אִין שְׁטוּב מִיט דִי קִינְדֶער. לְמַעֲשֶׂה דַארְף מֶען זֵיי דָאךְ מְחַנֵךְ זַיין אוֹיף תִּיקוּן הַמִדוֹת, כַּשְׁרוּת, צְנִיעוּת אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, זָאל מֶען זָאגְן אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס זֵיי טוּעֶן אוּן זִיךְ נָאר מִתְבּוֹנֵן זַיין אִין דִי גוּטְס? אִיז דָאס גֶענוּג אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין אַלֵיין וֶוערְן גוּט? אָדֶער דַארְף מֶען זֵיי יָא מְעוֹרֵר זַיין זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג? אוּן אוֹיבּ יָא, וִוי אַזוֹי שְׁטִימְט דָאס מִיט דִי דֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען הָאט צַייט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער;

דָאס איז אַ טָעוּת, חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען קְלֵיין. עֶלְטֶערְן וָואס גֶעבְּן אַכְטוּנְג אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, מֶען איז זֵיי מְחַנֵךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן אוֹיף קִיוּם הַמִּצְוֹת, וֶועלְן דִי קִינְדֶער זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. בִּפְרַט מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, י): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר ו, כד): "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ", 'יְבָרֶכְךָ - בְּבָנִים', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר בֶּענְטְשְׁן מִיט קִינְדֶער, 'וְיִשְׁמְרֶךָ - בְּבָנוֹת', אוּן דִיר אָפְּהִיטְן מִיט דַיינֶע טֶעכְטֶער; וַוייל מֵיידְלֶעךְ דַארְפְן הָאבְּן מֶער שְׁמִירָה וִוי זִוּן; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג וֶוען זֵיי זֶענֶען קְלֵיין זֵיי זָאלְן גֵיין בִּצְנִיעוּת וֶועט שְׁפֶּעטֶער זַיין אַבִּיסְל צוּ שְׁפֶּעט.

**בַּיים** הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ קְלֵיין מֵיידְל מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזֶען הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וֶועמֶענְס אִיז זִי?" הָאט מֶען גֶערוּפְן אֵיינֶער פוּן דִי גַבָּאִים אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים פָארְגֶעהַאלְטְן: "הַיִתָּכֵן דוּ לָאזְט דַיין מֵיידֶעלֶע גֵיין מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת!" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי, זִי אִיז נָאךְ אוּנְטֶער דְרֵיי יָאר", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וִויל נִישְׁט הֶערְן קַיין תִּירוּצִים, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת"; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, וַואקְסְן זֵיי אוֹיף עֶרְלִיךְ, אָבֶּער אַז מֶען לָאזְט דִי קִינְדֶער גֵיין וִוי אַזוֹי זֵיי גֵייעֶן אוּן מֶען זָאגְט זֵיי גָארְנִישְׁט, מֶען פַארְעֶנְפֶערְט זִיךְ: 'זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג', וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן.

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין און אוֹיבּ מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ וֶועלְן זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווער עֶס הָאט לִיבּ זַיין קִינְד זָאגְט אִים מוּסָר, און ווער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פַיינְט זַיין קִינְד.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה א, א): ווען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְד וועט דָאס קִינְד אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן ווֶעג. אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ; עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע און שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס, אָבֶּער עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט ווייל עֶר הָאט אִים גֶעשׁוֹינְט, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְן פוּן שְׁטוּב כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו; עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו און אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז ווען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער ווען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג וועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מִדְרָשׁ (פָּרָשַׁת שְׁמוֹת - רַבָּה א, א; תַּנְחוּמָא א), וועסְטוּ זֶען ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים רֶעכֶענֶען אוֹיס נָאךְ מַעֲשִׂיוֹת. חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן פוּן אַבְשָׁלוֹם און זַיין בְּרוּדֶער אֲדוֹנִיָה וָואס זֵייעֶר טַאטֶע דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט זֵיי נִישְׁט

גֶעזָאגְט קַיין מוּסָר אוּן וָואס עֶס אִיז צוּם סוֹף גֶעשֶׁען מִיט זֵיי. אָבֶּער דִי קִינְדֶער וָואס מֶען אִיז מְחַנֵךְ, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יִצְחָק, יִצְחָק הָאט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען יַעֲקֹב אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

זֵיי מִיר מוֹחֵל אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט; וָואס הָאט אֵיינְס מִיט'ן צְוֵוייטְן, וָואס הָאט חִינוּךְ הַבָּנִים מִיט דָן זַיין לְכַף זְכוּת? פַארְקֶערְט, אוֹיבּ מֶען אִיז דָן אַ צְוֵוייטְן לְכַף זְכוּת, מֶען קוּקְט אִים נִישְׁט אָן וִוי אַ רָשָׁע, דֶעמָאלְט קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב): "דַע כִּי צָרִיךְ לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת, וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא רָשָׁע גָּמוּר, צָרִיךְ לְחַפֵּשׂ וְלִמְצֹא בּוֹ אֵיזֶה מְעַט טוֹב, שֶׁבְּאוֹתוֹ הַמְעַט אֵינוֹ רָשָׁע, וְעַל יְדֵי זֶה שֶׁמּוֹצֵא בּוֹ מְעַט טוֹב, וְדָן אוֹתוֹ לְכַף זְכוּת, עַל יְדֵי זֶה מַעֲלֶה אוֹתוֹ בֶּאֱמֶת לְכַף זְכוּת, וְיוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה", אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, מֶען זוּכְט אִין יֶענֶעם אַבִּיסְל גוּטְס - דוּרְכְדֶעם קֶען מֶען יֶענֶעם צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, י): "וְעוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע, וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ", אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אִין אִים 'עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע' - אַבִּיסְל גוּטְס וָואס אִין דֶעם פְּרַט אִיז עֶר נִישְׁט קַיין רָשָׁע, דֶעמָאלְט: 'וְהִתְבּוֹנַנְתָּ עַל מְקוֹמוֹ וְאֵינֶנּוּ', וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט בְּלַייבְּן בַּיי זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים, נָאר עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִּי זֶעלְבֶּע זַאךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיט זִיךְ אַלֵיין; דִּי סִיבָּה פַּארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אִיז ווייל עֶר טְרַאכְט: 'אִיךְ בִּין דָאךְ שׁוֹין סַיי וִוי אַ רָשָׁע, אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אָבֶּער אַז מֶען טְרֶעפְט אִין זִיךְ אַבִּיסְל גוּטְס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער פַּארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס אִיז דִּי סְתִירָה פוּן חִינוּךְ אוּן דַן זַיין לְכַף זְכוּת; פַּארְקֶערְט אַז מֶען קוּקְט גוּט אוֹיף דִּי קִינְדֶער, מֶען הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵיי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֵיי מְעוֹרֵר זַיין זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## רצה

### מֶעג מֶען גֶעבְּן פֶּעטְשׁ פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר זָאגְט אַסַאךְ מָאל אַז חִינוּךְ אִיז רֶעדְן צוּ קִינְדֶער - נִישְׁט שְׁלָאגְן, אוּן אוֹיב דַארְף מֶען יָא שְׁלָאגְן זָאל עֶס זַיין נָאר אַ קְלֵיין פֶּעטְשְׁל אוֹיף דִּי הַאנְט. וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער וֶוען מַיין נַיין יֶערִיג אִינְגְל הַאלְט נִישְׁט בַּיים פָאלְגְן אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רֶעדְן מִיט גוּטְן אָדֶער בֵּייזְן?

סְפֶּעצִיֶעל וֶוען עֶס קוּמְט בַּיינַאכְט, דִי צַייט וֶוען מֶען שִׁיקְט אִים אַרַיין אִין בֶּעט, אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא צוּ וֶועם צוּ רֶעדְן, עֶר הֶערְט מַמָּשׁ נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים. אֶפְשָׁר אִין אַזַא סִיטוּאַצִיֶע מֶעג עֶר יָא בַּאקוּמֶען אַ פַּאטְשׁ אוֹיפְ'ן פָּנִים.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב אִיר קֶענְט מִיר קְלָאר מַאכְן אִין דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; אַז מֶען טְרַאכְט גוּט אַרַיין זֶעט מֶען אַז פֶּעטְשׁ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אַ קִינְד אִיז דָאס נָאר אוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי נֶערְוְון. דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט שְׁלָאגְן קַיין קִינְדֶער; נִישְׁט נָאר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר מַאכְן אַסַאךְ עֶרְגֶער וְכוּ'.

**אַוַדַאי** דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אַ וָוארְט פוּן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאל זַיין טַייעֶר אוּן חָשׁוּב. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְפְן קִינְדֶער פָאלְגְן; מֶען בַּאלוֹינְט זֵיי פַאר'ן פָאלְגְן אוּן מֶען קַנְס'עֶט זֵיי אוֹיב זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. לְמָשָׁל, אוֹיב דֶער קִינְד פָאלְגְט נִישְׁט - עֶר גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן וֶוען מֶען הֵייסְט

אִים, וָוארְנְט מֶען אִים אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן וְכוּ', אָבֶער נִישְׁט שְׁלָאגְן. שְׁלָאגְן הָאט גָארְנִישְׁט מִיט חִינוּךְ, דָאס אִיז סְתַם זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן דִי נֶערְוְון.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין זוּן וָואס עֶר פָּאלְגְט נִישְׁט אוּן מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווָאוּסְנְדִיג וְכוּ'; אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד דַארְף אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט (תְּשׂוּמַת לֵב) אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט, זוּכְט עֶר אַן אוֹפֶן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אוֹיפְרֶעגְן וְכוּ', כְּדֵי צוּ גֶעווָאוּנֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט אַז אַ קִינְד פָּאדֶערְט מֶער תְּשׂוּמַת לֵב, דַארְף מֶען אִים דָאס גֶעבְּן נָאךְ פַאר עֶר הֵייבְּט אָן שְׁטֶערְן. קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי אַ קִינְד הֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים, הֵייבְּן זֵיי אִים אוֹיף; לְמָשָׁל, מֶען זָאגְט הוֹיךְ: "קוּקְט וִוי שֵׁיין עֶר פָּאלְגְט - עֶר גֵייט אַרַיין אִין בֶּעט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן"; "דוּ בִּיסְט אַזַא צַדִיק, דוּ פָּאלְגְסְט מִיט אֵיין מָאל הֵייסְן". צוּ גוּטֶע וֶוערְטֶער כַאפְּט זִיךְ יֶעדֶער צוּ; יֶעדֶער ווִיל זַיין פוּן דִי גוּטֶע.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז אָן תְּפִילָה נוּצְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט; מֶען קֶען ווִיסְן אַלֶע עֵצוֹת מִיט אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶער אָן תְּפִילָה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. מֶען דַארְף אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְווֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# רצו

## וֶועלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת אִיז גוּט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים פַאר קִינְדֶער, סְפֶּעצְיֶעל אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת וָואס מֶען קֶען נָאכְמַאכְן. אִיךְ ווִיל אָבֶער ווִיסְן וואוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אַזֶעלְכֶע גוּטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר קִינְדֶער. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ג נִיסָן, אִסְרוּ חַג פֶּסַח, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הַיינְט** אִיז דָא אַ שֶׁפַע פוּן מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ; עֶס אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים צַאמְגֶענוּמֶען פוּן אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן גְמָרוֹת ווִי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעלֶעבְּט. אוֹיךְ אִיז דָא שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה טֶעיפְּס ווִי עֶס וֶוערְט זֵייעֶר שֵׁיין דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט; וֶוען מֶען לֵיינְט דָאס אוּן מֶען הֶערְט דָאס וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רלה): "דַּע שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד, וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהָר מַחֲשַׁבְתּוֹ", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ; וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק ווי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁוֶועריִקַייט, וֶוערְט דֶער מֹחַ רֵיין פוּן אַלֶע דַאֲגוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ' וְכוּ', מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט', מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישׁ, דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֹחַ וֶוערְט אוֹיסְגֶעקְלָארְט. אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם) מֶען דַארְף וויסְן ווי אַזוֹי צוּ דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען הִתְחַזְּקוּת פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווי דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זֶעט צוּ וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר לֶעבְּן.

מֶען דאַרף זייער אַכטוּנג גֶעבּן וָואס מֶען גֶעבּט פַאר קִינְדֶער צוּ הֶערְן; לֵיידֶער זֶענֶען דָא זייער אַסַאךְ טֶעיִפּס פוּן לֵיצָנוּת בְּאִיצְטְלָא דְרַבָּנָן. עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אַ הֵיימִישֶׁע מַעֲשֶׂה וְכוּ' אָבֶער עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט סַם הַמָּוֶת; אֵיין שְׁטִיק לֵצָנוּת פוּן יֶעדְן מִנְהָג אוּן פוּן צַדִיקִים.

מֶען זֶעט אַז רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ הָאט אָנְגֶעזָאגְט זַיינֶע קִינְדֶער (פְּסָחִים קיב:): "אַל תָּדוּרוּ בְּשְׁכֶנְצִיב", אִיר זָאלְט נִישְׁט וואוֹינֶען אִין דִי שְׁטָאט שְׁכֶנְצִיב, וַוייל זֵיי זֶענֶען זייעֶר גְרוֹיסֶע לֵצִים אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ זֵיי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי הַארְבּ לֵיצָנוּת אִיז אוּן ווִי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן וואוּ עֶר וואוֹינְט, מִיט וֶועם עֶר חַבֶר'ט זִיךְ אוּן וָואס פַאר אַ מַעֲשִׂיוֹת אוּן דְרָשׁוֹת מֶען הֶערְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָמֵן.

## רצז

### זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייךְ, אַז אִין אַייעֶר זְכוּת הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען, יֶעצְט בַּיי דִי אַכְט אוּן פוּפְצִיג יָאר, צוּ עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל חֲמִשָׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

מִיט אַ יָאר צוּרִיק - פַּרְשַׁת שְׁמִינִי הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַ שִׁיעוּר אַז מֶען קֶען אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן זוּנְטָאג; מֶען קֶען אַיינְטֵיילְן דִי פַּרְשָׁה לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג, אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְכְצוּגֵיין אַ גַאנְצֶע יָאר אוֹיף דֶעם מַהֲלַךְ. הַלְוַאי זָאל מֶען דָאס אוֹיסְלֶערְנֶען אִין אַלֶע יְשִׁיבוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ו נִיסָן, י"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווַאוֹיל** אִיז דִיר אוּן ווַאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה - דֶער לֶעבְּט אַ לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ח, לה): "כִּי מֹצְאִי מָצָא חַיִּים", וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶער לֶעבְּט אַ לֶעבְּן; נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

זֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) - וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט; יֶעדֶער אִיד וָואלְט גֶענוּמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן גֶעזָאגְט אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן יֶעדֶער אִיד וָואלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁ"ס כְּסִדְרָן אֲפִילוּ אָן פַאְרְשְׁטֵיין. דִי סִיבָּה פַארְוָואס זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים לֶערְנֶען נִישְׁט, אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין מֹחַ

צוּ לֶערְנֶען, זֵיי זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן זֵייעֶר מֹחַ אִיז זֵיי שׁוֹין אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט; וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "לְעוֹלָם לִיגְּרִים אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה.

**אֲפִילוּ** אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַלֶע גֶעלְט אוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זַאט אַזוֹי וִוי דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ג, טו): "יְקָרָה הִיא מִפְּנִינִים, וְכָל חֲפָצֶיךָ לֹא יִשְׁווּ בָהּ", דִי תּוֹרָה אִיז טֵייעֶרֶער פוּן אַלֶע טֵייעֶרֶע דִיאַמַאנְטְן, אוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט קֶען מֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע זַאךְ וִוי לֶערְנֶען תּוֹרָה. תּוֹרָה מַאכְט זַאט דֶעם מֶענְטְשׁ; מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# רחצ

## ווי אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אִין דִי סְפִירָה טֶעג?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַ רָב אִיבֶּער הִלְכוֹת בֵּין הַמְצָרִים אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אִיסוּר פוּן הֶערְן נִיגוּנִים אִין בֵּין הַמְצָרִים אִיז נָאר פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, וָואס דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מְחוֹלוֹת, אָבֶּער וַוארֶעמֶע נִיגוּנִים מֶעג מֶען יָא. אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעלֵיינְט עֶרְגֶעץ אַז מֶען טָאר נִישְׁט, ווִיל אִיךְ ווִיסְן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז לְגַבֵּי דִי סְפִירָה טֶעג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי-ב, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִין** דִי סְפִירָה טֶעג זֶענֶען מִיר מִתְאַבֵּל אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְבָמוֹת סב:): "שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף זוּגִים תַּלְמִידִים הָיוּ לוֹ לְרֶבִּי עֲקִיבָא", פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעהַאט, "וְכֻלָּן מֵתוּ בְּפֶרֶק אֶחָד מִפְּנֵי שֶׁלֹּא נָהֲגוּ כָּבוֹד זֶה לָזֶה, וְהָיָה הָעוֹלָם שָׁמֵם", אוּן אַלֶע פוּן זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אִין אֵיין צַייט וַוייל זֵיי הָאבְּן

זיך נישט מְכַבֵּד גֶעוֶוען אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און די וֶועלְט איז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט ווִיסְט פון תּוֹרָה; דָאס איז גֶעוֶוען אין די טֶעג פון סְפִירָה. דֶערִיבֶּער הַאלְטְן מֶען אין די טֶעג אֲבֵילוּת, מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין מוּזִיק, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין חֲתוּנוֹת און מֶען בַּאנַייט נִישְׁט קַיין נַייעֶ קְלֵיידֶער וְכוּ'.

**אִין** די טֶעג דַארְפְן מִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן און אַרַיינְטְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי מִיר פִירְן זִיךְ אוֹיף אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ; מֶען זָאל זֶען מֶער אַכְטוּנְג צו גֶעבְּן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן און נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר פַארְעֶכְטְן וָואס זֵיי הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען. וַוייל די תַּלְמִידִים פון רֶבִּי עֲקִיבָא הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט סוֹבֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סא, ג): "שְׁנֵים עָשָׂר אֶלֶף תַּלְמִידִים הָיוּ לְרֶבִּי עֲקִיבָא מֵעַכּוֹ וְעַד אַנְטִיפְּרַס, וְכֻלָּם בְּפֶרֶק אֶחָד מֵתוּ, לָמָּה? שֶׁהָיְתָה עֵינֵיהֶם צָרָה אֵלּוּ בְּאֵלּוּ"; דָאס דַארְפְן מִיר פַארְעֶכְטְן אין די אִיצְטִיגֶע טֶעג.

**דֶער** הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (לִקּוּטֵי תּוֹרָה, בָּלָק): די פִיר און צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פון רֶבִּי עֲקִיבָא וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְן אין די טֶעג פון סְפִירָה, זֶענֶען גֶעוֶוען גִלְגוּלִים פון די פִיר און צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְן בַּיי די מַגֵּיפָה פון די עֲבֵירָה פון זִמְרִי בֶּן סָלוּא; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אין נִאוּף וֶוערְט אִים דֶער מֹחַ פַארְדְרֵייט, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן קְרִיגְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, עֶר הֵייבְּט אָן קוּקְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן און עֶר איז מְקַנֵּא אַ צְוֵוייטְן. נָאכְדֶעם

הֵייבְּט עֶר אָן יֶענֶעם פַּיינְט הָאבְּן בִּיז מֶען קוּמְט צוּ רְצִיחָה מַמָּשׁ - רַחְמָנָא לִצְּלָן; דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַּארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ קְרִיגְט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטְן, אַלֶעס וַוייל עֶר לִיגְט אִין נִאוּף. אַזוֹי אוֹיךְ זֶעט מֶען אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן שִׂ'נְאָה, קִ'נְאָה אוּן רְ'צִיחָה אִיז שֶׁ'קֶ'ר'.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא ט.): דִי עֶרְשְׁטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן וַוייל מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת עֲבוֹדָה זָרָה, גִּלּוּי עֲרָיוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, דִי צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן נָאר וֶועגְן שִׂנְאַת חִנָּם, אוּן דִי גְמָרָא פִירְט אוֹיס: "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", דִי עֲבֵירָה פוּן שִׂנְאַת חִנָּם גֵייט נָאכְאַלְץ אָן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין לִיבּ צוּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן אוּן אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַחֲלוֹקֶת, אַזוֹי וֶועלְן מִיר קֶענֶען בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ.

## רצט

### אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין 'שְׁוַואכֶער', פַּארְוָואס זָאל אִיךְ 'זָאגְן' תּוֹרָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר תְּשׁוּבָה[ט] אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפְרֶעגְט אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען, עֶס צִיט מִיר מֶער צוּ לֵיינֶען

ט. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב רצא.

בִּיכֶער און צייטונגען. אִיךְ מַיין אָבֶּער אַז אִיר הָאט מִיר נִישְׁט גוט פַארְשְׁטַאנֶען.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אַ שְׁוַואכֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא; אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט זִיבְּן יָאר אִין כּוֹלֵל, אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען שַׁ"ס און אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ לֶערְן. הַיינְט לֶערְן אִיךְ אוֹיךְ גְמָרָא, רַשִׁ"י און תּוֹסְפוֹת, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז אִיךְ פַארְלִיר שְׁנֶעל דִי חֵשֶׁק צוּ דִי גְמָרָא, און נָאכְ'ן לֶערְנֶען אַבִּיסְל צִיט מִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּ גֵיין לֵיינֶען נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן זָאגְן תּוֹרָה אִיז נִישְׁט פַאר מַיין דַּרְגָא, דָאס אִיז גֶעמַאכְט פַאר שְׁוַואכֶע בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט. אִיךְ בִּין נִישְׁט מְזַלְזֵל אִין דֶעם חָלִילָה, אָבֶּער אִיךְ פִּיל אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם אוֹפָן וֶועט דָאס מִיר אִינְגַאנְצְן אַרָאפְּקְלַאפְּן.

אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מִיט דֶעם וָואס דִי גְמָרָא זָאגְט בַּיי הִלֵּל (שַׁבָּת לא.) 'שְׁאֵלוֹת הַרְבֵּה יֵשׁ לִי לִשְׁאוֹל וּמִתְיָרֵא אֲנִי שֶׁמָּא תִּכְעוֹס'...

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, ט"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דֶער "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד" אִיז נָאר פַאר שְׁוַואכֶע וְכוּ', דָאס אִיז אַ טָעוּת פוּן דַיין זַייט.

**עֶס** אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו, דָארְט וֶועסְטוּ זֶען וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט בְּפֵירוּשׁ:

"שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מָה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבּוֹר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל דִי מַעֲלָה פוּן לֶערְנֶען אַסַאךְ שְׁטֵייגְט אַלֶעס אִיבֶּער, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.) אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד

הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", אַז מֶען גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, ווייל אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגַיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶעס וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"**אֲבָל** כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גְעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תְּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן כח), עַיֵּין שָׁם.

**זְזִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אוּן הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

**אִיךְ** פַּארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן דֶער 'דֶרֶךְ הַלִּימוּד' אִיז נָאר פַאר שְׁוַואכֶע קֶעפּ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ גוּטֶע קָאפּ, עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסְנְוֵויינִיג גַאנְץ שַׁ"ס מִיט אַלֶע תּוֹסְפוֹת, דָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן "זָאגְן" יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפה). וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן אוּן זַיין טַאטֶע רֶבִּי

נַפְתָּלִי הִירְץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אִים גֶעזֶען 'זָאגְן' מִשְׁנַיוֹת הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף אִים, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "מַיין נָתָן'לֶע הֵייסְט עֶר 'זָאגְן' חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת?!" אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מַחֲלוֹקֶת.

**לְמַעֲשֶׂה** זֶעט מֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין חִילוּק צְווִישְׁן אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ - אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט מְחַלֵּק זַיין; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר אַלֶע זָאלְן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד".

**אַמָאל** אִיז גֶעוֶוען אַ תֵּירוּץ נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען וַוייל מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען, אַמָאל הָאט מֶען גֶעקֶענְט הֶערְן אִינְגֶעלַייט קְרֶעכְצְן אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט לֶערְנֶען וַוייל מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּקְט אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מִיר הָאבְּן דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דֶער תֵּירוּץ, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען.

**וָואס** טוּט דֶער יֵצֶר הָרַע? עֶר אִיז דָא מִיט אַ נֵייעֶ מְנִיעָה; עֶר הָאט אַ נֵייעֶ תֵּירוּץ פַאר דִי פוֹילֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן תֵּירוּצִים, עֶר מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ טְרַאכְטְן: 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי לֶערְנֶען'; 'אִיךְ הָאבּ אַ גוּטֶע קָאפּ'; 'אִיךְ בִּין אַ גֶעזוּנְטֶער לַמְדָן'; אַמָאל הָאט מֶען גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען וַוייל אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען", אָבֶּער הַיינְט שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר: "אִיךְ לֶערְן נִישְׁט, אִיךְ לֵיין צַייטוּנְגֶען, אִיךְ גֵיי לֵיידִיג וַוייל 'אִיךְ קֶען לֶערְנֶען'"...

**פַארְוָואס** טְרַאכְטְסְטוּ אַז דֶער "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" וֶועט דִיר אַרָאפּ קְלַאפְּן וְכוּ'? פְּרוּבִיר דָאס אוֹיס, וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס וֶועט דִיר נָאר אוֹיפְהֵייבְן.

**וָוען** רֶבִּי נָתָן אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן לֶעמְבֶּערְג הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֵיי זֶענֶען לַמְדָנִים אָבֶּער מִיר לֶערְנֶען"... עֶר הָאט דָארְט גֶעזֶען גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" לֶערְנְט מֶען נִישְׁט, יֶעדְן טָאג הָאט מֶען אַן אַנְדֶערְן תֵּירוּץ וְכוּ', הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֵיי זֶענֶען טַאקֶע לוֹמְדִים, אָבֶּער מִיר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה".

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט (שַׁבָּת לא.): "שְׁאֵלוֹת הַרְבֵּה יֵשׁ לִי לִשְׁאוֹל, וּמִתְיָרֵא אֲנִי שֶׁמָּא תִכְעוֹס"; אַדְרַבָּה, אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ הֶערְן דַיינֶע שְׁאֵלוֹת, אוּן גֶעדֶענְק וָואס הִלֵּל הַזָּקֵן הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "הֱוֵי זָהִיר בְּרוּחֲךָ"...

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## ש

### עֶס קוּמְט זוּמֶער, וְוִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט שׁוֹין דִי זוּמֶער טֶעג אוּן אִיךְ הוֹיבּ אָן שְׁפִּירְן וִוי אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע, דִי ווִינְטֶער סֶעזָאן הָאט זִיךְ בָּרוּךְ ה' פַּארְצוֹיגְן אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל גְרִינְגֶער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער יֶעצְט דִי הֵייסֶע זוּמֶער טֶעג הוֹיבְּט זִיךְ אָן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ וואוּילֶע פֵיינֶע וַוייבּ, עֶס הֶעלְפְּט מִיר אָבֶּער נִישְׁט צוּפִיל. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הֵיילִיגֶע עֶרְלִיכֶע אוֹיגְן? אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הֶעלְפְן מִיר, אָבֶּער נִישְׁט עֶכְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי זוּמֶער טֶעג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' לְסֵדֶר טָהֳרָה, ב' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּר, ט"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מִיר זֶענֶען אַלֶע אִינֶעם זֶעלְבְּן צָרָה; עֶס קוּמְט זוּמֶער אוּן דִי גַאסְן וֶוערְן שְׁרֶעקְלִיךְ. מֶען קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט גֵיין אִין גַאס, דִי גוֹיִם גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן וִוי דִי חַיוֹת, בֶּעסֶער גֶעזָאגְט 'אוֹיסְגֶעטוּן' וִוי דִי חַיוֹת אוּן עֶס אִיז

זייער שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן. דֶער יֵצֶר הָרַע מַאכְט מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל קוּקְן וואוּ עֶס גְלִיסְט זִיךְ, בִּיז עֶר קִילְט נָאכְדֶעם אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין אִידִישְׁקֵייט.

**אָבֶער** וויסְן זָאלְסְטוּ, ווִי גְרוֹיס אוּן שְׁוֶוער דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז - אַלְס גְרֶעסֶער זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס גֶעבְּן אוּנְז עֵצוֹת לוֹחֵם צוּ זַיין מִיטְ'ן יֵצֶר הָרַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לו): וֶוען עֶס בְּרֶענְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ תַּאֲוַת נִאוּף רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאל מֶען זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד", אוּן: "בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד"; וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי תַּאֲוָה נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זִיךְ רַאטֶעוֶועןְ פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע תַּאֲוָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): אוֹיבּ מֶען אִיז זֵייעֶר פַארְזִינְקֶען אִין דִי תַּאֲוָה זָאל מֶען וֵויינֶען בִּשְׁעַת מֶען זָאגְט דִי צְוֵויי פְּסוּקִים אוּן דָאס וֶועט רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין בְּלָאטֶע; וַוייל ווִי נָאר מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן עֲבֵירוֹת.

**נָאךְ** אַן עֵצָה גֶעבְּט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רְאִיָּה, חֵלֶק ב', סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חוּצָה' וְכוּ', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", אוֹיבּ מֶען הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת וֶוען מֶען גֵייט אִין גַאס זָאל מֶען

זָאגְן פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב דֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן; אַזוֹי פִירְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים, וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב, בְּשְׁעַת מֶען קוּשְׁט דִי מְזוּזָה אוּן מֶען הַאלְט דִי הַאנְט אוֹיפְ'ן מְזוּזָה זָאגְט מֶען דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

**פַאר** דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב זָאלְסְטוּ אַזוֹי טוּן, לֵייג אַרוֹיף דַיין הַאנְט אוֹיפְ'ן מְזוּזָה אוּן זָאג דֶעם פָּסוּק: "הֵן אֶרְאֶלָם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע וָואס וִויל מִיר אוֹיסְרַייסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט, בְּרֶענְג מִיר צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**מֶען** הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד גֵייט אִין גַאס זוּמֶער אוּן מוּרְמְלְט זִיךְ אוּנְטֶער: "אִיךְ וִויל קִינְדֶער וָואס וֶועלְן אַרוֹיס גֶעבְּן סְפָרִים", "אִיךְ וִויל קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן", הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "מַה מָּקוֹם לִתְפִלָּה זוּ", וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן בֶּעטְן דָא אוֹיפְ'ן גַאס פַאר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה? הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ רֶעד צוּ מִיר אַלֵיין; אִיךְ הָאב יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע אַ גְרוֹיסֶע תַּאֲוָה אוֹיפְצוּהֵייבְּן מַיינֶע אוֹיגְן אוּן קוּקְן

אויפ'ן גַאס וְכוּ', עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, אָבֶּער אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן יט): 'מִי שֶׁאֵין מִסְתַּכֵּל עַל נָשִׁים, זוֹכֶה שֶׁזַּרְעוֹ יִתְחַבְּרוּ פְּרוּשִׁים עַל הַתּוֹרָה', וֶוער עֶס קוּקְט נִישְׁט אוֹיף פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַרוֹיס גֶעבְּן סְפָרִים פוּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה; דֶערְפַאר רֶעד אִיךְ צוּ מִיר אַלֵיינְס, אִיךְ חַזֵר צוּ מִיר אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרָאפּ צוּ קוּקְן, וַוייל אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שא

### פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען מֶער עֶנְגְלִישׁ אוּן לִימוּדֵי חוֹל מִיט דִי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵּק.

אִיךְ וואוין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר שְׁטַארְק; בָּרוּךְ ה' אִיךְ שִׁיק מַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מֶען לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג תּוֹרָה, נָאר אֵיין שָׁעָה לֶערְנְט מֶען לִימוּדֵי חוֹל. מִיר שְׁטֶערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְוָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער נָאךְ,

צוּם בַּיישְׁפִּיל הִיסְטָארְיֶע, גֶעאָגְרַאפִּיֶע אוּן דָאס גְלַייכְן. אֲפִילוּ נַ"ךְ וָואס דָאס אִיז דָאךְ אִידִישֶׁע הִיסְטָארְיֶע - לֶערְנְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט. שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען לֶערְנְט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֶנְגְלִישׁ.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּ זָאגְן וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פוּן פָארְאוֹיס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר טָהֳרָה, ג' אִיָּיר, י"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דַאנְק** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַן עֶרְלִיכְן תַּלְמוּד תּוֹרָה וואוּ מֶען לֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ זְכוּת דֶער מֶענְטְשׁ הָאט וֶוען עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ שִׁיקְן זַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן זַיין נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, הֵייבְּט מֶען אָן דַן זַיין דִי נְשָׁמָה, מֶען נֶעמְט אַפִּיר אַלֶע מַעֲשִׂים וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, אוּן וֶוען מֶען וויל אִים שׁוֹין שְׁטְרָאפְן אוֹיף זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (מִדְרָשׁ הַנֶּעְלָם פָּרָשַׁת וַיֵּרָא, קד:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית יח, לא): "אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם עֶשְׂרִים", אַז דֶער סַנֵיגוֹר זוּכְט

זְכוּתִים אויף דִי נְשָׁמָה אַז דִי נְשָׁמָה זָאל זוֹכֶה זַיין אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן; עֶר פְרֶעגְט: "אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם עֶשְׂרִים - שֶׁמָּא יְגַדְלוּ בָּנִים לְתַלְמוּד תוֹרָה, וְיֵשׁ לָהֶם שָׂכָר לַעֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת שְׁתֵּי פְּעָמִים בְּכָל יוֹם", אֶפְשַׁר הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעשִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה? דַאן הָאט עֶר שְׂכַר כְּאִילוּ עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת צְוַויי מָאל, "דְּאָמַר רַבִּי יִצְחָק, כָּל הַמְגַדֵּל בְּנוֹ לְתַלְמוּד תוֹרָה וּמוֹלִיכוֹ לְבֵית רַבּוֹ בַּבֹּקֶר וּבָעֶרֶב, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ קִיֵּים הַתּוֹרָה ב' פְּעָמִים בְּכָל יוֹם", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר שִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תוֹרָה, רֶעכְנְט מֶען אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע תוֹרָה אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶוערְט זַיין נְשָׁמָה בַּאפְרֵייט פוּן דִי עוֹנְשִׁים פוּן גֵיהִנוֹם.

**אִיךְ** וֵויים נִישְׁט פַארְוָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז דַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין עֶנְגְלִישׁ; צִי וָואס דַארְפְן זֵיי דָאס לֶערְנֶען, וָואס וֶועט דָאס זֵיי הֶעלְפְן אִין לֶעבְן? דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ג): "אֵין צָרִיךְ לָאָדָם לִדְאֹג עַל פַּרְנָסַת בָּנָיו, כִּי כְּשֶׁהֵם גְּדֵלִים, גְּדֵלָה פַּרְנָסָתָם עִמָּהֶם", מֶען דַארְף נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט פַאר דִי קִינְדֶער פוּן וואוּ זֵיי וֶועלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, וַוייל וֶוען זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועט זֵייעֶר פַּרְנָסָה מִיט וַואקְסְן מִיט זֵיי; וִויפִיל אִידְן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם מִיט אַ גוּטֶע עֶנְגְלִישׁ אוּן מִיט אַלֶע חָכְמוֹת - אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה? פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַּרְנָסָה קוּמְט אַז מֶען לֶערְנְט תוֹרָה.

**אַז** מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת'ן אוֹיג זֶעט מֶען אַז עֶס זֶענֶען דָא הוּנְדֶערְטֶער עֲשִׁירִים וָואס קֶענֶען נִישְׁט קַיין עֶנְגְלִישׁ, עֶס זֶענֶען דָא חֲסִידִי'שֶׁע אִידְן וָואס הָאבְּן שַׁיין פַּרְנָסָה וְכוּ'; זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין יְשִׁיבָה אוּן גֶעלֶערְנְט נָאר תּוֹרָה אַלֶע זֵייעֶרֶע יָארְן אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם פִירְן זֵיי גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְטְן וְכוּ', אוּן פַארְקֶערְט זֶענֶען דָא וָואס הָאבְּן שְׁטוּדִירְט צֶענְדְלִיגֶער יָארְן אַלֶע עֶרְלֵיי חָכְמוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט כַּמָה שְׁפְּרַאכְן וְכוּ' אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה. דֶערִיבֶּער, דַארְף דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין עֶנְגְלִישׁ נָאר זֵיי לֶערְנֶען פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**מִיר** ווייסְן גָארְנִישְׁט; מִיר ווייסְן נָאר וָואס דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, ווִי זֵיי הָאבְּן אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דִי חִינוּךְ פַאר אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת. מִיר גֵייעֶן נָאךְ דִי פִּיס טְרִיט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אַרָאפּ גֶעשְׁטֶעלְט יְסוֹדוֹת ווִי אַזוֹי מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער, אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מְשַׁנֶה זַיין.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶלֶךְ זָאגְט (שִׁיר הַשִׁירִים א, ז): "הַגִּידָה לִּי שֶׁאָהֲבָה נַפְשִׁי אֵיכָה תִרְעֶה, אֵיכָה תַּרְבִּיץ בַּצָּהֳרָיִם", דִי אִידְן פְרֶעגְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי קֶענֶען מִיר זַיין אִין גָלוּת, ווִי אַזוֹי ווייסְן מִיר וואוּ דִיר צוּ גֶעפוּנֶען? "שַׁלָּמָה אֶהְיֶה כְּעֹטְיָה, עַל עֶדְרֵי חֲבֵרֶיךָ", פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין פַארְשֶׁעמְט ווִי אֲבֵלִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פַאסְטוּךְ? עֶנְטְפֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי אִידְן (שָׁם): "אִם לֹא תֵדְעִי לָךְ הַיָּפָה בַּנָּשִׁים", אוֹיבּ דוּ ווילְסְט מִיר טְרֶעפְן, אוֹיבּ דוּ ווילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ

פִירְן אִין דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת: "צְאִי לָךְ בְּעִקְבֵי הַצֹּאן", גֵיי נָאךְ דִי פִּיס טְרִיט פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי הָאבְּן אַרָאפְּגֶעשְׁטֶעלְט אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

**צִי** מֶען זָאל לֶערְנֶען נַ"ךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוֹיף דֶעם אִיז דָא חִילוּקֵי דֵעוֹת; עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען נַ"ךְ מִיט קִינְדֶער, וַוייל פַארְצַייטְנְס הָאבְּן דִי אֶפִּיקוֹרְסִים אַרַיין גֶעלֵייגְט זֵייעֶרֶע פַאלְטְשְׁקֵייטְן קֶעגְן דִי תּוֹרָה אִין נַ"ךְ.

**מִיר** גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת כח:): "כְּשֶׁחָלָה רַבִּי אֱלִיעֶזֶר נִכְנְסוּ תַּלְמִידָיו לְבַקְרוֹ", וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוָוארְן נִישְׁט גֶעזוּנְט, זֶענֶען דִי תַּלְמִידִים אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעבֶּעטְן: "לַמְדֵנוּ אוֹרְחוֹת חַיִּים וְנִזְכֶּה בָהֶן לְחַיֵי הָעוֹלָם הַבָּא", רֶבִּי, לֶערְן מִיט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דֶעם צוּ עוֹלָם הַבָּא, הָאט דֶער הֵיילִיגֶע תַּנָא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "הִזָּהֲרוּ בִּכְבוֹד חַבְרֵיכֶם", גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם כָּבוֹד פוּן אַ צְוֵוייטְן, "וּמִנְעוּ בְּנֵיכֶם מִן הַהִגָּיוֹן", זָאגְט רַשִׁ"י אוֹיף דֶעם: "לֹא תַּרְגִּילוּם בַּמִקְרָא יוֹתֵר מִדַאי", אִיר זָאלְט נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער אַסַאךְ מִקְרָא; נָאךְ הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעזָאגְט: "וְהוֹשִׁיבוּם בֵּין בִּרְכֵּי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", נֶעמְט אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיצְן בַּיי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים.

**דֶערִיבֶּער** זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם סֵדֶר פוּן חֵדֶר נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען נַ"ךְ; וִוידֶערְאוּם

זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אַיינְגֶעפִּירְט אַז מֶען זָאל יָא לֶערְנֶען נַ"ךְ, ווי לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט יָא גֶעהֵייסְן לֶערְנֶען נַ"ךְ אִין דִי חֲדָרִים, אוּן אַזוֹי פִּירְן זִיךְ אַסַאךְ תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס, אוּן אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ בַּיי אוּנְז אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג מֶען זָאל הָאבְּן קִינְדֶער צַדִיקִים יִרְאֵי אֱלֹקִים.

**דוּ** קֶענְסְט אַוַדַאי דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַזֶעלְכֶע גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יֶעדֶע נַאכְט בִּשְׁעַת אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט תִּיקוּן חֲצוֹת הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעפִילְט אַ כּוֹס מִיט טְרֶערְן, אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע קִינְדֶער".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שב

## אִיךְ ווִיל נָאר אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָתָן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אִין דִי יָארְן אוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן זוּכְן פַּאר מִיר אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הֶער אָבֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ חָתָן וָואס הֶערְט אוֹיךְ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע לִימוּדִים.

וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט גֶעהֶערְט אַז אִיךְ ווִיל אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר שִׁידוּךְ הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן דֶערְפוּן, זִי וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז. מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ זָאל אִיךְ זִיךְ עֲקְשְׁנ׳ען אוּן וַוארְטְן דַוְקָא נָאר אוֹיף אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר שִׁידוּךְ, אָדֶער נִישְׁט?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ בְּרִיוו פַּאר אַ כַּלָה אַז זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת[י], אִיךְ זֶע אָבֶער בַּיי מַיינֶע בְּרִידֶער אַז נִישְׁט אַלֶע הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ זֶע אוֹיךְ בַּיי זֵיי ווִי אַזוֹי עֶס זֶעט אוֹיס אַ לֶעבְּן אָן דִי לִימוּדִים, אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר נִישְׁט אַז מַיין לֶעבְּן זָאל אַזוֹי אוֹיסְזֶעֶן.

אִיךְ וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועגְן דֶעם, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וָואס אִיךְ דַארְף צוּ טוּן, אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ קְלָארֶע עֶנְטְפֶער וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

---

י. דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ח' אִיָּר, כ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיךְ** פַאְרשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט אַייעֶרע עֶלְטֶערְן פַארְוָואס זֵיי ווִילְן נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּחוּר פַאר אַן אֵיידֶעם, ווַייל עֶלְטֶערְן ווִילְן נָאר דָאס גוּטְס פוּן דִי קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן ווִילְן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן הֱיוֹת זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַסַאךְ לָשׁוֹן הָרַע אוֹיף בְּרֶסְלֶב ווִילְן זֵיי נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּחוּר, אָבֶער וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, וָואלְטְן זֵיי "נָאר" גֶענוּמֶען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּחוּר פַאר אַן אֵיידֶעם. ווַייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז 'שָׁלוֹם בַּיִת' אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, ווַייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִידוּל בָּנִים אוּן צַעַר לֵידָה וְכוּ'.

**זָאל** אֵיינֶער בְּרֶענְגֶען נָאךְ אַ צַדִיק פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט אַזוֹי פַארְלַאנְגְט פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ; 'שָׁלוֹם בַּיִת' אִיז בַּיים רֶבִּי'ן אַ יְסוֹד, אוּן וֶוער עֶס ווֵייסְט מַבְחִין צוּ זַיין, זֶעט ווִי שֵׁיין בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן לֶעבְּן; מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי

וַוייב, מֶען לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית און מֶען צִיט אוֹיף אַן עֶרְלִיכֶער שְׁטוּב פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְט אִיר זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ און קְלָאר שְׁטֶעלְן פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַז אִיר ווילְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטוּב; זָאגְט זֵיי: "טֵייעֶרֶע טַאטֶע און מַאמֶע, אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, מַיין לֶעבְּן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אִיךְ לֶעבּ פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס חִיזּוּק און פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; בֶּעט אִיךְ עֶנְק טֵייעֶרֶע טַאטֶע מַאמֶע, הֶערְט אַלֵיינְס אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט אִין בְּרֶסְלֶב, וָואס מֶען פַארְקוֹיפְט אִין בְּרֶסְלֶב; קוּקְט אַייךְ צוּ ווִי אַזוֹי בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן לֶעבְּן, וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז מִיר הָאבְּן אֵיין צִיל אִין לֶעבְּן, אִיךְ וויל וָואס אִיר ווילְט און אִיר ווילְט וָואס אִיךְ וויל"; אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דַאן וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן. גֶעדֶענְקְט וָואס שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב חֵמָה", דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיינֶע רֵייד נֶעמְט אַוֶועק כַּעַס; אַז מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, פוּעֶלְ'ט מֶען בַּיים סוֹף.

**אַוַדַאי** זָאלְט אִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן פַאר אֵיין סְקוּנְדֶע אַז אַ שִׁידוּךְ קוּמְט "נָאר" פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה און נְבִיאִים און אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): לָבָן און בְּתוּאֵל הָאבְּן גֶעזָאגְט

פַאר אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם: "מִיר קֶענֶען נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן רִבְקָה פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל 'מֵה' יָצָא הַדָּבָר'"; אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ, כִּי מֵה' הִיא", דִי עֶלְטֶערְן פוּן שִׁמְשׁוֹן הַגִּיבּוֹר הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז זַיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", אַ הוֹיז אוּן אַ פַארְמֶעגְן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען בִּירוּשָׁה פוּן עֶלְטֶערְן, דָאס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

**מַאכְט** תְּפִלָּה, דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם וָואס זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר! אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, אַ שְׁטוּבּ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַ שְׁטוּבּ וואוּ מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט קְדוּשָּׁה, אַ שְׁטוּבּ וואוּ אִיךְ אוּן מַיין מַאן וֶועלְן זִיךְ מְכַבֵּד זַיין. הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב אַייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן אַוַדַאי זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ בָּחוּר וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אוּן הָאט מוֹרָא פוּן אִים, אָמֵן.

**דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק ב, מִכְתָּב קלט:**

## אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַ חָתָן פוּן יְשִׁיבָה אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן.

פַאר בְּעֶרֶךְ צְוֵויי יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעפוּנֶען פוּן דִי הֶערְלִיכֶע הַאטְלַיין אוּן עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נַייעֶ וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן אַנְדֶערְשׁ צוּ מַיין טַאטֶע מַאמֶע, בְּקִיצוּר אִיךְ בִּין מַמָּשׁ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פַאר הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אִין מַיין קָאפּ אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ שִׁידוּכִים וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן... אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם גֶעצְוִוינְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, פָּשׁוּט ווַייל דָאס הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אַ כַּלָה גֶעוָוארְן בְּעֶרֶךְ אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק צוּ אַ ... בָּחוּר וָואס ווֵייסְט גָארְנִישְׁט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ צוּ וֶועם אִיךְ בִּין צוּם סוֹף אַ כַּלָה גֶעוָוארְן, ווֵיין אִיךְ... וואוּ זֶענֶען מַיינֶע מִילְיָאנֶען תְּפִילוֹת?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן פָּשׁוּט אוּן בִּילִיג, אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ סְפֶּענְדְן גֶעלְט אוֹיף זֵייעֶר פִיל נַארִישְׁקֵייטְן.

ווִיפִיל אִיךְ ווֵייס אַז דֶער שִׁידוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימְל, קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'

**מַזָּל** טוֹב פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**וְוִיסְן** זָאלְט אִיר, אַז אַלֶע בָּחוּרִים פוּן אַלֶע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען הַיינְט רוּבָּם כְּכוּלָּם מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַלֶע הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אוּן אַלֶע נֶעמֶען דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן דִי מֵפִיצִים.

**צוּם** קוֹל בְּרֶסְלֶב הַאטְלַיין רוּפְן יֶעדְן טָאג אַרַיין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן; רוֹב פוּן דִי וָואס רוּפְן זֶענֶען בָּחוּרִים פוּן אַלֶע יְשִׁיבוֹת אַרוּם דִי וֶועלְט, מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט אַרוֹיס אָפְן וַוייל יֶעדֶער שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם צְוֵוייטְן - דֶער בָּחוּר הֶערְט דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן זַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר, דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר הֶערְט דָאס אַלֵיינְס, אָבֶער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֶערְט דָאס פַאר זִיךְ, נָאר עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן וְכוּ'.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זַייעֶר אַסאךְ מָאל הֶערְט דֶער מַאן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה דֶערְמִיט, עֶר בַּאקוּמְט שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זַיין וַוייבּ, וַוייל וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס - לֶערְנְט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיס. פַארְפַאלְן, אַלֶע זֶענֶען דָאס שׁוֹין הַיינְט מוֹדֶה, אַז נָאר דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן פְּרָאבְלֶעם. דֶער מַאן טְרַאכְט

נָאר: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין וַוייבּ זָאל עֶס אוֹיךְ הֶערְן', אִין דֶער צַייט וָואס זִי הֶערְט דָאס שׁוֹין אוֹיךְ אוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט...

**אִיךְ** הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט ווִי זֵיי הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי פְלֶעגְן שְׁטִילֶערְהֵייט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה אוּן זֵיי פְלֶעגְן מִתְפַּלֵל זַיין אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ שְׁטוּבּ וָואס וֶועט זִיךְ פִירְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת. זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן וַוייטֶער שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶועזְן דֶערְמִיט שְׁטִילֶערְהֵייט. בִּיז אֵיין טָאג הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז זֵייעֶר וַוייבּ הֶערְט דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט נָאךְ פוּן אַלְס מֵיידְל, אוּן זִי בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן זָאל אוֹיךְ זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. ווִידֶערְאוּם דֶער אִינְגֶערְמַאן ווִיל קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶּער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן פוּן דִי נוֹשֵׂא מִיט זַיין וַוייבּ, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן זָאל הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז זֵיי גֶעפוּנֶען אוֹיס אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן...

**אִיר** זָאלְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶנְק זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, מִיט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת; קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן גְלֵייבְּן אִין צַדִיקֵי אֱמֶת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְק הֶעלְפְן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ חַיִים טוֹבִים.

קַיין אֵיין תְּפִילָה גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד, יֶעדֶע תְּפִילָה נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה.

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט וֶועגְן בִּילִיג חֲתוּנָה הָאבְּן, אַז אִיר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן בִּילִיג וְכוּ'; וואוּיל אִיז פַאר אַ כַּלָה וָואס זָאגְט פַאר אִיר חָתָן: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין עֶכְטֶע צִירוּנְג". זִי זָאגְט פַאר אִיר חָתָן: "אִיךְ פְרֵיי מִיךְ מִיט דִיר אַלֵיין"; "אִיךְ ווִיל אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט בָּארְגְן קַיין אֵיין אִיבְּרִיגֶע דָאלֶער פַאר מַיינֶע צִירוּנְגֶען, וְכַדוֹמֶה". וואוּיל אִיז פַאר אַ כַּלָה וָואס זָאגְט פַאר אִיר מַאמֶע: "מַאמֶע, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין חֲתוּנָה קְלֵייד וָואס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט; מִיר אִיז גוּט אַ חֲתוּנָה קְלֵייד פוּן אַ גְמַ"ח וָואס קָאסְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר דָאלֶער"; אַזַא כַּלָה וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת אוּן צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, ווַייל זִי גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

**וִויפִיל** עֶלְטֶערְן גֵיין אַרָאפּ פוּן זִינֶען וֶוען עֶס קוּמְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער; זֵייעֶר לֶעבְּן וֶוערְט אוֹיס, זֵיי וֶוערְן גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אַלֶעס נָאר וֶועגְן נַארִישֶׁע קִינְדֶער וָואס עַקְשְׁנ'עֶן זִיךְ פַאר טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, טֵייעֶרֶע שְׁטְרַיימְל, טֵייעֶרֶע צִירוּנְג וְכוּ'.

**דַאנְקְט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוֹרוֹת יְשָׁרִים וּמְבֹרָכִים.

# שג

## איז אויסגֶעהַאלְטְן צוּ נֶעמֶען אַ גוֹיטֶע צוּ הֶעלְפְן אינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אַז מֶען דַארְף נֶעמֶען אַ "קְלִינִינְג לֶעדִי" אִינְדֶערְהֵיים, מֶען זָאל נֶעמֶען אַ גוֹי'אִישֶׁע הֶעלְפֶערְקֶע אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן מִיט דִי אַרְבֶּעט אִינְדֶערְהֵיים, אַז דִי וַוייבּ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען.

תּוֹרָה הִיא וְלִלְמוֹד אֲנִי צָרִיךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי מוֹהֲרָ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר "חַסְדֵי אָבוֹת" זַייעֶר שַׁארְף אַז מֶען זָאל דָאס נִישְׁט טוּן ווייל דָאס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין צְנִיעוּת, חִינוּךְ, יִחוּד, הִרְהוּרִים רָעִים, אוּן נָאךְ.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן, קֶען זַיין אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַנְדֶערְשׁ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָ"א"שׁ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ט' אִיָּר, כ"ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן נֶעמֶען אַ פְרוֹי וָואס רֵיינִיגְט אִין שְׁטוּבּ (קְלִינִינְג לֶעדִי) בִּשְׁעַת מוֹהֲרָ"א"שׁ זָאגְט

קְלָאר אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין פְרֶעמְדֶע פְּרוּי אִין שְׁטוּבּ צוּ רֵיינִיגְן, אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר חַסְדֵי אָבוֹת (עַל פִּרְקֵי אָבוֹת פֶּרֶק ב, מִשְׁנָה ח) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: "מַרְבֶּה שְׁפָחוֹת מַרְבֶּה זִמָּה", אֵיינֶער וָואס פַארְמֶערְט שְׁפָחוֹת פַארְמֶערְט עֲבֵירוֹת; זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען גוֹי'טֶעס וָואס רֵיינִיגְן דִי שְׁטוּבּ, ווַייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אוּן אֲפִילוּ מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, אָבֶער אִין טְרַאכְטְן פוּן אַן עֲבֵירָה פַאלְט מֶען זִיכֶער אַרַיין, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סד.): "אִם מִידֵי עֲבֵירָה יָצָאנוּ, מִידֵי הִרְהוּר לֹא יָצָאנוּ", אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (יוֹמָא כט:): "הִרְהוּרֵי עֲבֵירָה קָשִׁים מֵעֲבֵירָה"; נָאךְ זָאגְט מוֹהֲרָא"ש אַז מֶען קֶען נִכְשָׁל ווֶוערְן אִין אִיסוּר יִחוּד. אוּן מוֹהֲרָא"ש פִּירְט דָארְט אוֹיס אַז מֶען זָאל אָנְזָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי'טֶע.

דַארְפְּסְט אָבֶער ווִיסְן דֶעם כְּלַל אַז (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ג, הֲלָכָה ה): "דִּבְרֵי תוֹרָה עֲנִיִּים בִּמְקוֹמָן, וַעֲשִׁירִים בְּמָקוֹם אַחֵר"; קוּק אַרַיין אִין דִי אַנְדֶערֶע פֵּירוּשִׁים פוּן מוֹהֲרָא"ש אוֹיף פִּרְקֵי אָבוֹת (זְכוּת אָבוֹת, עָמוּד עא; מָגֵן אָבוֹת, עָמוּד נח; תּוֹרַת אָבוֹת, עָמוּד מב) וואוּ מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז אוֹיבּ דִי ווַייבּ דַארְף אַ פְּרוּי אַרוֹיס צוּ הֶעלְפְן אִין שְׁטוּבּ, זָאל מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ אִין דִי צַייט ווֶוען דִי קְלִינִינְג לֶעדִי אִיז דָארְט. אַזוֹי אוֹיךְ טָארְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ,

ווייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי מִיר וֶוייסְן ווי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מַזְהִיר גֶעוֶוען מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קיד): "סֶע הָאט אַ פָּנִים אַז מֶען מוּז זִיךְ פוּן אַ הִרְהוּר זֵייעֶר הִיטְן".

**אַזוֹי** פִירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, מֶען נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין פְרֶעמְדֶע פְרוֹי וֶוען דֶער מַאן אָדֶער דִי אִינְגְלֶעךְ גֶעפִונֶען זִיךְ אִין שְׁטוּבּ; מֶען גֶעבְּט זֵייעֶר אַכְטוּנְג אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין. דָאס וָואס מוֹהֲרָא"ש אִיז אַזוֹי קֶעגְן אַרַיין נֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן רֵיינִיגְן, ווייל אַז דֶער מַאן אָדֶער דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ, אִיז שׁוֹין בֶּעסֶער אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערוֹימְט וִוי אֵיידֶער מֶען זָאל צוּקוּמֶען צוּ אֵיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אֵיין** יָאר פַאר פֶּסַח הָאט מֶען אִיבֶּער גֶעפַארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁטוּבּ אִין בְּרֶסְלֶב; מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן אַלֶע מֶעבְּל וְכוּ׳ אִינְדְרוֹיסְן אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, אוּן אוֹיף דִי כֵּלִים וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט לַיילֶעכֶער עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג. בַּיים רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען אַ זֵייגֶער, אוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אָדְל הָאט דָאס בַּאדֶעקְט מִיט אִיר טִיכְל אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג וֶוערְן, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן דָאס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "נִישְׁט מִיט אַזַא זַאךְ דֶעקְט מֶען אִיבֶּער, עֶס זֶענֶען פַארְהַאן הַיינְט אַזֶעלְכֶע

פַארְמִישְׁטֶע מֹחוֹת, וָואס וֶוען זֵיי זֶעֶען נָאר אַ פְּרוּוּוּעֶן טִיכְל בַּאקוּמֶען זֵיי שׁוֹין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת! נֶעם עֶס אַרָאפּ אוּן דֶעק עֶס אִיבֶּער מִיט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ". זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק דֶער רֶבִּי הָאט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

**וזאויל** אִיז פַאר דֶעם וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי'טֶעס וֶוען דֶער מַאן אָדֶער אִינְגְלֶעךְ זֶענֶען דָארְט, וֶועט מֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קַיין שְׁלֶעכְטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן מִיר זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער רֵיין אוּן הֵיילִיג.

## דש

### פַארְוָואס כַאפְּן זִיךְ אָן אוֹיף בְּרֶסְלֶב אַזוֹיפִיל מְשׁוּגָעִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ קַשְׁיָא צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר דָאס עֶנְטְפֶערְן, וַוייל אִיךְ פְרֶעג עֶס בֶּאֱמֶת נִישְׁט לְקַנְטֵר, נָאר וַוייל אִיךְ וִויל טַאקֶע פַארְשְׁטֵיין.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַלֶעמָאל אַז בְּרֶסְלֶב אִיז נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דִי אַלֶע מְשׁוּגָעִים וָואס כַאפְּן זִיךְ אָן אִין בְּרֶסְלֶב, זֶענֶען בֶּאֱמֶת נִישְׁט בְּרֶסְלֶב. מַיין קַשְׁיָא אִיז פַארְוָואס דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מְשׁוּגָעִים כַאפְּן זִיךְ אָן דַוְקָא אִין

בְּרֶסְלֶב, פַארְוָואס כַאפְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט אָן אִין אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתְ'ן, דָאס ווייזְט דָאךְ יָא אַז עֶפֶּעס לִיגְט דָא אוּנְטֶער דֶעם.

אִיךְ הָאףּ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז' - מִזְבּוּב וְעַכָּבִישׁ) אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם גֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִּין שֶׁל מַעְלָה מִיט אַ טַעֲנָה: "אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאט מֶען מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט, גֵיי זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקֶער אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה, אוּן דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

**וָואס** אִיז דִי עֵצָה פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֵ"ם? מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז זַיין עֵצָה אִיז אַז עֶר פַארְשֶׁעמְט דֶעם רֶבִּי'ן; דָאס וָואס מִיר לַיידְן בִּיז הַיינְט פוּן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז בְּרֶסְלֶב

אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים אוּן מְטוּרָפִים, דָאס אִיז אַלְס אַ מְנִיעָה וָואס דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער אַז מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן בְּרֶסְלֶב, מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מֶען זָאל זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים.

דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס פַארְרוּפְן זִיךְ "בְּרֶסְלֶב'עֶר"; לֵיידֶער הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ בְּרֶסְלֶב כָּל מִינֵי מְשׁוּגָעִים אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן וָואס טַאנְצְן אִין דִי גַאסְן, בִּפְרָט דִי נַייעֶ צָרָה פוּן נַ' נַח' וְכוּ'. דָאס מַאכְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שְׁלֶעכְטֶער נָאמֶען אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ אָפּ פוּן לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן.

מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז אַזוֹי וִוי יֶעדֶע זִיסֶע פְּרוּכְט הָאט אוֹיף זִיךְ אַ הַארְטֶע שָׁאלַאכְטְץ, אוּן וֶוען מֶען נֶעמְט אַוֶועק דֶעם שָׁאלַאכְטְץ הָאט מֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע זִיסֶע פְּרוּכְט; אַזוֹי אוֹיךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ נֶעמֶען דִי שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז בֶּעסֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים וָואס אִיז נָאר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִין יֶעדֶע מַצָּב. וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים דֶער דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט מַמָּשׁ וואו אִין גַּן עֵדֶן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר גֵייט אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן הֵייבְּט אָן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אַ גוּטֶער חָבֵר, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְשׁ, בַּיי אִים וֶוערְט מְקוּיָם דָאס וָואס שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא כו, יב): "וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם, וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹקִים וְאַתֶּם תִּהְיוּ לִי לְעָם", זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י: "אֲטַיֵּיל עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן כְּאַחַד מִכֶּם וְלֹא תִהְיוּ מִזְדַּעְזְעִים מִמֶּנִּי".

**עֶס** אִיז נִישְׁטָא קֵיין זִיסֶערֶע זַאךְ וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶס אִיז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ אוּן עֶר רֶעדְט מִיט הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ פָּנִים אֶל פָּנִים. וואוֹיל אִיז אִים אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן וואוֹיל אִיז אִים לָעוֹלָם הַבָּא.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין בְּקָרוֹב בְּרֶענְגֶען מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט דֶער נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט אִין בְּרֶסְלֶב, וָואס רֶבִּי נָתָן פְּלֶעגְט זִינְגֶען: "אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט - וֶועט מֶען זֶען וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען"; וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ רֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶער וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, ט): "אָז אֶהְפֹּךְ אֶל עַמִּים שָׂפָה בְרוּרָה, לִקְרֹא כֻלָּם בְּשֵׁם ה' לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד", אוּן יֶעדֶער וֶועט אַוֶועק וַוארְפְן דִי

גֶעלְט, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ב, כ): "בַּיּוֹם הַהוּא יַשְׁלִיךְ הָאָדָם אֵת אֱלִילֵי כַסְפּוֹ, וְאֵת אֱלִילֵי זְהָבוֹ"; דָאס אַלֶעס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז שׁוֹין יֶעצְט, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז מִיר זָאלְן נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## שה

### מַיין מַאן אִיז מַמָּשׁ פַארְקוֹיפְט פַאר זַיין פַּרְנָסָה, וָואס טוּ אִיךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אַ פְרוֹי וָואס אִיז זֵייעֶר פַארְוֵוייטָאגְט, אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין מַצָּב.

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ וואוּילֶער מַאן מִיט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶערְלֶעךְ; מַיין מַאן אִיז אַ גוּטֶער מֶענְטְשׁ מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, עֶר אִיז קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה צְוֵויי מָאל אַ טָאג אוּן נָאךְ פִילֶע מַעֲלוֹת, עֶר הָאט אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶע חִסָּרוֹן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְקוֹיפְט פַאר זַיין אַרְבֶּעט אוּן פַּרְנָסָה אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ שׁוּתָּף אִין אוּנְזֶער צוּזַאמֶענְלֶעבְּן, דִי פַּרְנָסָה פַארְנֶעמְט דָא אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶער חֵלֶק, אוּן נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע חֵלֶק ווִי מִיר...

מַיין מַאן פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס דָאס שְׁטֶערְט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶּער אִיךְ קֶען דָאס מַמָּשׁ נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן. עֶס דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס אִין אַסַאךְ וֶועגְן, אוּן אִיךְ וֶועל נָאר אָנְבַּאפְּן עֶטְלִיכֶע מְשָׁלִים. עֶר מוּז הָאבְּן זַיין טֶעלֶעפָאן מִיט זִיךְ מַמָּשׁ אַלֶעמָאל וַוייל אֶפְשָׁר וֶועט אַרַיינְקוּמֶען אַ ווִיכְטִיגֶע אִימֶעיל וֶועגְן זַיין אַרְבֶּעט, וֶוען מִיר גֵייעֶן שְׁפַּאצִירְן אָדֶער אֲפִילוּ וֶוען מִיר פָארְן אוֹיף וַואקַאצְיֶע וֶועט עֶר אֵייבִּיג מִיטְנֶעמֶען זַיין אַרְבֶּעט

מִיט זִיךְ, אוּן אוֹיבּ דַארְף עֶר עֶפֶּעס טוּן פַאר דִי אַרְבֶּעט, וֶועט עֶר מִיר לָאזְן הֶערְנֶען אוּן זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי אַרְבֶּעט.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין אַזוֹי, אוּן אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין מַיין שְׁוֶוערֶע מַצָב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אִיר** דַארְפְט דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוֹילֶער מַאן מִיט גוּטֶע מִידוֹת; אִיר קֶענְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיר זֶענְט אַז אַייעֶר מַאן אִיז קוֹבֵעַ עִיתִּים לַתּוֹרָה, אִין צוּגָאבּ צוּ זַיינֶע פִילֶע מַעֲלוֹת - אַזוֹי וִוי אִיר שְׁרַייבְּט. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ וואוֹילֶער מַאן.

**דָאס** וָואס עֶס בַּאדֶערְט אַייךְ אַז עֶר אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זַיין אַרְבֶּעט דוּרְךְ זַיין טֶעלֶעפָאן וְכוּ', עֶס שְׁטֶערְט אַייךְ אַז עֶר לוֹיפְט צוּ דֶעם אַ גַאנְצְן צַייט אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז אִין שְׁטוּבּ; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְפְט אִיר זַיין זֵייעֶר אָפְן מִיט אַייעֶר מַאן, זָאגְט אִים אַז עֶס בַּאדֶערְט אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז שׁוֹין נָאךְ דִי אַרְבֶּעטְס שָׁעָה'ן, אִין דִי צַייט וָואס עֶר אִיז

אִין שְׁטוּבּ מִיט אַייך אוּן מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז עֶר נָאךְ אַלְץ פַּארְנוּמֶען מִיט זַיין אַרְבֶּעט; בֶּעטְס אִים אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל עֶר נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען זַיין אַרְבֶּעטְס טֶעלֶעפָאן, אַזוֹי וֶועט זַיין קָאפּ נִישְׁט אַוֶועקְלוֹיפְן פוּן אַייךְ אוּן פוּן דִי קִינְדֶער.

**אִיר** פַּארְשְׁטֵייט אַלֵיין אַז אוֹיבּ מֶען וִויל עֶפֶּעס פּוֹעֵל'ן בַּיי אַ מַאן וְכוּ' דַארְף מֶען וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן, וַוייל קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ צוּ הֶערְן קְרִיטִיק, בִּפְרַט אַ מַאן גְלַייבְּט נִישְׁט צוּ הֶערְן פוּן זַיין וַוייבּ קְרִיטִיק אוּן וֶוען אַ פְּרוֹוִי קְרִיטִיקִירְט אִיר מַאן אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער דָאס צוּ נֶעמֶען. דֶערִיבֶּער, אַז אִיר ווִילְט זִיךְ עֶפֶּעֶנְען פַּאר אִים אוּן אִיר וִוילְט אִים גֶעבְּן צוּ פַּארְשְׁטֵיין וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ, דַארְפְט אִיר זֶען צוּ רֶעדְן צוּ אִים מִיט חָכְמָה. רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער; זָאגְט אִים וִוי צוּפְרִידְן אִיר זֶענְט פוּן אִים, זָאגְט אִים וִוי פְרֵיילִיךְ אִיר זֶענְט מִיט אִים, רֶעכְנְט אִים אוֹיס אַלֶע זַיינֶע מַעֲלוֹת, נָאכְדֶעם קֶענְט אִיר אִים זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט וָואס בַּאדֶערְט אַייךְ, אִיר קֶענְט אִים בֶּעטְן: "הַלְוַאי וָואלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ דַיין אַרְבֶּעטְס טֶעלֶעפָאן", אוֹיבּ אִיר וֶועט אַזוֹי טוּן, וֶועלְן דִי וֶוערְטֶער זִיכֶער אַרַיין גֵיין אִין זַיין הַארְץ.

**אִיר** דַארְפְט אָבֶער פַּארְשְׁטֵיין אַז דָאס גֵייט נִישְׁט מִיט אֵיין מָאל רֶעדְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אַ זַאךְ וְכוּ' דַארְף מֶען אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים בִּיז מֶען וֶועט קֶענֶען צוּבְּרֶענְגֶען עֶר זָאל דָאס קֶענֶען אָפְּלָאזְן, עֶס פַּארְלַאנְגְט

זִיךְ אַסַאךְ שֵׁיינֶע רֵייד בִּיז דָאס וֶועט אִים אַרַיינְגֵיין אִין הַארְצְן, אַזוֹי ווִי דֶער בַּעַל תְּפִילָה פְלֶעגְט טוּן (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב), עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן זַיינֶע רֵייד, בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיין אִין הַארְץ; ווַייל אַ דִיבּוּר הָאט זֵייעֶר אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ, אוּן אוֹיבּ מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער פּוֹעֶלְ'ט מֶען.

**אִיר** זָאלְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ דִי אַלֶע וָואס הֶעצְן אוֹיף פְרוֹיעֶן קֶעגְן זֵייעֶרע מֶענֶער אוּן גֶעבְּן עֵצוֹת וָואס קוּמֶען פוּן דִי גוֹיִם, אַז מֶען זָאל זִיךְ אָפְּהַאלְטְן וְכוּ' בִּיז מֶען פּוֹעֶלְ'ט וָואס מֶען ווִיל פּוֹעֶלְ'ן. ווִיסְן זָאלְט אִיר, אוֹיבּ אַ פְרוֹי שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם מַאן ווַייל זִי ווִיל עֶפֶּעס פוּן אִים וְכוּ' זִי סְטְרַאשֶׁעט מִיט וְכוּ' קֶען זִי בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ דֶערוֹיף, ווַייל דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה; וֵוייפַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס טֵיילְן זִיךְ אָפּ וְכוּ' פוּן דִי מֶענֶער בִּיז זֵיי פּוֹעֶלְ'ן וָואס זֵיי ווִילְן, וֵויי אִיז פַאר דִי פַארְדָארְבֶּענֶע שָׁלוֹם בַּיִת מַאכֶערְ'ס וָואס גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע עֵצוֹת וָואס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה; חוּץ פוּן דֶעם וָואס עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל'דִיגֶע זַאךְ, ווַייל דֶער סוֹף וֶועט זַיין אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שְׁמוֹת לג, יח): "הַרְאֵנִי נָא אֶת כְּבֹדֶךָ", הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (בְּרָכוֹת ז.): "כְּשֶׁרָצִיתִי - לֹא רָצִיתָ, עַכְשָׁיו שֶׁאַתָּה רוֹצֶה - אֵינִי רוֹצֶה", וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט, יֶעצְט - וֶוען דוּ ווִילְסְט - ווִיל אִיךְ נִישְׁט וְכוּ'.

צְוֵוייטְנְס, דַארְף מֶען וויסְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מִיט גוּטְנְ'ס פּוּעֶלְ'ט מֶען בֶּעסֶער וִוי מִיט שְׁלֶעכְטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט יָא גֶע'פּוּעֶלְ'ט מִיט שְׁלֶעכְטְן, זָאל מֶען וויסְן אַז מֶען וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט פּוּעֶלְ'ן אַסַאךְ גְרִינְגֶער מִיט גוּטְן"; אַ קְלוּגֶע פְרוֹי וֵוייסְט וִוי אַזוֹי אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִיר מַאן אוּן אִים מְחַזֵּק זַיין עֶר זָאל זִיךְ פִירְן בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ חָסִיד וָואס הָאט גֶעהַאט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט צְוִוישְׁן זִיךְ אַז וויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זִיךְ גֶטְ'ן, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער חָסִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט נִישְׁט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן מִיט דִי צַייט הָאט זִי אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד, וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", ווידֶער דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ מַאן אַ רָשָׁע אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ צַדִּיק, פִירְן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל אוֹיס: "הֱוֵי, שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי פְרוֹי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת, אוּן זִי קֶען אִיבֶּער דְרֵייעֶן אִיר מַאן.

אַז אִיר וֶועט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט זִיךְ טַאקֶע פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט אַייךְ אוּן מִיט דִי

קִינְדֶער; וַוייל תְּפִילָה אִיז שְׁטַערְקֶער פוּן אַלֶע עֵצוֹת אוּן פוּן אַלֶע סְגוּלוֹת.

**יְעדֶעם** מָאל אִיר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם זָאלְט אִיר אַרוֹיס זָאגְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין טַייעֶרע מַאן אוּן פַּאר מַיינֶע טַייעֶרע קִינְדֶער. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּבְּרֶענְגֶען עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, הֶעלְף אַז מַיין טַייעֶרער מַאן זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיךְ וִויל פוּן אִים וֶוען אִיךְ בֶּעט אִים עֶר זָאל נִישְׁט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען זַיין אַרְבֶּעטְס טֶעלֶעפָאן. הֶעלְף אַז מַיין מַאן זָאל זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, הֶעלְף מִיר אַז וֶוען מַיין מַאן קוּמְט אַהֵיים צוּ מִיר אוּן צוּ דִי קִינְדֶער זָאל עֶר נִישְׁט זַיין אַזוֹי אַרַיין גֶעטוּן אִין זַייטִיגֶע זַאכְן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר צוּזַאמֶען קֶענֶען מְחַנֵךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער".

**אַזוֹי** זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעם מָאל וֶוען אִיר דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּן אַייעֶר פְּרָאבְּלֶעם בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אוּן אִיר וֶועט זֶען אַ פַארְעֶנְדֶערוּנְג.

# שו

## איז דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, נָאר פַאר וֶוען מֶען אִיז אִין אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אַ תְּשׁוּבָה[יא], וֶועגְן דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פַאר רֶבִּי נָתָן צוּ זָאגְן' יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, כָאטְשׁ וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעקֶענְט שַׁ"ס אוֹיף אוֹיסְנְווֵיינִיג מִיט אַלֶע תוֹסְפוֹת, אוּן אִיר בְּרֶענְגְט דָארְט אַרוֹיס אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס קֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵייט לֶערְנֶען, זָאל עֶר נָאכְאַלְץ נֶעמֶען דֶעם דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן צוּ זָאגְן אָן פַארְשְׁטֵיין.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיב דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דַוְקָא וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, וֶוען עֶר הָאט אַ יְרִידַת הַמוֹחִין אוּן אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס לָאזְן אִים נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אָדֶער אִיז דָאס טַאקֶע סְתָם אַזוֹי צוּ יֶעדֶע צַייט אוּן צוּ יֶעדֶע מַצָב.

ווייל אִיךְ הָאב גֶעלֵיינְט אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ אֲשֶׁר בְּנַחַל בְּאִידִישׁ[יב] וואוּ מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר בַּאֲרִיכוּת דֶעם "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", אוּן דָארְט זֶעט יָא אוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵייט לֶערְנֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, אוּן בִּיטֶע זַייט מִתְפַּלֵל פַאר מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אֱמֶת'דִיג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

---

יא. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב רצט.

יב. אֲשֶׁר בְּנַחַל - אִידִישׁ חֵלֶק ג', מִכְתָּב רסח.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, נָאר שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף זִיךְ אוּן זִיךְ אַלֵיינְס פְרֶעגְן: 'וֶוען הָאבּ אִיךְ דָאס לֶעצְטֶע מָאל גֶעעֶפֶנְט אַ סֵפֶר?' אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג, אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ, אֲפִילוּ אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעעֶפֶנְט קַיין אִידִישׁ סֵפֶר צוּ לֶערְנֶען אֲפִילוּ אֵיין וָוארְט תּוֹרָה.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ ווִיל לֶערְנֶען, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן אַז עֶר לֶערְנְט נִישְׁט אוּן יֶעדֶער וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט אַז נָאר תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען הָאט גוּטֶע תֵּירוּצִים. אֵיינֶער זָאגְט: 'אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען'; אֵיינֶער זָאגְט: 'אִיךְ פְלֶעג לֶערְנֶען אַמָאל, אָבֶּער לֶעצְטְנְס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר זֵייעֶר פִיל שְׁוֶועריקֵייטְן

אַז אִיךְ קֶען זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט אַװעקזֶעצְן לֶערְנֶען'; אַ דְרִיטֶער זָאגְט: 'װען דוּ װָאלְסְט גֶעהַאט אַזַא װַײבּ װִי אִיךְ הָאבּ, װען דוּ װָאלְסְט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שְׁװֶערֶע צָרוֹת װִי אִיךְ הָאבּ - װָאלְסְטוּ אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען'.

**אָט** דָא קוּמְט אַרַײן דֶעם רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד"; װען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס װערְטֶער מִיט אַ שְׁטַארְקַײט, עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ; עֶר הֵייבְּט אָן דִי סֶדְרָה אָנְהֵייבּ װָאךְ, זוּנְטָאג לֶערְנְט עֶר בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי װַײטֶער; נָאכְדֶעם נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיוֹת, עֶר הֵייבְּט אָן פוּן אָנְהֵייבּ מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת "מֵאֵימָתַי קוֹרִין אֶת שְׁמַע וְכוּ'", בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, נָאכְדֶעם הֵייבְּט עֶר אָן מַסֶּכֶת פֵּאָה, אַזוֹי לֶערְנְט עֶר פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט אַ סֵדֶר נָאךְ אַ סֵדֶר, אוֹיף דֶעם װעג װָאלְט יֶעדֶער אֵיינֶער זוֹכֶה גֶעװֶען צוּ לֶערְנֶען פְלַײסִיג.

**דֶערִיבֶּער** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פָאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן הֵייבּ הַיינְט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד"; נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג דַפִּים גְמָרָא, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט װָאס דוּ לֶערְנְסְט זָאלְסְטוּ װַײטֶער לֶערְנֶען, זָאג דִי װערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה װַײל דָאס װעט דִיר בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי װִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.): "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע, וּבָרָאתִי לוֹ תוֹרָה תַּבְלִין", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אָבֶּער

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן אַ רְפוּאָה פַאר׳ן יֵצֶר הָרַע, דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וָואס דָאס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, ״וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ״, אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען אַ שִׁיעוּר בְּעִיּוּן; אִינֶעם זֶעלְבְּן שִׂיחָה וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו): ״גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן״, אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען בְּעִיּוּן אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ שׁוֹין יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וויפִיל עֶר קֶען וְכוּ׳, אָבֶער דֶער עֶרְשְׁטֶער חֵלֶק פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד דָאס אִיז נוֹגֵעַ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס אִיז אַ דָבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ.

ווָאוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן; בַּיי אִים וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן דֶער פָּסוּק (מִשְׁלֵי לא, כה): ״עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ, וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן״; וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ׳נֶען אוֹיף דֶעם (שְׁמוֹת רַבָּה נג, ב): ״אֵימָתַי הַתּוֹרָה מְשַׂחֶקֶת״, וֶוען לַאכְט דִי תּוֹרָה צוּם מֶענְטְשׁ, וֶוען זֶעט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט אַלְץ גֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן? ״הֱוֵי לְיוֹם אַחֲרוֹן״, בַּיים לֶעצְטְן טָאג; דֶעמָאלְט וֶועלְן אַפִּיר קוּמֶען אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען דִי וָוארְהַייט פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד; דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

בַּיי די לְוָיָה וֶוען מֶען וועט בַּאגְלֵייטְן דֶעם נִפְטָר וָואס הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט מֶען נִישְׁט סְתַּם טְרָאגְן דֶעם אָרוֹן, נָאר עֶס וֶועט זַיין אַ רִיכְטִיגֶער אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, אַן אָרוֹן מָלֵא סְפָרִים; עֶס וֶועט לִיגְן אִינֶעם אָרוֹן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, בַּבְלִי, יְרוּשַׁלְמִי, תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אַלֶע מִדְרָשִׁים, זוֹהַר וְתִקּוּנִים, אַלֶע דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וְכוּ' וְכוּ'; דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען וֶוער עֶס אִיז דֶער גֶעלֶעכְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שז

### זָאל מֶען פָארְן קַיין מִירוֹן וֶוען מֶען הָאט חוֹבוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן אוּן אִיךְ ווילְן בֵּיידֶע עֶר זָאל פָארְן קַיין מִירוֹן אוֹיף לַ"ג בָּעוֹמֶר, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז דָאס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט, סֵיי דִי טִיקֶעט אוּן סֵיי דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן אַרוּם אוּן אַרוּם, אוּן מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַסַאךְ חוֹבוֹת.

מִיר פְּרוּבִּירְן טַאקֶע צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּצוּצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת, אָבֶּער דִי נְסִיעָה קַיין מִירוֹן קֶען מַאכְן דִי חוֹבוֹת נָאךְ גְרֶעסֶער. מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט אוּנְז שְׁרַייבְּן וָואס מִיר זָאלְן טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י' אִיָּר, כ"ה לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייעֶרֶע חוֹבוֹת; פוּן פָארְן צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט. אַדְּרַבָּה, אַז אִיר וֶועט פָארְן קַיין מִירוֹן צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן דָארְט מִתְפַּלֵל זַיין אַז אִיר זָאלְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייעֶרֶע חוֹבוֹת, וֶועט אִיר נָאר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ט.): "כְּדַאי הוּא רַבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְּחַק", טַייטְשְׁן דִי צַדִּיקִים, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ שְׁעַת הַדְּחַק, עֶר אִיז צֶעדְרִיקְט, וֶועט דִי זְכוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן מֵגִין זַיין אוֹיף אִים עֶר זָאל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין 'דְּחַק', אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט (סוּכָּה מה:): "יָכוֹל אֲנִי לִפְטֹר אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ מִן הַדִּין וְכוּ'", אִיךְ קֶען פַּטֶר'ן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פוּן דִין; מְמֵילָא זָאלְט אִיר פָארְן צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן אַז אִיר וֶועט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט דָארְט וֶועט אִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן אַייעֶרֶע חוֹבוֹת אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הֶעלְפְן בִּזְכוּת הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אַז מִיר זָאלְן אַלֶע גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַלֶעם וָואס מִיר דַארְפְן.

# שח

## אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן,
## ווִי אַזוֹי פְּרִישׁ אִיךְ זִיךְ אוֹיף?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ חָתָן אוּן אִיךְ גֵיי חַתוּנָה הָאבְּן אִין עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים אַרוּם אִם יִרְצֶה ה', אוּן אִיךְ מוּז אַייךְ אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן מַיינֶע גֶעפִילְן.

אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם אִין מַיין אִידִישְׁקֵייט, אִין מַיין צִיצִית, אִין מַיין תְּפִלִּין - אִין גָארְנִישְׁט. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אִידִישְׁקֵייט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גוֹי'אִישְׁקֵייט, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַן אוֹיסְגֶעלָאשֶׁעְנֶער מֶענְטְשׁ. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוֹן אָבֶער אוֹיפְ'ן גַאס מוּז אִיךְ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְּרוֹי אוּן מֵיידְל. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ, אַז מַיין מַאמֶע אִיז אַ אִיד אוּן דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַ אִיד.

אִיךְ ווֵייס אַז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר צוּרִיק זִיךְ אוֹיפְצוּפְרִישְׁן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער נִישְׁט אַז אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זֶע נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אֲפִילוּ קוּקְן אוֹיף מִיר, אִין דִי צַייט וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלֶעגְנְהֵייטְן צוּ זַיין ווָאוִיל אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶע אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן. פַארְוָואס זָאל עֶר מִיר גְלֵייבְּן אַז אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוען דֶער אֱמֶת אִיז אַז דָאס וֶועט בְּלוֹיז אָנְהַאלְטְן אֶפְשָׁר פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג?

פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶע אִיךְ אוֹיס זֵייעֶר חָשׁוּב, מֶען אִיז מִיר אֲפִילוּ מְקַנֵּא, וֶוען זֵיי וָואלְטְן אָבֶער גֶעוואוּסְט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי מִיר אִין הַארְץ וָואלְט מִיר קֵיינֶער נִישְׁט מְקַנֵּא גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי אוֹיפְצוּלֶעבְּן אוּן זִיךְ אוֹיפְפְּרִישְׁן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י"א אִיָּר, כ"ו לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הֶחָתָן ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פַאר אַ חָתָן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאס מַסְבִּיר גֶעוֶוען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", מְרַקְּדִים אִיז טַייטְשׁ טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען; מֶען דַארְף אִיבֶּערְשְׁפְּרִינְגֶען וָואס אִיז גֶעוֶוען פַאר דִי חֲתוּנָה; דָאס הֵייסְט, אַז אַ חָתָן דַארְף פַארְגֶעסְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר אוּן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקפו).

**דוּ** וֵוייסְט אַוַדַאי אַז פַאר אַ חָתָן אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל יז, א; הוּבָא בְּרַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית לו, ג): "שְׁלֹשָׁה מוֹחֲלִים לָהֶן עֲוֹנוֹתֵיהֶן - גֵּר שֶׁנִּתְגַּיֵּר, וְהָעוֹלֶה לִגְדוּלָּה, וְהַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה", פַאר דִי דְרֵיי מֶענְטְשְׁן אִיז מֶען מוֹחֵל אַלֶע זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, אַ גֵר וָואס אִיז זִיךְ מְגַיֵּיר, וֶוען אֵיינֶער אִיז עוֹלֶה לִגְדוּלָה אוּן אַ חָתָן וָואס הָאט חֲתוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "מָחֲלַת" - שֶׁנִּמְחֲלוּ עֲוֹנוֹתָיו; דֶערְפַאר אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגֶע צַייט אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּלָאזְן אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר אוּן אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

זְוִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דוּ טְרַאכְסְט אוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת וָואס דוּ הָאסְט - צִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דִיר יָא אָדֶער נִישְׁט וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס בָּטֵל וּמְבֻטָּל כְּעַפְרָא דְּאַרְעָא, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ אִים, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ב, יב): "יָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְעוֹלָם פְּתוּחָה לְקַבֵּל שָׁבִים", דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הַאנְט אִיז שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ מְקַבֵּל זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס ווילְן תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַ מֶענְטְשׁ וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט נִישְׁט צוּרִיק, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט - אוֹיב טוּט עֶר תְּשׁוּבָה, עֶר לָאזְט אָפּ זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְקַבֵּל.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ט, מֵחָכָם וְתָם) אַז וֶוען דֶער תַּם הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם מֶלֶךְ אַז עֶר וִויל רֶעדְן מִיט אִים, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעלָאפְן צוּם קֶענִיג אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן אָן קַיין סְפֵיקוֹת, מַה שֶׁאֵין כֵּן דֶער חָכָם וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם קֶענִיג אַז דֶער קֶענִיג וִויל רֶעדְן מִיט אִים, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט כְּפִירָה; קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דֶער קֶענִיג - וָואס דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - וִויל רֶעדְן צוּ מִיר?! אִיךְ בִּין דָאךְ אַזַא קְלֵיינְטְשִׁיגֶער מֶענְטְשׁ, וִוי פַּאסְט עֶס אַז אַזַא גְרוֹיסֶער קֶענִיג זָאל מִיר דַארְפְן וְכוּ'?!" בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶס אִיז גָאר קַיין קֶענִיג נִישְׁטָא אוֹיף דִי וֶועלְט (עַפְרָא לְפוּמֵיהּ).

**ווייל** דָאס אִיז דֶער סוֹף װֶוען מֶען גֵייט מִיט דִי אֵייגֶענֶע חָכְמוֹת אוּן מֶען מֵיינְט אַז מֶען אִיז קְלוּגֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים; אַז זֵיי הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת קֶען מֶען נָאךְ אַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן - דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אִין דֶעם.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארֶעכְטְן; אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ הוֹיעךְ קוֹל (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל, קַיין יִאוּשׁ אִיז גָאר נִישְׁט פַאר הַאנְדִין"; ווייל אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת קֶען עֶר נָאכְאַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן זַיין תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט הוֹשֵׁעַ, רֶמֶז תקלב): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (הוֹשֵׁעַ יד, ב): "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ - אָדָם עוֹמֵד וּמְחָרֵף וּמְגַדֵּף בַּשּׁוּק, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹמֵר לוֹ עֲשֵׂה תְּשׁוּבָה בֵּינִי לְבֵינְךָ וַאֲנִי מְקַבֶּלְךָ", אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחָרֵף וּמְגַדֵּף דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "טוּ תְּשׁוּבָה אוּן אִיךְ וֶועל דִיר מוֹחֵל זַיין"; אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע עֲבֵירָה וִוי רֶעדְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים לֶעסְטֶערְן? דָאס אִיז דָאךְ דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט! מִיט דֶעם אַלֶעם זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "קוּם צוּרִיק צוּ מִיר, אִיךְ בִּין דִיר מוֹחֵל", אוּן נִישְׁט נָאר אִיז דֶער

אײבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל, נָאר דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים נָאךְ כָּבוֹד, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ תְּהִילִים, מִזְמוֹר יח): "שֶׁכָּל הָעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה מֵעֲבֵרָה שֶׁבְּיָדוֹ, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מוֹסִיף לוֹ כָּבוֹד, וְקוֹרֵא לוֹ שֵׁם חָבִיב".

**אַ** אִיד דַארְף אָנְטוּן תְּפִילִין אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין דֶעם; דָאס אִיז דִי לֶעבְּן פוּן אַ אִיד. מֶען דַארְף גֵיין מִיט צִיצִית נִישְׁט וַוייל מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אִין דֶעם, נָאר וַוייל דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט: "דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ, אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד"; אַ אִיד דַארְף גָארְנִישְׁט מֶער פוּן דֶעם, מִיט דֶעם אַלֵיינְס קֶען מֶען זִיךְ שׁוֹין מְחַיֶה זַיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן. זִינְג צוּם אײבֶּערְשְׁטְן: "גֶעלוֹיבְּט בִּיסְטוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד; בָּרוּךְ ה' אַז אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט".

**דֶער** הֵיילִיגֶער צַדִיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן פוּן לוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִיק (חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג) אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר

צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' וּמְחַזֵק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי, מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אוֹיבּ אַזַא הֵיילִיגֶער צַדִיק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן "פְּאֵר הַדוֹר" (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצו) הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַזֵק זַיין נָאר מִיטְ'ן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט, דַארְפְן מִיר זִיכֶער נֶעמֶען דֶעם "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי" אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דֶעם, טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ: 'בָּרוּךְ ה' אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי טָמֵא, אִיךְ בִּין אַ אִיד'.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: "דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ, אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד"; וַוייל אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי נְקוּדָה וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה אוּן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.

# שט

## וָואס אִיז דֶער סֵדֶר וִוי אַזוֹי אִיר פִּירְט אַייעֶר יְשִׁיבָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פִּיר אַ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט חֵשֶׁק אִיר זָאלְט מִיר שְׁרַייבְּן דֶער סֵדֶר הַיּוֹם בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה. כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ אַנְדֶערֶע סָארְט בָּחוּרִים וִוי אַייךְ, וואלְט אִיךְ זִיךְ אָבֶער גֶעוָואלְט אוֹיךְ לֶערְנֶען פוּן אַייךְ. אוֹיךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר שְׁרַייבְּן וִוי אַזוֹי אִיר הָאט אַן אֵיינְפְּלוּס אוֹיף דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן וִוי מֶען דַארְף, אִיךְ מֵיין צוּ זָאגְן, צִי אוֹיסֶער דֶעם חֵלֶק פוּן לִיבְּשַׁאפְט אוּן גוּטְסְקֵייט הָאט אִיר נָאךְ וֶועגְן וִוי אַזוֹי אִיר מַאכְט אַז דִי בָּחוּרִים זָאלְן אַייךְ פָאלְגְן? דָאס וֶועט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין מַיין יְשִׁיבָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י"ב אִיָּיר, כ"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הָרַב ר' ... שְׁלִיטָ"א

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז אִיר לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט בָּחוּרִים, אִיר זֶעענְט זֵיי מְחַנֵךְ זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**מֶען** קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן אוּן בַּאשֵׁיינֶען דִי וֶועלְט; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז פּוּנְקְט וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט תַּלְמִידִים קוֹיפְט זִיךְ אַיין. אַז מֶען פְּלַאנְצְט אַיין אִין קִינְדֶער אוּן אִין בָּחוּרִים תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס טִיף אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אִין זֵיי אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען זֵיי וַואקְסְן אוֹיף אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן גֵייט אַלֶעס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּנֶעם מְלַמֵּד אוּן מַגִּיד שִׁיעוּר, אוּן עֶס אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ צֵיילְן זֵייעֶרֶע זְכוּתִים אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דִי זְכִיָּה פוּפְצְן
יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם מִיט תַּלְמִידִים;
יֶעצְט וֶוערְט צֶען יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ
יְשִׁיבָה אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג.

מִיר הֵייבְּן אָן דֶעם טָאג מִיטְ'ן דַף גְמָרָא; אִינְדֶערְפְרִי פַּארְ'ן
דַאוֶונֶען לֶערְנֶען מִיר דֶעם דַף, יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא,
וָואס קוּמְט אוֹיס דְרֵיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן זֶעכְצִיג דַפִּים אַ
יָאר. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶער דָגוּשׁ אוֹיף דֶעם
לִימוּד, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער דַף גְמָרָא אִיז דֶער
חַיּוּת פוּנֶעם טָאג.

**נָאךְ** שַׁחֲרִית לֶערְנְט יֶעדֶער בָּחוּר פַּאר זִיךְ זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); דֶער עֶרְשְׁטֶער לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט אִיז מִקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**נָאכְדֶעם** קוּמְט מִשְׁנַיוֹת; יֶעדֶער בָּחוּר הָאט אַ שִׁיעוּר אִין ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, פַאְרְשְׁטֵייט זִיךְ אוֹיבּ עֶס אִיז שְׁוָוער פַאר'ן בָּחוּר גְלַייךְ אָנְצוּהֵייבְּן מִיט ח"י פְּרָקִים - לֶערְנְט עֶר וִויפִיל עֶר קֶען.

**נָאכְדֶעם** לֶערְנְט יֶעדֶער אֵיינֶער זַיין שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס כְּסִדְרָן, בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט שַׁ"ס. אוּן וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט שַׁ"ס הֵייבְּט מֶען אָן נָאכְאַמָאל שַׁ"ס, אָדֶער אִיז דָא וָואס זֵיי נֶעמֶען אֵיין מַסֶכְתָּא אוּן חַזֶר'ן דָאס אִיבֶּער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי עֶנְדִיגְן דָאס הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל, נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען אַ צְוֵוייטֶע מַסֶכְתָּא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**אוֹיךְ** דַארְף יֶעדֶער בָּחוּר זָאגְן תְּהִילִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה וְכוּ'", וֶוער עֶס וִויל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זָאגְן תְּהִילִים; יֶעדֶער בָּחוּר זָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִילִים יֶעדְן טָאג, אַזוֹי אִיז מֶען מְסַיֵּם תְּהִילִים יֶעדֶע וָואךְ אוּן אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**נָאכְמִיטָאג** אִיז דָא אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן אִין הֲלָכָה, אוּן פַּארְנָאכְטְס אִיז דָא אַ שִׁיעוּר בְּסִפְרֵי רַבֵּינוּ; חִיזוּק אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ. דָאס אִיז מֶער וַוייניגֶער דֶעם סֵדֶר הַיּוֹם אִין יְשִׁיבָה.

**דָאס** וָואס אִיר פְּרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף בָּחוּרִים וְכוּ'; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט): "לֹא כָּל דִּבּוּר נִקְרָא דִּבּוּר, כִּי דִּבּוּר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל אֵינוֹ נִקְרָא דִּבּוּר", וֶוען מֶען רֶעדְט וֶוערְטֶער אוּן קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט הֵייסְט עֶס כְּאִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט. אָבֶער וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יט, ד): "אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים - בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם". וָואס אִיז דֶער סוֹד אַז מֶען זָאל וֶועלְן אוֹיסְהֶערְן אַ מֶענְטְשׁ וֶוען עֶר רֶעדְט? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְעִקַּר מַה שֶּׁנִּתְקַבֵּל הַדִּבּוּר, הוּא מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", אַלֶע הָאבְּן לִיבּ צוּ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, וֶוען מֶען רֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער הֶערְט מֶען צוּ וָואס מֶען רֶעדְט, "וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ טוֹב בְּהַדִּבּוּר, אֲזַי הַדִּבּוּר נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל, אֲבָל כְּשֶׁאֵין טוֹב בְּהַדִּבּוּר אֵינוֹ נִתְקַבֵּל", דֶערִיבֶּער, וֶוען מֶען רֶעדְט גוּטֶע וֶוערְטֶער וֶועלְן אַלֶע צוּהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶער אוֹיבּ רֶעדְט מֶען נִישְׁט קַיין שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער וֶועט מֶען דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען.

**דָאס** אִיז דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד, מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אוֹיבּ מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער צוּ תַּלְמִידִים,

מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן אֱמוּנָה, מֶען וַוייזְט זֵיי אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט זֵיי אוֹיף, דַאן וֶועלְן דִי וֶוערְטֶער אַרַיין גֵיין אִין זֵיי, וַוייל עֶס אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט גוּטְס, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין גוּטְס צוּ זֵיי, דֶעמָאלְט אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט; אַ שָׁאד זִיךְ צוּ אַמְפֶּערְן, וַוייל דִי וֶוערְטֶער גֵייט זֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין דִי אוֹיעֶרְן.

**וָועט** אִיר דָאךְ פְרֶעגְן: 'וִוי אַזוֹי קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ רֶעדְן גוּטֶע וֶוערְטֶער?' דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס פְּרֶעגְט דָאס: "וְאֵיךְ עוֹשִׂין הַטּוֹב בְּהַדִּבּוּר", וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ זוֹכֶה זַיין צוּ רֶעדְן פַּאזֶעטִיוו, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן מֶען זָאל רֶעדְן אַיינְגֶענֶעמֶע וֶוערְטֶער? "הוּא עַל יְדֵי שֶׁלּוֹקְחִין הַדִּבּוּר מֵהַדַּעַת, אֲזַי יֵשׁ בּוֹ טוֹב, אֲבָל כְּשֶׁהַדִּבּוּר בְּלֹא דַעַת, אֲזַי אֵין בּוֹ טוֹב", אַז מֶען רֶעדְט מִיט שֵׂכֶל; וֶוען מֶען רֶעדְט שֵׂכֶל'דִיגֶע וֶוערְטֶער דֶעמָאלְט אִיז דָא גוּטְס אִין דִי וֶוערְטֶער אוּן אַז נִישְׁט זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער נִישְׁט גוּט, "וּלְהָקִים וּלְרוֹמֵם אֶת הַדַּעַת, הוּא עַל יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת", אוּן דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס: "וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ צוּ הָאבְּן שֵׂכֶל? אַז מֶען רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים".

**דָאס** אִיז דֶער גַאנְצֶער סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ הַשְׁפָּעָה אוֹיף תַּלְמִידִים, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים; מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת צוּצוּקוּמֶען צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת. דֶער רֶבִּי

הָאט אויך גֶעהַאט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע מִדָּה אוּן מִדָּה בִּיז עֶר הָאט עֶס מְבַטֵּל גֶעוֶוען; אַז מֶען לֵייגְט אַרֵיין אִין תַּלְמִידִים אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, וֶועלְן זֵיי דֶערְהֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אוּן זֵיי וֶועלְן אוֹיסְוַואקְסְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

מֶען וֶוערְט נִישְׁט בַּאלִיבְּט בַּיי תַּלְמִידִים דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט זֵיי גָארְנִישְׁט; פַּארְקֶערְט, אַ מְלַמֵּד וָואס לָאזְט דִי תַּלְמִידִים טוּן וָואס זֵיי ווילְן הָאבְּן אִים דִי תַּלְמִידִים פֵּיינְט. מֶען דַארְף יָא רֶעדְן צוּ תַּלְמִידִים, מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, מֶען דַארְף נָאר וויסְן ווי אַזוֹי צוּ אַיינְוויקְלֶען דִי מוּסָר אִין אַסַאךְ חִיזּוּק; אַזוֹי ווי וֶוען מֶען גֶעבְּט מֶעדֶעצִין פַּאר אַ קִינְד אוּן דָאס קִינְד וויל דָאס נִישְׁט אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, גֶעבְּט מֶען דִי מֶעדֶעצִין מִיט אַ זִיסֶע טְרִינְק וְכוּ', דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען פַּארְלַאנְגְט פוּן אַ תַּלְמִיד זִיךְ צוּ פַּארְבֶּעסֶערְן דַארְף מֶען דָאס אַרוּמְנֶעמֶען מִיט אַסַאךְ חִיזּוּק, עֶר זָאל דָאס קֶענֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת לִמּוּד, סִימָן ע): "צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל, שֶׁיִּזְכֶּה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים", אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מַגִּיד שִׁיעוּר אוּן מְלַמֵּד, דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים, וואוֹילֶע תַּלְמִידִים; מֶען קֶען וויסְן אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶער אָן תְּפִלָּה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, דֶערְפַאר דַארְף

מֶען אַסאךְ דַאוַוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן תַּלְמִידִים הֲגוּנִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים.

## שי

**אִיךְ בִּין מְקַנֵא דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים, קֶען אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן בְּעֶרֶךְ פֶּערְצִיג יָאר אַלְט, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ הֵיים אַ שֵׁיינֶער אִיד, אָבֶער נָאר אִיךְ אַלֵיין וֵויים דֶעם אֱמֶת וֶוער אִיךְ בִּין, ווִי וַוייט אִיךְ בִּין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן ווִי נִישְׁט גוּט אִיךְ פִיר זִיךְ אוֹיף.

זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען לֶעצְטְנְס צוּ עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן כָּאטְשׁ וָואס אִיךְ פַאל נָאכְאַלְץ דוּרךְ, אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, שְׁפִּיר אִיךְ אָבֶער אַז דֶער וֶועג בְּרֶענְגְט מִיט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶעהֶערְט עֶטְלִיכֶע דְרָשׁוֹת וָואס אִיר הָאט גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה בַּיי סִיוּמִים, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג ווִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים זֶענֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ, זֵיי הוֹיבְּן אָן זֵייעֶר לֶעבְּן מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דָאס בְּרֶענְגְט אִין מִיר אַרַיין אַ

קִנְאָה גֶעפִיל אוּן מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן: 'וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דִי וֶועלְט? הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען צוּרִיק וֶוערְן אַ בָּחוּר אוּן זִיךְ אַרַיינְזֶעצְן בַּיי אַיךְ אִין יְשִׁיבָה.

אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר שְׁרַייבְּן עֶטְלִיכֶע וֶוערְטֶער, אוֹיבּ אִיךְ קֶען זִיךְ נָאךְ אוֹיךְ גֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַריין, אוֹיבּ אִיךְ קֶען נָאךְ אוֹיךְ יֶעצְט בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר אָנְהוֹיבְּן מַיין לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י"ב אִיָּיר, כ"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִוייל** אִיז דִיר אַז דוּ פָאלְגְסְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אוּן דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע זַאכְן. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִּיד פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ' אַלֶעס בִּזְכוּת מִשְׁנָיוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף פְלֶעגְט זָאגְן זֵייעֶר אַסַאךְ

מִשְׁנַיוֹת, אַמָאל פֶערְצִיג פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַמָאל מֶער, אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען אֵיינְס פוּן דִי פִילֶע לְשׁוֹנוֹת אִינֶעם סֵפֶר מַגִיד מֵישָׁרִים (מִשְׁלֵי סִימָן כג, עָמוּד קסג): "הִשְׁכַּמְתִּי כְּמִנְהָגִי לִקְרוֹת בַּמִשְׁנַיוֹת, וְקָרִיתִי כְּמוֹ מ' פְּרָקִים", אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער מַגִיד צוּ אִים בַּאוִויזְן; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת.

כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף מְתַקֵן זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל אַרַיין שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט צוּם שׁוּסְטֶער, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַז עֶר קוּמְט אַזוֹי שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אָבֶער בְּלֵית בְּרֵירָה מוּז עֶר יֶעצְט קוּמֶען אִין אַזַא שְׁפֶּעטֶע שָׁעָה וַוייל זַיין שִׁיךְ הָאט זִיךְ מַמָשׁ יֶעצְט צֶערִיסְן אוּן עֶר וִויל וִויסְן צִי עֶר קֶען דָאס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן. הָאט זִיךְ דֶער שׁוּסְטֶער אָנְגֶערוּפְן: "כָּל זְמַן דִי לֶעכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארְרֶעכְטְן"; רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'דָאס מֵיינְט מֶען מִיר; דָאס אִיז אַ בַּת קוֹל וָואס זָאגְט מִיר אַז כָּל זְמַן דִי לֶעכְט בְּרֶענְט, דָאס הֵייסְט, וְוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, זַיין נְשָׁמָה אִיז אִין אִים, וָואס דִי נְשָׁמָה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַ לִיכְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כ, כז): נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם, קֶען מֶען נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן'; דֶערִיבֶּער, אַז דוּ פְרֶעגְסְט צִי בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר קֶען מֶען נָאךְ אָנְהֵייבְּן וְכוּ'; זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז כָּל זְמַן דִי לֶעבְט בְּרֶענְט, קֶען מֶען נָאךְ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַאֲרדַארְבְּן, "תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ גְלֵייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט פַארֶעכְטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט (פְּסָחִים מט:): "מִי יִתֵּן לִי תַּלְמִיד חָכָם, וַאֲנַשְּׁכֶנּוּ כַּחֲמוֹר", פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה הָאבּ אִיךְ אַזוֹי פַיינְט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד חָכָם אַז אִיךְ הָאבּ אִים גֶעוָואלְט פַארְצִיקְן אַזוֹי וִוי אַן אֵייזְל פַארְצִיקְט אַ צְוֵוייטֶע בַּעַל חַי, אוּן בַּיי דִי פֶערְצִיג יָאר הָאט עֶר תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל נֶעמֶען דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן (מְנָחוֹת כט:): "פַארְוָואס גֶעבְּסְטוּ נִישְׁט דִי תּוֹרָה פַאר דִי אִידְן דוּרְךְ רֶבִּי עֲקִיבָא?" זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אוֹיבּ מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע (רַמָ"ע מִפַּאנוֹ בְּסִפְרוֹ יוֹנַת אֵלֶם, חֵלֶק א, פֶּרֶק מו) אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן רֶבִּי 'עֲ'קִ'י'בָ'א' אִיז יֵ'שׁ קִ'וָּה עִ'וֹלָמוֹ בְּ'שָׁעָה אַ'חַת; מֶען זֶעט צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַזוֹי פַיינְט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד חָכָם הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

דִיר פַארְגֶעבְּן אוֹיף אַלֶע דַיינֶע יָארְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): ״כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, ״מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם״, רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שיא[יג]

**מַיין חַבֶר'ס טַאטֶע פִּירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְחַזֵק זַיין מַיין חַבֶר?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

עֶס שְׁרַייבְּט צוּ אַייךְ אַ פּוּפְצְן יֶערִיגֶער בָּחוּר, אִיךְ לֶערְן בְּחַבְרוּתָא מִיט אַ בָּחוּר אִין מַיין עֶלְטֶער, עֶר אִיז זֵייעֶר אַ פַארְמַאכְטֶער, לֶעצְטְנְס אִיז עֶר אָבֶּער גֶעוָוארְן נָאנְט מִיט מִיר אוּן מִיר אוֹיסְגֶעזָאגְט זַיינֶע צָרוֹת, עֶר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זַיין טַאטֶע זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי אַ אִיד אָבֶּער אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁטָא קַיין אִידִישְׁקֵייט, קַיין שַׁבָּת אוּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, עֶר רֶעדְט כְּפִירָה אִין פָארְנְט פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן דֶער בָּחוּר

---

יג. זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שלא.

אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, עֶר זָאגְט אַז זַיין מַאמֶע פְּרוּבִּירְט מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַרַיינְצוּלֵייגְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, זִי אִיז אָבֶער אוֹיךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן מַצָב.

מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, מַיין חַבֵר זָאגְט מִיר אָבֶער אַז כָאטְשׁ וָואס עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אִיז נָאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר דָאס אָבֶער נִישְׁט טוּן, ווייל וֶוען עֶר הוֹיבְּט נָאר אָן רֶעדְן אָדֶער טְרַאכְטְן פוּן זַיין צָרָה, וֶוערְט עֶר מוֹרָא'דִיג צֶעבְּרָאכְן אוּן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן. אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר אִים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, י"ב אִיָיר, כ"ז לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק צוּזַאמֶען מִיט דַיין חַבֵר צוּ זַיין שְׁטַארְק אִין גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ד, ט): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם", צְווֵיי מֶענְטְשְׁן צוּזַאמֶען אִיז בֶּעסֶער וִוי צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיין, ווייל: "כִּי אִם יִפֹּלוּ, הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִילוּ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ, אוֹיבּ אִיז עֶר אַלֵיין וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן, עֶר וֶועט בְּלַייבְּן אַרָאפּ

גֶעפַאלְן, אָבֶער אוֹיבּ הָאט עֶר אַ צְוֵוייטְן, וֶועט אִים דֶער צְווייטֶער הֶעלְפְן; דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אוֹיבּ הָאט מֶען אַ גוּטֶער חַבֵר וֶועט אִים דֶער חַבֵר הֶעלְפְן וֶוען עֶר גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע זְמַן.

**וֶוען** מֶען אִיז מְחַזֵק אַ צְוֵוייטְן, חוּץ דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס מֶען הָאט, וֶוערְט מֶען אַלֵיינְס זֵייעֶר מְחוּזָק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קפה): "כְּשֶׁמְּדַבְּרִין עִם חֲבֵרוֹ בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, אַף שֶׁאֵין חֲבֵרוֹ מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ, אַף עַל פִּי כֵן הוּא מְקַבֵּל הִתְעוֹרְרוּת מֵחֲבֵרוֹ", וֶוען מֶען אִיז מְחַזֵק אַ חַבֵר, אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער חַבֵר וֶועט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, וֶועט עֶס כָאטְשׁ אַרַיין גֵיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין, עֶר וֶועט וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער מִיט אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ ווייטֶער רֶעדְן מִיט אִים אוּן עֶנְק זָאלְן זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

**אִיךְ** שִׁיק דִיר דָא אַ בְּרִיוו וָואס דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דַיין חַבֵר.

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**דַיין** חַבֵר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין טַאטֶע וְכוּ' וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַרָאפּ גֶעפַאלְן, עֶר הִיט נִישְׁט קַיין שַׁבָּת אוּן רֶעדְט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**דָאס** וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ, וַוייל פוּן אֵיין זַייט דַארְפְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין דַיין טַאטֶע אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן,

אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן זַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס עֶר רֶעדְט קֶעגְן דִי אֱמוּנָה כְּדֵי עֶס זָאל דִיר נִישְׁט פַארְ׳סַמְ׳עֶן חַס וְשָׁלוֹם. זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין וִויכּוּחִים מִיט אִים, וַוייל מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט טַעֲנָה׳עֶן מִיט קֵיינֶעם אִין אֱמוּנָה; אֱמוּנָה אִיז אַ מְצִיאוּת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דֶעם קַיין וִויכּוּחִים, קַיין רְאָיוֹת וְכוּ׳. וֶוען דוּ שְׁמוּעֶסְט מִיט אֵיינֶעם אוּן יֶענֶער הֵייבְּט אָן צִיעֶן דֶעם שְׁמוּעֶס אִינֶעם רִיכְטוּנְג פוּן סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פֵייעֶר, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, צִי אַ טַאטֶע צִי סֵיי וֶועלְכֶער מֶענְטְשׁ.

אָחִי הַיָקָר, קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן; דוּ הָאסְט אֵיין בְּרֵירָה, נֶעם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס עֵצָה, וַוייל נָאר דָאס וֶועט דִיר רַאטֶעוֶועֶן. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה "הִתְבּוֹדְדוּת"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

אִין אָנְהֵייבּ קוּמְט נִישְׁט אָן גְרִינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים

נִישְׁט אוֹיס און עֶס קוּמֶען אַרַיין אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳. דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן רוֹדְפְ׳ן אִים, זֵיי גֵייעֶן אִים נָאךְ אוּן לָאזְן אִים נִישְׁט אָפּ, אָבֶּער אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, מֶען גְלֵייבְּט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן עח): ״קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען״, מֶען שְׁטוּפְּט זִיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט דֶער מֹחַ צוּבִּיסְלֶעךְ רֵיין אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא ׳מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר׳.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה וואו אִיךְ וַוייז דִיר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז דוּ וֶועסְט דָאס זָאגְן יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט אָנְהֵייבְּן אַלֵיינְס צוּ רֶעדְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר אַלֶעם וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, אִיךְ דַאנְק דִיר פַּאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין אַ אִיד אוּן אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ אַ זַאךְ וָואס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט אַרִיבֶּער טְרָאגְן; מַיין טַאטֶע אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דִי אֱמוּנָה אוּן אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן

פוּן דֶעם, אִיךְ שְׁפִּיר ווִי מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט אוּן דָאס הָאט זַייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף מִיר. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זַייעֶר אַ פַארְמַאכְטֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ רֶעד נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן אִיךְ עֶס מִיךְ אוֹיף פוּן מַיין צָרָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! דוּ בִּיסְט דֶער כֹּל יָכוֹל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק הָאבְּן אַ טַאטֶע וָואס גְלֵייבְּט אִין דִיר, הֶעלְף מִיר אַז מַיין טַאטֶע זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִי אֱמוּנָה, הֶעלְף מִיר אוּן מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע מַאמֶע אוּן אוּנְזֶער גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַז מִיר זָאלְן צוּרִיק הָאבְּן אוּנְזֶער עֶרְלִיכֶער טַאטֶע; מַיין מַאמֶע פְּרוּבִּירְט צוּ הַאלְטְן דִי שְׁטוּב מִיט אַלֶע אִירֶע כּוֹחוֹת, אָבֶער וויפִיל קֶען שׁוֹין אַ מַאמֶע אַלֵיינְס טוּן?! אוּנְזֶער גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אִיז צֶערִיסְן אוּן צֶעשְׁנִיטְן, הֶעלְף מַיין טַאטֶע זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, לֵייג אַרַיין אִין אִים אַ רֵיינְקֵייט אוּן אַ לִיכְטִיגְקֵייט.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וֵוייס אַז נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן, אִיךְ וֵוייס אַז תְּפִלָּה אִיז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע הָאפֶענוּנְג, אָבֶער יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֵייבּ אָן רֶעדְן צוּ דִיר פוּן דֶעם עִנְיָן וֶוער אִיךְ זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וַוייט אַז אִיךְ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן; בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, וַוייז מִיר אַז דוּ הֶערְסְט מִיר אוֹיס, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן דִי אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן שְׁטַארְבְּן מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר אוּן קַיין שׁוּם קָאפּ-דְרֵייעֶנִישׁ.

אוֹיךְ בֶּעט איךְ דִיר טַאטֶע אִין הִימְל, הָאב שׁוֹין רַחְמָנוּת אוֹיף אַלֶע אִידְן; אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוענֶען זַייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֶענְטְשְׁן וֶוענֶען פַארְלוֹירְן, עֶס פַאלְן אַוֶועק אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת. שִׁיק אוּנְז שׁוֹין דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק, שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ עֶר זָאל אוּנְז אַלֶעמֶען צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן יַכִּירוּ וְיֵדְעוּ כָּל יוֹשְׁבֵי תֵבֵל, כִּי לְךָ תִכְרַע כָּל בֶּרֶךְ, תִּשָּׁבַע כָּל לָשׁוֹן. לְפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ יִכְרְעוּ וְיִפֹּלוּ, וְלִכְבוֹד שִׁמְךָ יְקָר יִתֵּנוּ, וִיקַבְּלוּ כֻלָּם אֶת עֹל מַלְכוּתֶךָ, וְתִמְלֹךְ עֲלֵיהֶם מְהֵרָה לְעוֹלָם וָעֶד, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שיב

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעטְרָאפְן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן אוּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַסַאךְ פוּן נֶעגְל וַואסֶער; דָאס אִיז בֶּאֱמֶת אַ זַאךְ וָואס וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין פוּן זִיךְ אַלֵיין אִין יֶעדֶע אִידִישׁ הוֹיז, לְמַעֲשֶׂה דַארְף אִיךְ אָבֶּער חִיזּוּק אוֹיף דֶעם.

מַיין מַאן וואשְׁט זיךְ נֶעגְל וַואסֶער יֶעדְן טָאג, אָבֶער אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס דָאס קוּמְט מִיר אָן אַזוֹי שְׁוֶוער. וֶוען אִיךְ הֶער אַ שִׁיעוּר וֶועגְן דֶעם מַאכְט דָאס מִיר צוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר אַ וָואךְ צַייט, אָבֶער נָאךְ אַ וָואךְ פַארְגֶעס אִיךְ שׁוֹין וַוייטֶער. אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווי אַזוֹי זיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין זיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי בַּיים בֶּעט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָיר, פֶּסַח שֵׁנִי, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**זְוִויסְן זָאלְט אִיר אַז נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אִיז אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער - דְרַיי מָאל יֶעדֶע הַאנְט, אֵיין מָאל אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט, נָאכְדֶעם אוֹיף דִי לִינְקֶע הַאנְט אוּן צוּרִיק אוֹיף דִי רֶעכְטֶע הַאנְט וְכוּ'.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא פוּן הַאנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס עֶר הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז מֶען**

טָאר נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט בֶּעפָאר מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, אוּן וֶוער עֶס גֵייט אַרָאפּ פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ה): "יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב, רָע לֹא יִמְאָס", דָאס שְׁלֶעכְטְס וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן אַ גַאנְצְן טָאג (אַגְרָא דְּפִרְקָא, אוֹת ט).

**דוּרְכְדֶעם** וָואס מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער נֶעמְט מֶען אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע קְלִיפּוֹת וָואס קוּמֶען בַּיינַאכְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ בִּשְׁעַת מֶען שְׁלָאפְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט (זוֹהַר פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, קפד:): "בַּר נָשׁ עַד לָא יְקַדֵּשׁ יְדוֹי בְּצַפְרָא - אִקְרֵי טָמֵא, כֵּיוָן דְּאִתְקַדֵּשׁ אִקְרֵי טָהוֹר", פַאר מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִיז מֶען טָמֵא, אוּן וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער וֶוערְט מֶען רֵיין אוּן הֵיילִיג. אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן נִישְׁט אָנְצוּרִירְן דֶעם פָּנִים פַאר מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, בִּפְרַט דִי אוֹיגְן, דִי אוֹיעֶרְן, דִי נָאז אוּן דִי מוֹיל.

**זִיבֶער** דַארְף אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וָואס וִויל אוֹיפְבְּרֶענְגֶען אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דֶעם; סֵיי זִיךְ אַלֵיינְס אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער אוּן אוֹיךְ דִי קִינְדֶער. קוֹדֶם גִיסְט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ דִי הֶענְט אוּן נָאכְדֶעם קֶען מֶען אָפְּגִיסְן דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שָׁם): "וּבְגִין כָּךְ לָא יִטּוֹל אֶלָּא מִן יְדָא דְּאִדְּכֵי בְּקַדְמֵיתָא, דִּכְתִיב (בַּמִּדְבָּר יט, יט) 'וְהִזָּה הַטָּהוֹר עַל הַטָּמֵא, דָא אִקְרֵי טָהוֹר, וְדָא אִקְרֵי טָמֵא'", מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּגִיסְן דוּרְךְ אֵיינֶעם וָואס

הָאט זִיךְ נָאךְ נִישְׁט אָפְּגֶעוָאסְן דִי הֶענְט, וַוייל אֵיינֶער וָואס איז טָמֵא קֶען נִישְׁט מְטַהֵר זַיין אַ צְוֵוייטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, עֶר ווִיל מֶען זָאל אִים רוּפְן מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען 'רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא', וַוייל זַיין עִיקָר יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט עֶר גֶענוּמֶען פוּן זַיין מַאמֶע. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט זִי גְלַייךְ אָפְּגֶעוָאסְן דֶעם רֶבִּי'ן נֶעגְל וַואסֶער, אוֹיךְ הָאט זִי גֶעהַייט אַ קַאפְּל בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעוַוארְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִי הָאט אָנְגֶעטוּן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַ קַאפְּל גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי שְׁטַארְק דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער פַאר אִירֶע קִינְדֶער.

**בֶּעטְם** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט פַארְגֶעסְן אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַז אִיר וֶועט בֶּעטְן אוֹיף דֶעם וֶועט אַייךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שיג

## וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה פוּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס דְרָשׁוֹת אוּן חִיזוּק, עֶס שְׁטֶערְט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר וֶוען אִיר רֶעדְט אַזוֹי שַׁארְף קֶעגְן דְרָאגְס. אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיטְ'ן נֶעמֶען אַמָאל אַ 'דְשׁוּינְט', דָאס קֶען צוּמָאל הֶעלְפְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, פַארְגֶעסְן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערִיקַייטְן.

אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט דֶערְמִיט אוּן אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ טוּישְׁן מַיין מֵיינוּנְג אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר דָאס טַאקֶע עֶרְקְלֶערְן מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט סְתָם אָפְּעֶנְטְפֶערְן אוּן אַרַיינְשְׁנַיידְן אִין מִיר...

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ד אִיָיר, פֶּסַח שֵׁנִי, כ"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְוִיסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן וֶוען מֶען הָאט חַס וְשָׁלוֹם אַ צָרָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקַייטְן קֶען עֶר נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דֶעם, עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה: "אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" מִיט

דֶעם וָואס מֶען נֶעמְט דְרָאגְס רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶוערְט נָאר דִי צָרָה עֶרְגֶער. אֵיינְמָאל מֶען פַאלְט אַרַיין אִין דְרָאגְס אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל דָאס הַרְגְ׳עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מֶען פַארְלִירְט דֶעם מֹחַ - מַחֲשָׁבָה, בִּיז מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעריסְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט; מֶען רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז מֶען וֶוערְט דֶערְהוֹיבְּן וְכוּ׳, אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶוערְט מֶען דֶערְנִידֶערְט.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן נֶעמֶען דְרָאגְס זֶעט אִים דָאס אִין אָנְהֵייבּ אוֹיס וִוי עֶס שֶׁעדִיגְט נִישְׁט, אָבֶּער (מִשְׁלֵי ה, ד): ״וְאַחֲרִיתָהּ מָרָה כַלַּעֲנָה״, דֶער סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער; מֶען פַארְלִירְט דֶעם מֹחַ אוּן מֶען קֶען שׁוֹין נִישְׁט טְרַאכְטְן גְרָאד.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ה): אוֹיפְ׳ן פָּסוּק (וַיִּקְרָא י, ט): ״וַיְדַבֵּר ה׳ אֶל אַהֲרֹן, יַיִן וְשֵׁכָר אַל תֵּשְׁתְּ״, פְּרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: ״לָמָּה הוּא מְצַוֶּה עַל הַיַּיִן״, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶעוָוארְנְט מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען וַויין? ״שֶׁכָּל הַשּׁוֹתֶה יַיִן, חַבּוּרוֹת וּפְצָעִים וּבֹשֶׁת וְחֶרְפָּה בָּאוֹת עָלָיו״, וַוייל וֶוער עֶס טְרִינְקְט וַויין קוּמְט צוּ שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, וְרוּחַ הַקֹּדֶשׁ צוֹוַחַת: ״לְמִי אוֹי, לְמִי אֲבוֹי״, וֶוער שְׁרֵייט אוֹי וֵויי? ״לְמִי מִדְיָנִים״, וֶוער קְרִיגְט זִיךְ מִיט מֶענְטְשְׁן? ״לְמִי שִׂיחַ״, וֶוער רֶעדְט אַסַאךְ נַארִישְׁקֵייטְן? ״לְמִי פְּצָעִים חִנָּם״, וֶוער כַאפְּט קְלֶעפּ? ״לְמִי חַכְלִלוּת עֵינָיִם״, וֶוער הָאט רוֹיטֶע אוֹיגְן? ״לַמְאַחֲרִים עַל הַיָּיִן״, דִי אַלֶע וָואס טְרִינְקֶען וַויין אוּן נֶעמֶען דְרָאגְס - וָואס אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ.

וָזען אַ מֶענטש נֶעמט דְרָאגְס רַחֲמָנָא לִצְלָן אָדֶער טְרִינְקְט אַלְקָאהָאל קוּמְט עֶר דוּרְכְדֶעם אָן צוּ טוּן הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם): ״יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים, סוֹף שֶׁהוּא מַתִּיר אֶת הָעֲבֵרוֹת וְעוֹשֶׂה אוֹתָם הֶפְקֵר כְּמִישׁוֹר. מֵשִׂיחַ עִם אִשָּׁה בַּשּׁוּק וּמְנַבֵּל אֶת פִּיו, וְאוֹמֵר דְּבָרִים רָעִים בְּשִׁכְרוּת וְאֵינוֹ מִתְבַּיֵּשׁ, לְפִי שֶׁנִּטַּלְטְלָה דַּעְתּוֹ וְאֵינוֹ יוֹדֵעַ מַהוּ אוֹמֵר וּמַהוּ עוֹשֶׂה״, מֶען פַארְלִירְט דִי שֵׂכֶל, מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן נִבּוּל פֶּה, מֶען טוּט שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט פוּן גָארְנִישְׁט אוּן מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט.

דֶער סוֹף אִיז נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר בִּיטֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט ווַייטֶער אִין פָּסוּק: ״וְאַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ״, עֶס אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס כַאפְּט אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג; וָוען אַ שְׁלַאנְג בַּייסְט שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ וָואס הָאט פַּאסִירְט, אָבֶער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן פַארְסַמ׳ט, אַזוֹי אוֹיךְ, דֶער וָואס טְרִינְקְט אָדֶער נֶעמְט דְרָאגְס, אִין אָנְהֵייבּ זֶעט מֶען נִישְׁט אַזוֹי ווַייט דֶעם בְּרָאךְ אָבֶער צוּם סוֹף אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

הַלְוַאי וָואלְטְן מֶענְטְשְׁן גֶעטְרַאכְט פַאר זֵיי הֵייבְּן אָן נֶעמֶען דְרָאגְס וָואס דֶער סוֹף וֶועט זַיין מִיט זֵיי, דֶעמָאלְט וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען אַרַיין צוּ פַאלְן אִין זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער, אַז דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דְרָאגְס אָדֶער אִין טְרִינְקֶען אַלְקָאהָאל, מִיט זֵיי קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן, זֵיי הַאלְטְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט

קַיין פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי הַאלְטְן אַז דֶער וָואס נֶעמְט נִישְׁט - עֶר אִיז גָאר דֶער מְשׁוּגֶע'נֶער.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט שׁוֹין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן סז) אַז דֶער גַאנְצֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט מְשׁוּגָעִים אִיז אַז זֵיי ווילְן נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן וָואס דֶער קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט, זֵיי זָאגְן: "מִיר זֶענֶען דִי חֲכָמִים, מִיר וֵוייסְן וָואס גוּט אִיז"; וַוייל אוֹיבּ וָואלְטְן זֵיי גֶעפָאלְגְט וָואס חֲכָמִים אוּן קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן זָאגְן וָואלְטְן זֵיי גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זֵייעֶרע מְשׁוּגַעַת'ן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

## שיד

**אִיךְ פָּאר קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

זַייט אִיךְ בִּין מְקוֹרָב צוּ מוֹהֲרַא"שׁ אִיז מִיר נִישְׁט דוּרְךְ אַ וָואךְ וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל טוּן יֶעצְט וֶוען אִיךְ ווִיל פָּארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ אוּן דָארְט אִיז גֶערוּקְט דִי פַּרְשָׁה מִיט אַ וָואךְ, וֶועלְכֶע פַּרְשָׁה זָאל אִיךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וויַאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו"; אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחוּיָב צוּ לֶערְנֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיין מָאל דִי תַּרְגּוּם, אוּן וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אִיז זוֹכֶה צוּ אֲרִיכַת יָמִים.

**זֶע** אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען רַשִׁ"י; אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גְעוֶוען זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג. מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָּׂשכָר דוֹב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט גֶעזָאגְט (מוּבָא בְּאֶלֶף כְּתַב, אוֹת שכט): "אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן". אוֹיךְ אִיז יָדוּעַ בַּיי סַאטְמַאר חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי זִין דֶער 'עֲצֵי חַיִּים' אוּן דֶער בַּעַל 'דִבְרֵי יוֹאֵל' זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע

מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָש רַשִׁ"י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָש רַשִׁ"י), וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָש רַשִׁ"י".

**אוֹיךְ** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אַ סֵדֶר פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָש מִיט רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְ'ן וָואךְ; אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ אַלֶע רֶבִּי'ס פוּן חַבַּ"ד גֶעפִירְט אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ הַיינְט אוֹיךְ חֲסִידֵי חַבַּ"ד, צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָש רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָש רַשִׁ"י, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** דוּ פָארְסְט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס אִיז יֶעצְט אָפְּגֶערוּקְט פוּן חוּץ לָאָרֶץ מִיט אַ סֶדְרָה, אוּן דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ וואוּ דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען דָארְט, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען אִין אַ חוּץ לָאָרֶץ'דִיגֶע מִנְיָן זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין ווִי אִין חוּץ לָאָרֶץ, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען דָארְט מִיט אַן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגְן מִנְיָן דַארְפְסְטוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין בֵּיידֶע פַּרְשִׁיּוֹת (עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּצֵל הַחָכְמָה חֵלֶק א', סִימָן ט).

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שטו

## אִיז דָא צְוֵויי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן מִיט רֶעגְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס אוּן סְפֶּעצְיֶעל פַאר דִי טֶעגְלִיכֶע בְּרִיוו וָואס אִיז מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה יֶעדְן טָאג. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם בְּרִיוו פוּן זוּנְטָאג פ' אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים[יד], "דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ קֶענִיג אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע בַּאדִינֶער אִין וַואלְד כַאפְּן אַ הֶערְשׁ, פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעוָוארְן טוּנְקְל, דִי הִימְל אִיז בַּאדֶעקְט גֶעוָוארְן מִיט שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס, עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגֶענֶען, אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קֶענִיג הָאבְּן גֶעוָואלְט צוּרִיק אַהֵיים גֵיין, הָאט דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "אִיךְ בְּלַייבּ דָא וַוייל אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל קֶען צוּרִיקְגֵיין", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל קֶען צוּרִיקְגֵיין", אִיז דָאס דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה אַז דִי דָארְפִישֶׁע מֶענְטְשְׁן וֶועלְן בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה, אָדֶער אִיז דָאס אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

---

יד. דֶער בְּרִיוו אִיז בֵּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּיר, ל' לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** זֶענֶען צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע סִיפּוּרִים.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ "מַעֲשֶׂה מִמָּטָר". עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע שָׂרִים פַּאנְגֶען חַיוֹת, עֶר אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן ווִי אַ פָּשׁוּט'עֶר דָארְפְסְמַאן, פְּלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, אַלֶע שָׂרִים זֶענֶען זִיךְ צֶעלָאפְן אוּן זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קֶענִיג אַלֵיין, דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה אוּן עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען זִיךְ בַּאשִׁיצְן, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ הוֹיז וואוּ עֶס הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ פָּשׁוּט'עֶר דָארְפְסְמַאן, דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אַרַיין גֶענוּמֶען דֶעם קֶענִיג, עֶר הָאט אָנְגֶעטוּן דֶעם קֶענִיג פְּרִישֶׁע קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אַבִּיסֶל גְרִיז אוּן אִים גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן נֶעבְּן דֶעם אוֹיוְון וְכוּ'. דֶער קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד אוּן פַארְמַאטֶערְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּה' גֶעוֶוען מִיט דֶעם בֶּעט וָואס דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט אִים צוּגֶעשְׁטֶעלְט, אַז מַמָּשׁ עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט אַזַא גֶעשְׁמַאקְן טַעַם ווִי עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט בַּיי דֶעם פָּשׁוּטְ'ן דָארְפְסְמַאן.

**שְׁפֶּעטֶער** וֶוען עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעגְעֶנֶען זֶענֶען אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה גֶעקוּמֶען זוּכְן דֶעם קֶענִיג, בִּיז זֵיי

הָאבְּן אִים גֶעטְרָאפְן שְׁלָאפְן בַּיים דָארְפְסְמַאן אִין שְׁטוּבּ. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַהֵיים נֶעמֶען דֶעם קֶענִיג הָאט זֵיי דֶער קֶענִיג גֶעזָאגְט: "וֶוען עֶס הָאט גֶערֶעגְנְט הָאט אִיר נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף מִיר, יֶעדֶער פוּן אַייךְ אִיז גֶעלָאפְן זוּכְן שׁוּץ פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, נָאר דֶער דָארְפְסְמַאן הָאט מִיר אַרַיין גֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן מִיךְ גֶעראַטֶעוֶועט, וֶועט עֶר מִיר אַהֵיים טְרָאגְן צוּם פַּאלַאץ אוּן עֶר וֶועט מִיר אָנְטוּן מַיין קְרוֹין", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין אַ מַבּוּל פוּן אַפִּיקוֹרְסוּת; נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן וַואסֶער אוּן נִישְׁט אַ מַבּוּל פוּן פַייעֶר, נָאר אַ מַבּוּל פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶס וֶועט אַרַיין שְׁפְּרִיצְן אֲפִילוּ אִין דִי כָּשֵׁר'עֶ הֶערְצֶער אוּן מִיט חָכְמוֹת וֶועט מֶען זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן, נָאר דִי פָּשׁוּט'עֶ אִידְן וָואס זָאגְן תְּהִלִּים מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, זֵיי וֶועלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן זֵיי וֶועלְן אָנְטוּן דֶעם קְרוֹין פַאר מָשִׁיחַ (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תתלד)".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה אוּן עֶר פִירְט אוֹיס בָּזֶה הַלָּשׁוֹן (מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ): "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ, שֶׁרָאָה מַה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ פִירְן מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת; אַז דַּיְקָא דִי וָואס לֶעבְּן מִיט פָּשׁוּט'עֶ אֱמוּנָה, דִי וֶועלְן זִיךְ קֶענֶען

דֶערהַאלְטְן אִינֶעם גָאס רֶעגְן פוּן כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת. וַוייל דִי וָואס גֵייעֶן נָאךְ זֵייעֶרע חָכְמוֹת דִי פַאלְן נָאכְדֶעם אַוֶועק, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְּדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְש גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדָרֵייְדְט דִי וֶועלְט אוּן אַלֶעם הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרע חָכְמוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אוּן פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְזֹאוּיל** אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ מִיט תְּמִימוּת, עֶר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַ זִיכֶערֶע לֶעבְּן. אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי י, ט): "הוֹלֵךְ בַּתֹּם יֵלֶךְ בֶּטַח", וֶוער עֶס גֵייט בִּתְמִימוּת - גֵייט אוֹיף אַ זִיכֶערֶע וֶועג.

**דֶער בְּרִיוו צוּ װעלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-קְדוֹשִׁים, ז׳ אִיָּר, כ״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִינֶעם מַעֲשֶׂה פוּן דִי פַארְלוֹירֶענֶע בַּת מֶלֶךְ (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה א) ווִי דֶער מְמוּנָה אוֹיף דִי ווִינְט הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם ווִינְט וָואס הָאט זִיךְ פַארְזוֹימְט וְכוּ׳: ״וָואס אִיז דָארְט טֵייעֶר?״ הָאט דֶער ווִינְט גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דָארְט אִיז אַלְסְדִינְג טֵייעֶר״; אִין דֶעם לִיגְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק, בַּיים צַדִיק װערְט מֶען גֶעוואוֹיר אַז אַלֶעס אִיז טֵייעֶר, יֶעדֶע מִצְוָה וָואס זֶעט דָא אוֹיס ווִי אַ קְלֵיינִיקֵייט אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה הִתְבּוֹדְדוּת, מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שצב): הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ נַייעֶר װעג, וָואס דֶער װעג אִיז גָאר אַן אַלְטֶער װעג. אָבֶּער כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אַן אַלְטֶער װעג, אִיז עֶס גָאר אַ נַייעֶר װעג; װען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי׳ן אוּן הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר מַאכְט זִיךְ אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מִיט אַ חַבֵר, עֶר דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס קְוֶועטְשְׁט אִים, אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע טוּט מִיט אִים, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִיבּוּרִים אוּן מַעֲשִׂים מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז

אִים מַכְשִׁיל, נֶעמְט עֶר אַרָאפּ פוּן זִיךְ דִי עוֹנְשִׁים אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כח, יג): "וּמוֹדֶה וְעֹזֵב יְרֻחָם".

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס ווִיל מְתַקֵּן זַיין וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית, דֶער זָאל עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען - ווִי צוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, א): "אַל תִּתְהַלֵּל בְּיוֹם מָחָר, כִּי לֹא תֵדַע מַה יֵּלֶד יוֹם"; וָואס ווֵייסְטוּ וָואס מָארְגְן וֶועט זַיין? נֶעם יֶעצְט אַ זֶעקְל סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן גֵיי מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דוּ ווִילְסְט אַ בְּרָכָה אוֹיף שֶׁפַע? נֶעם מוֹהֲרָא"שְׁ'ס בְּרָכָה; דָאס אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ גֶעבּ אַ בְּרָכָה, וֶוער עֶס וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין 'הֲפָצָה' וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ"; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן אֵייבִּיג שֶׁפַע.

**וזאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר דִי וֶועלְט; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ קֶענִיג אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע בַּאדִינֶערְס אִין וַואלְד כַאפְּן אַ הֶערְשׁ, פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעוָוארְן טוּנְקְל, דִי הִימְל אִיז בַּאדֶעקְט גֶעוָוארְן מִיט שְׁוַוארְצֶע

וָואלְקֶענֶעס עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטַארְק צוּ רֶעגֶענֶען, אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן קֶענִיג הָאבְּן גֶעוָואלְט צוּרִיק אַהֵיים גֵיין, הָאט דֶער קֶענִיג זִיךְ אָנְגֶערוּפְן און גֶעזָאגְט: "אִיךְ בְּלַייבּ דָא וַוייל אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וויל קֶען צוּרִיקְגֵיין", הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה: "דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ, אִיךְ מוּז כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ, וֶוער עֶס וִויל קֶען צוּרִיקְגֵיין".

**אִיךְ** זָאג דִיר דָאס זֶעלְבֶּע: "אִיךְ גֵיי נִישְׁט צוּרִיק, אִיךְ בְּלַייבּ מִיט מוֹהֲרַ"א"ש וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ און אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ הֶעלְפְן כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ"; מוֹהֲרַ"א"ש זָאגְט, וָואס אִיז דֶער הֶערְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי וִויל כַאפְּן? נָאר 'צְבִי' בַּאטְרֶעפְט הוּנְדֶערְט און צְוֵויי, און 'אֱמוּנָה' בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ הוּנְדֶערְט און צְוֵויי; דֶער רֶבִּי וִויל אַרַיין בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, עֶס זָאל שׁוֹין מְקוּיָם וֶוערְן לְתַקֵן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַי; אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיךְ אָנְכַאפְּן מִיט מִיר און מִיר הֶעלְפְן כַאפְּן דֶעם הֶערְשׁ.

**אִיךְ** דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי זֶענֶען בַּיי מִיר חָשׁוּבֶ'עֶר פוּן אַלֶעס, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׁיעוּר, בְּלַייבְּ'זְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק.

# שטז

## ווי אַזוֹי גְרֵייט אִיךְ זִיךְ צוּ מַיין נְסִיעָה אוֹיף אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גְרֵייט זִיךְ יֶעצְט צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן אִין אוּמַאן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל, דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וויסְן ווי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דֶעם אוּן ווִי אַזוֹי אִיךְ זָאל אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט וֶוען אִיךְ גֶעפִינְן זִיךְ דָארְט בַּיים צִיּוּן הַקָּדוֹשׁ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט"ו אִיָּר, ל' לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** דַארְפְסְטוּ מֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי [דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ בִּיסְט יֶעצְט זוֹכֶה דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן דַארְפְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ; גְלַייך וֶוען דוּ קוּמְסְט קַיין אוּמַאן זָאלְסְטוּ גֵיין צוּם צִיוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. פַאר דוּ זָאגְסְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא אוּן גְלַייך זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר מְתַקֵּן זַיין.

**בַּיים** רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן; אוֹיבּ מֶען הָאט שֵׂכֶל אוּן מֶען נוּצְט אוֹיס דִי צַייט, קֶען מֶען זֶען גְרוֹיסֶע זַאכְן. דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט אוּן דֶער רֶבִּי הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים, אַזוֹי וִוי מִיר קֶענֶען דִי מַעֲשֶׂה אַז אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט זַיין טָאכְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט וִוי אַ פְרוֹי וֵויינְט אוֹיפְ'ן קֶבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "דֶער מֵת אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא אוּן הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אִיר גֶעוֵויין, אָבֶּער וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ מִיר", אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע צִימֶער אוּן אִיר גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ קֶען הֶערְן דָא וֶוען דוּ רוּפְסְט מִיר פוּן דִי אַנְדֶערֶע צִימֶער, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס דוּ וֶועסְט בֶּעטְן בַּיי מַיין צִיוּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו)".

**זֶעלְבְּסְט** פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט דַארְף מֶען אַרַיין גֵיין מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; מֶען דַארְף זִיךְ

פָארְשְׁטֶעלְן כְּאִילוּ מִיר וָואלְטְן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט וָואס דֶעמָאלְט וָואלְטְן מִיר זִיכֶער אַרַיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. דֶער צִיּוּן אִיז נִישְׁט קַיין פְּלַאץ פוּן שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַ פְּלַאץ פוּן קַלּוּת רֹאשׁ, עֶס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן תְּפִילָה[טו].

**וַוארִיל** אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוּן זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע תִּקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען.

**זָאלְסְט** פּוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס פַאר דִיר אוּן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל; בֶּעט פַאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רֵיזָא רֶעבְּל אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט מַיין אַרְבֶּעט.

## שיז

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַוֶועקְוַוארְפְן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעווֹאוֹינְהֵייטְן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פוּפְצְן יֶערִיגֶע בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע עָבַר, מֶען הָאט מִיר אַסַאךְ פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעשְׁלָאגְן אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַיינְט הָאבְּן צוּ זַיין אַ אִיד, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וִויל וֶוערְן אַ גוֹי, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן צֻאמְגֶעקוּקְט דָאס עֶרְגְסְטֶע, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת מַמָּשׁ לְהַכְעִיס, צוּ וַוייזְן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין אִיד.

---

טו. זֶע מֶער אִיבֶּער דֶעם אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א, מִכְתָּב סה

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אָבֶּער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַייעֶרע שִׁיעוּרִים און דָאס הָאט מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין בְּלִיק אוֹיפְ'ן לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן זֶען אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט. יֶעצְט ווייל אִיךְ שוֹין זַיין אַ פָּשׁוּט'ער עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער דִי אַלֶע עֲבֵירוֹת צוּ וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוָוארְן צוּגֶעבִּינְדְן מַאכְן מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּגֵיין, אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט שְׁלָאגְן מִיט מַיין יֵצֶר הָרָע, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר מְחַזֵק זַיין אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין אַ פָּשׁוּט'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד?

אוֹיךְ לֶערְן אִיךְ אִין אַ יְשִׁיבָה וָואס אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר נִישְׁט לִיבּ, מֶען רֶעדְט דָארְט גָארְנִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר פוּן נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ וָואלְט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה. וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ז אִיָיר, ל"ב לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, ווייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט תְּשׁוּבָה.

**ווַאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא נח, ח): "אֵין מַכָּה בָּעוֹלָם שֶׁאֵין לָהּ רְפוּאָה", אוֹיף יֶעדֶע מַכָּה אִיז דָא אַ רְפוּאָה און פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס,

״רְפוּאָתוֹ שֶׁל יֵצֶר הָרַע, תְּשׁוּבָה״, דִי רְפוּאָה פַאר׳ן יֵצֶר הָרָע אִיז תְּשׁוּבָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אִיז זַיין רְפוּאָה עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוּן; דָאס אִיז נִישְׁט קַיין גוּטֶע זַאךְ אוּן עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין גוּטְס. וַוייל אַז מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן אוֹיךְ פוּן דִי וֶועלְט; דֶער יֵצֶר הָרָע רוּט נִישְׁט ווילַאנְג עֶר רַייסְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ סַיי פוּן דִי וֶועלְט אוּן סַיי פוּן יֶענֶע וֶועלְט. רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: ״דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וִויל נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּנֶעם מֶענְטְשׁ בְּלוֹיז זַיין רוּחָנִיּוּת, עֶר וִויל אִים אוֹיךְ צוּנֶעמֶען זַיין גַשְׁמִיּוּת - זַיין לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר וִויל אִים הַרְגֶ׳ענֶען אִינְגַאנְצְן״; אַז מֶען קוּקְט שְׁמוּץ רַחְמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט מֶען דֶעם מֹחַ אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ הָאט מֶען גָארְנִישְׁט, פְּרֶעג אִיךְ דִיר: ״צִי וָואס דַארְפְסְטוּ דֶעם צָרָה?!״

**אִיךְ** וֵויים אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַוֶועק צוּ וַוארְפְן אַ סְמַארְטְפָאוּן, וַוייל דָאס אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ כַאפְּן דֶעם מֶענְטְשְׁנְ׳ס מֹחַ, עֶס צִיט אוּן צִיט בִּיז מֶען וֶוערְט מַמָּשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט אַ מֶענְטְשׁ אַ כֹּחַ צוּ זָאגְן: ״אִיךְ דַארְף דָאס מֶער נִישְׁט״; אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַ אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן ווי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה; אוֹיבּ מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים ווי אִיז שַׁיָּיךְ

צו זָאגְן פַאר׳ן מֶענְטְש: ״דוּ הָאסְט אַ בְּחִירָה?״ עֶס אִיז דָאךְ אוּמֶעגְלִיךְ זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן אַ גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן! הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קי): ״עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶער עִנְיָן פוּן בְּחִירָה; אוֹיב מֶען ווִיל טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט״; שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): ״אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְפֶערְט, ווַייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, זֵיי פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא: ׳ווִי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ בְּחִירָה, וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן מַיין גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן?׳ דֶערְפַאר מֵיינֶען זֵיי אַז עֶס אִיז טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים״.

**פָּאלְג** מִיר, וַוארְף אַוֶועק דַיין סְמַארְטְפָאוֹן; זַיי אַ הֶעלְד!

אֲפִילוּ קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט אַז דוּ הָאסְט דָאס, דוּ שְׁפִּילְסְט אוֹיס דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וְכוּ׳, ווַייז אָבֶער פַאר׳ן אֵייבֶערְשְׁטְן אַז דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט. דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער בֶּעט (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ה, ב): ״פִּתְחוּ לִי פֶּתַח כְּחֻדָּהּ שֶׁל מַחַט, וַאֲנִי אֶפְתַּח לָכֶם כְּפִתְחוֹ שֶׁל אוּלָם״, עֶפְן מִיר אוֹיף אַ קְלֵיינֶע טִיר אַזוֹי ווִי דִי שְׁפִּיץ פוּן אַ נָאדְל אוּן אִיךְ ווֶעל דִיר נָאכְדֶעם הֶעלְפְן; אַז דוּ ווֶעסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין פָאוֹן, דוּ ווֶעסְט אוֹיפְהֶערְן קוּקְן דִי עֶקְלְדִיגֶע מָאוּוִים - ווֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב׳, סִימָן א): ״מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד, עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ״, וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ דֶער אִיז מַצְלִיחַ; זָאלְסְט זֶען אַרוּם צוּ גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל אַ גַאנְצְן טָאג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שיח

**מַיין טַאטֶע לַיידְט אוֹיף צוּקֶער, מֶעג אִיךְ אִים גֶעבְּן צוּקֶער וֶוען עֶר בֶּעט?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

מַיין טַאטֶע לַיידְט אוֹיף צוּקֶער לֹא עָלֵינוּ, עֶר הָאלְט אִין אֵיין דַארְפְן גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל אוּן עֶר הָאט דֶערְפוּן בִּיטֶערֶע יְסוּרִים רַחְמָנָא לִצְלָן.

לְמַעֲשֶׂה וֶוען עֶר אִיז אִינֶדערְהֵיים וויל עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק עֶסְן צוּקֶער, עֶר בֶּעט מִיר אַסַאךְ אִיךְ זָאל אִים בְּרֶענְגֶען קִיכְלֶעךְ אוּן צוּקֶערְדִיגֶע זַאכְן וְכַדוֹמֶה, אִיךְ ווֵייס אָבֶּער אַז דֶער דָאקְטֶער לָאזְט אִים דָאס נִישְׁט עֶסְן אוּן דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ סַכָּנָה פַאר אִים, דַארְף אִיךְ אִים פָאלְגְן אוּן אִים בְּרֶענְגֶען עֶסְן וָואס וֶועלְן אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ פוּן פָאְרָאוֹיס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"א אִיָּיר, יוֹם הֻלֶּדֶת מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע, ל"ו לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אֵיינֶע** פוּן דִי זַאכְן וָואס אַ קִינְד דַארְף טוּן פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אַלְס כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵיי גֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סָעִיף ד): "אֵיזֶהוּ כִּבּוּד, מַאֲכִילוֹ וּמַשְׁקֵהוּ"; דָאס אִיז אָבֶער נָאר וֶוען דִי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען אִיז אִים נִישְׁט קַיין סַכָּנָה, אוֹיבּ דִי עֶסְן אִיז אַ סַכָּנָה דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה דָאס צוּ גֶעבְּן, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר חֲסִידִים, סִימָן רלד): "מַעֲשֶׂה בְּאֶחָד שֶׁחָלָה", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן אַ דָאקְטָאר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קַיין וַואסֶער אוּן נִישְׁט עֶסְן אַ גֶעוִויסֶע עֶסְן, וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט עֶסְן דִי עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען וַואסֶער וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן, "וְאָמַר לִבְנוֹ תֵּן לִי מַיִם, וְאוֹתוֹ מַאֲכָל פְּלוֹנִי", אָבֶער דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט הַאלְטְן צוּ דִי אָנְוַוייזוּנְגֶען פוּנֶעם דָאקְטָאר אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן זַיין זוּן עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען אוּן אוֹיךְ דִי עֶסְן וָואס דֶער דָאקְטֶער הָאט אִים גֶעהֵייסְן זִיךְ הִיטְן דֶערְפוּן, "וְאִם לָאו לֹא אֶמְחוֹל לְךָ, לֹא בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא בָּעוֹלָם הַבָּא", אוּן עֶר הָאט צוּלֵייגְט פַארְ'ן זוּן: "אוֹיבּ דוּ בְּרֶענְגְסְט מִיר

נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבֶּעטְן בִּין אִיךְ דִיר נִישְׁט מוֹחֵל - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט", פִּירְט דָארְט אוֹיס רֶבִּי יְהוּדָה הֶחָסִיד זַ"ל: "אַל תְּהִי חוֹשֵׁשׁ בִּדְבָרָיו", אִין דֶעם פַאל דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן.

זֶע צוּ גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם וָואס אִיז דָא. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹקֶיךָ" - זָאלְסְט זֶען עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען אַ קִידוּשׁ הַשֵּׁם דוּרְךְ דִיר אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל בַּאלִיבְּט וֶוערְן דוּרְךְ דִיר. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אַשְׁרֵי רַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוֹ תּוֹרָה", ווארויל אִיז פַאר זַיין רֶבִּי וָואס הָאט אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה; "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, ווִיבַּאלְד עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף אַזוֹי עֶרְלִיךְ. אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אַזַא אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה פַאר דַיין טַאטֶע אוּן פַאר אַלֶע אִידְן וָואס דַארְפְן אַ רְפוּאָה.

# שיט

**אַלְס אַן עֶלְטֶערֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ צְוָואנְצִיג יֶערִיגֶער בָּחוּר, נָאכְנִישְׁט קַיין חָתָן אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער בְּרוּחְנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת. אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה, דִי בָּחוּרִים אִין מַיין יְשִׁיבָה רֶעדְן זֵייעֶר שְׁמוּצִיג, אִין יֶעדֶע דְרִיטֶע שְׁמוּעֶס קוּמְט אַרַיין שְׁמוּץ, אִיךְ דַארְף חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין.

אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר קֵיינֶעם אִין מַיין יְשִׁיבָה, ווַייל עֶס הֵייסְט אַ חָשׁוּב'עֶ יְשִׁיבָה מִיט חָשׁוּב'עֶ בָּחוּרִים, אִיךְ אַלֵיין בִּין אוֹיךְ בְּעֶצֶם אַ גוּטֶער אוּן גֶעבּוּיטֶער בָּחוּר אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר סַיי וֶועמֶען. אִיר זֶענְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער צוּ וֶועם אִיךְ קֶען רֶעדְן אוּן בֶּעטְן חִיזּוּק אוּן הִילְף.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"א אִיָּיר, יוֹם הֻלֶּדֶת מוֹהֲרַא"שׁ זי"ע, ל"ו לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער: "קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר"; דָאס פְלֶעגְט מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁטֶענְדִיג זָאגְן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט גֶעוֵויינְט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ - זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן ווִי יוּנְגֶער. אַזוֹי קֶען מֶען רַאטֶעוֶוען אַלֶע בָּחוּרִים און מֵיידְלֶעךְ פוּן אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, ווַייל ווִילַאנְג מֶען אִיז אַ פְּלַג גוּף קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן כ"א אִיָיר' אִין דִי סְפִירָה פוּן "חֶסֶד שֶׁבִּיְסוֹד", ווַייל עֶר אִיז מְחַזֵק דִי אַלֶע ווָאס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין מִידַת הַיְסוֹד; בִּפְרַט בָּחוּרִים ווָאס ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן און עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, ווַייל זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

"מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים" - פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁטֶענְדִיג זָאגְן; "אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי ווֶעלְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן בָּחוּרִים און זֵיי ווַייזְן אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן". מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן פַאר בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טַעֲנָה'ן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; ווָאס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, אִיךְ ווִיל נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה, אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן דִי רֵייד, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ הִיטְן פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה".

**אַנְטְלוֹיף** פוּן חֲבֵרִים ווָאס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז ווֶען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה פַארְצֵיילְט עֶר

פַאר אַלֶעמֶען וֶוער עֶר אִיז. ווילַאנְג אַ מֶענְטְש רֶעדְט נִישְׁט ווייסְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶר אִיז - אַ חָכָם אָדֶער אַ נַאר, אַ צַדִיק אָדֶער פַארְקֶערְט; מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַ מֶענְטְש פוּן אִינְדְרוֹיסְן וַוייל אַ מֶענְטְש קֶען זִיךְ גוּט פַארְשְׁטֶעלְן, נָאר דוּרְךְ זַיין רֶעדְן קֶען מֶען ווִיסְן וֶוער עֶר אִיז, אַזוֹי ווִי שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ב, ו): "מִפִּיו דַעַת וּתְבוּנָה", דוּרְכְ'ן מוֹיל קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען וֶוער דֶער מֶענְטְש אִיז.

וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְש רֶעדְט נִישְׁט אֵיידְל זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶר אִיז דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ פַארְפוֹילְט, אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס ווִי אַ חָשׁוּב'עֶר מֶענְטְש. אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת; פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען שְׁטֵיין ווייט וַוייל מֶען קֶען מִיטְגֶעשְׁלֶעפְּט וֶוערְן. זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם טְרַאכְטְנְדִיג: 'אִיךְ רֶעד נִישְׁט, אִיךְ הֶער נָאר ווִי חֲבֵרִים רֶעדְן', וַוייל אוֹיבּ הֶערְט מֶען רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אֲפִילוּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה, בַּאקוּמְט מֶען אוֹיךְ אַן עוֹנֶשׁ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.): "רַב נַחְמָן בַּר יִצְחָק אָמַר: 'אַף שׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק'".

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ; טוּ דִי סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען טוּט דָאס וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא

זיווגו, יַרְגִיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי קָרְבָּנוֹת הַנְשִׂיאִים, פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיזְ'ן סוֹף - דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה. עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, 'קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה'; וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דָאס זָאגְן בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיווּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גוּף, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיין, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".

מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט נִישְׁט רֶעדְן קַיין נִיבּוּל פֶּה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ"א זָאגְט (כְּתוּבּוֹת ח: דִיבּוּר הַמַּתְחִיל "עַל כֵּן עַל בַּחוּרָיו"): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה ט, טז): "עַל כֵּן עַל בַּחוּרָיו לֹא יִשְׂמַח ה' וְגוֹ', כִּי כֻלּוֹ חָנֵף וּמֵרַע וְכָל פֶּה דֹּבֵר נְבָלָה בְּכָל זֹאת לֹא שָׁב אַפּוֹ וְעוֹד יָדוֹ נְטוּיָה", פַארְוָואס גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ שְׁטְרָאף פַאר דִי בָּחוּרִים וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה אַז זֵיי גֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן וְכוּ'? זָאגְט עֶר: "שֶׁהָעוֹנֶשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, לְפִי שֶׁהַבַּחוּרִים מְנַבְּלִים פִּיהֶם בְּכַלָּה הַנִּכְנֶסֶת לְחוּפָּה, יָבֹא לָהֶם הָעֹנֶשׁ בְּבַחוּרִים הַמַּגִיעִים לְפֶרֶק הַחֻפָּה שֶׁלֹּא יִשְׂמְחוּ בָּהֶם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה; אוֹיב

בָּחוּרִים רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה וְכוּ' וֶועלְן זֵיי נִישְׁט זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן בַּיי זֵייעֶר חוּפָּה, עַיֵין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין זִיווּג, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ חַבֶר'ן נָאר מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים - וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## שכ

**וֶועט רֶבִּי יְשַׁעְיָ'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיר הֶעלְפְן קֶעגְן דִי פָּאלִיצֵיי?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פָּאר אַסַאךְ אַרוּם מִיט מַיין קַאר אוּן אִיךְ בִּין צוּגֶעוואוֹינְט צוּ עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן בִּשְׁעַת'ן דְרֵייוְון, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַ גוּטֶער דְרֵייוֶוער אָבֶּער מִיט דִי פָּאלִיצֵיי קֶען אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְן, זֵיי שְׁטֶעלְן מִיר אָפּ כְּסֵדֶר אוּן אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַסַאךְ גֶעלְט שָׁאדְן.

מַיין חַבֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אִין זַיין קַאר אַ בִּילְד פוּן רֶבִּי יְשַׁעְיָ'לֶע קֶערֶעסְטִירֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דִי פָּאלִיצֵיי שְׁטֶעלְט אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפּ, ווַייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל אוֹיךְ אַזוֹי טוּן; אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין מֶער פָארְזִיכְטִיג, אָבֶּער אֶפְשָׁר וֶועט דָאס בִּילְד מִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דִי פָּאלִיצֵיי, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ אִיךְ זָאל פַּייטְן מַיינֶע יֶעצְטִיגֶע טִיקֶעטְס מִיט דֶעם בִּילְד?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"ג אִיָּר, ל"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בִּשְׁעַת'ן** דְרַייוְון טָאר מֶען נִישְׁט נוּצְן דֶעם טֶעלֶעפָאן; בִּשְׁעַת מֶען דְרַייוְוט דַארְף מֶען הַאלְטְן קָאפּ אוֹיפְ'ן דְרַייוְון, וַוייל אַ קַאר אִיז אַזוֹי וִוי אַ בִּיקְס, מִיט אַ קַאר קֶען מֶען הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען קֶען אוֹיךְ אַלֵיינְס וֶוערְן גֶע'הַרְגְ'עֶט רַחְמָנָא לִצְלָן.

**וֶוער** עֶס דְרַייוְוט אַ קַאר דַארְף הַאלְטְן דִי גֶעזֶעצְן, אוֹיבּ הַאלְט מֶען נִישְׁט דִי גֶעזֶעצְן אִיז מֶען אַ מוּפְקָר אוּן מֶען הָאט אַ דִין וִוי אַ רוֹצֵחַ.

**מוֹהֲרָא"ש** זָאגְט אַז וֶוען בֵּית דִין וָואלְט וֶוען גֶע'מִשְׁפָּט אוֹיף דְרַייוְון שְׁנֶעל, אוֹיף זִיךְ נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן וואו מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן אָדֶער אוֹיף טֶעקְסְטְן בִּשְׁעַתְ'ן דְרַייוְון וְכוּ' - וָואלְטְן זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט טוֹיזְנְט מָאל הַארְבֶּער וִוי דִי רֶעגִירוּנְג; וַוייל אַז מֶען דְרַייוְוט דַארְף מֶען הַאלְטְן דִי גֶעזֶעצְן, אוֹיבּ ווילְסְטוּ פִירְן גֶעשֶׁעפְטְן אוּנְטֶערְוֶועגְנְס זָאלְסְטוּ דִינְגֶען אַ שָׁאוֹפֶער וָואס זָאל דִיךְ דְרַייוְון, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט דַיין צְוֵוייטֶע נְשָׁמָה - דַיין טֶעלֶעפָאן, וָואס דוּ בִּיסְט צוּ דֶעם פַארְקְנֶעבְּטֶעט.

**דָאס** אַז דִיר גֵייט נִישְׁט אָן דַיין לֶעבְּן, דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ אַרוּם מִיט דַיין טֶעלֶעפָאוֹן בִּשְׁעַתְ'ן דְרַייוְון - אִיז אֵיין צָרָה,

אָבֶער ווי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן אַ צַדִיק פוּן פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר; דוּ ווִילְסְט לֵייגְן אַ בִּילְד פוּן אַ צַדִיק אוּן ווַייטֶער פִירְן דַיין קַאר מִיט רְצִיחָה?! אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט לֵייגְן אַ בִּילְד פוּן אַ צַדִיק אִין קַאר פָּשׁוּט אַז דוּ זָאלְסְט בַּאקוּמֶען דוּרְכְדֶעם אַבִּיסְל יִשׁוּב הַדַעַת, אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיפְ'ן צַדִיק וֶועסְטוּ טְרַאכְטְן: 'אֵיין מִינוּט, וָואס טוּט זִיךְ מִיט מִיר? וֶוען וֶועל אִיךְ אָפְּלָאזְן מַיין טֶעלֶעפָאן?' אַז דוּ וֶועסְט זֶען פַאר דַיינֶע אוֹיגְן אַ בִּילְד פוּן אַ צַדִיק וֶועסְטוּ טְרַאכְטְן: 'וֶוען וֶועל אִיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?'

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אָנְזָאגְן זַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן זַאכְן וָואס אִיז קֶעגְן דִי גֶעזֶעץ וְכוּ', הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְן נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אוּמְלֶעגַאלֶע גֶעשֶׁעפְטְן, בִּיז מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן עֶס הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר תְּפִיסָה, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר רֶבִּי נָתָן אַז מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט טוּן גֶעשֶׁעפְטְן קֶעגְן דָאס גֶעזֶעץ אוּן עֶס וַוארְט אִים תְּפִיסָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ ווִיל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער, אִיךְ ווִיל נִישְׁט גֵיין אִין תְּפִיסָה", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ קֶען אֵייבִּיג תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען קֶען אֵייבִּיג פַארְרֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט; וֶוען דוּ ווָאלְסְט בֶּאֱמֶת חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן ווָאלְסְטוּ זִיךְ אַרוֹיס גֶעדְרֵיידְט פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער, אָבֶער הֱיוֹת דוּ הָאסְט נִישְׁט בֶּאֱמֶת חֲרָטָה,

נָאר דוּ טְרַאכְטְסְט: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אַז דִי פָּאלִיצַיי זָאל מִיר נִישְׁט כַאפְּן?' אוּן דוּ מַאכְסְט אָפּ בַּיי דִיר: 'קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶועל אִיךְ מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן', דָאס אִיז נִישְׁט קַיין חֲרָטָה, דָאס אִיז אַ פַארְבְּרֶעכְן".

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִיר. דוּ פָּארְסְט ווִי אַ רוֹצֵחַ; בִּשְׁעַתְ'ן דְרַייוְון שְׁרַייבְּסְטוּ אוּן לֵייְנְסְט דַיין סֶעלְפָאוֹן אוּן דוּ ווִילְסְט אַן עֵצָה מֶען זָאל דִיר נִישְׁט אָפְּשְׁטֶעלְן?! וָואס ווִילְסְטוּ - אִיךְ זָאל דִיר מְחַזֵק זַיין? וָואס זָאל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן?!

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דַיין לֶעבְּן אוּן אַ צְוֵוייטְנְס לֶעבְּן זָאל זַיין חָשׁוּב אִין דַיינֶע אוֹיגְן אוּן דוּ זָאלְסְט פָאלְגְן דִי גֶעזֶעצְן בִּשְׁעַתְ'ן דְרֵייוְון. מַאךְ דִיר אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל גֶעלְט גֵייט דִיר אַוֶועק אַ חוֹדֶשׁ פַאר טִיקֶעטְס... עֶס אִיז דָאךְ אַ הִימְל גֶעשְׁרֵיי, דָאס אִיז מַמָּשׁ וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן עז): "מִי שֶׁעוֹשֶׂה מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת, נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס טוּט זַאכְן שְׁנֶעל אָן יִשּׁוּב הַדַעַת וֶוערְט אַ בַּעַל חוֹב; דָאס מֵיינְט מֶען אוֹיךְ אַז מֶען דְרֵייוְוט שְׁנֶעל אָן קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת וֶוערְט מֶען אַ בַּעַל חוֹב. אַנְשְׁטָאט וָואס דוּ זָאלְסְט גֶעבְּן אַפָּאר דָאלֶער פַאר דַיין וַוייבּ, אַנְשְׁטָאט אַהֵיים בְּרֶענְגֶען עֶסְן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, דַארְפְסְטוּ אַוֶועק צָאלְן חוֹדֶשׁ'לִיךְ אַ שֵׁיינֶער גֶעהַאלְט פַאר דַיינֶע טִיקֶעטְס.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט בֶּאֱמֶת חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# שכא

**אִיךְ בִּין זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, וְוִי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס דֶערְפוּן?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ פֵיינֶער מַאן מִיט לִיכְטִיגֶע קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, עֶס גֵייט מִיר בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר גוּט אִין לֶעבְּן, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַסַאךְ מָאל זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין לֶעבְּן, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דַאן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט מַיין מַאן אוּן קִינְדֶער וְוִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

עֶס מַאכְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַז עֶס פַאלְט אַרוֹיף אוֹיף מִיר אַזַא עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מַמָּשׁ פוּן זִיךְ אַלֵיין; אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וְוִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"ג אִיָּר, ל"ח לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

### דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת"; דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין אָנְהֵייבּ פוּן זַיין הִתְקָרְבוּת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אֵיינְמָאל אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר; דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן אִים זֵייעֶר מְחַיֶ' גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען, אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאבְּן אִים מְחַיֶ' גֶעוֶוען זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְט"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַנְטְפְּלֶעקְט דֶעם זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**הָאט** רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער 'אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְט', הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג צוּ מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן, ווַייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג-תכד)".

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט אַ פֵיינֶער מַאן מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיר דַארְפְט נִישְׁט וַוארְטְן צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיר וֶוערְט שׁוֹין מָרָה שְׁחוֹרָה; יֶעדְן צוּפְרִי וֶוען אִיר שְׁטֵייט אוֹיף אוּן אִיר שִׁיקְט אַייעֶרע קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע - זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אִיר זָאלְט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאנְקְט אִים אוֹיף אַייעֶר לֶעבְּן, דוּרְכְּדֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אַ תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט מִתְפַּלֵל זַיין יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי, דָאס וֶועט אַייךְ אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן אַייעֶר מָרָה שְׁחוֹרָה אוּן עַצְבוּת.

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר; אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין מַאן אוּן פַאר מַיינֶע לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער. אִיךְ בִּין אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ אוּן אַזוֹי רַייךְ אַז אִיךְ הָאבּ אַן עֶרְלִיכֶער מַאן אוּן זִיסֶע קִינְדֶער.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוער אִיךְ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט פַארְוָואס; אִיךְ אַלֵיינְס פְרֶעג זִיךְ דִי קַשְׁיָא, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַלֶעם גוּטְס פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט פְרֵיילִיךְ?! הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה,

אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיסְט שְׁטֶענְדִיג מִיט מִיר אוּן אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף אַרוֹים אַלֶע אִידְן, הֶעלְף אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן וִוי מִיר הָאבְּן, הֶעלְף אַז אַלֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע שִׁידוּכִים, אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַזֶעלְכֶע זִיסֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וִוי דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; הֶעלְף אַרוֹים אַלֶע אִידְן זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה, אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מוּטְשֶׁען; הֶעלְף אוּנְז אוּן שִׁיק אוּנְז שׁוֹין מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ.

## שכב

**וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶונֶען?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ הֵיימִישֶׁע מֵיידְל פוּן אַ הֵיימִישֶׁע חֲסִידִישֶׁע סְקוּל, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען, סְפֶּעצְיֶעל אִין דִי יָארְן וֶוען מֶען הָאט נָאכְגִישְׁט דִי עוֹל פוּן אַ מַאן מִיט קִינְדֶער. לְמַעֲשֶׂה אִיז מִיר אָבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ אִיךְ קֶען גוּט דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת וֶוערְט מִיר אָבֶּער זֵייעֶר לַאנְגְוֵויילִיג צוּ דַאוֶוענֶען יֶעדְן טָאג דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער פוּנֶעם סִידוּר.

וָוען אִיךְ זָאג תְּהִלִּים אִיז מִיר נִישְׁט אַזוֹי לַאנְגְוֶוילִיג, וַוייל אִיךְ זָאג אַלֶעמָאל אַנְדֶערֶע קַאפִּיטְלֶעךְ, אוֹיךְ וָוען אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִיז מִיר אוֹיךְ גְרִינְגֶער, אָבֶּער דָאס דַאוֶוענֶען אִין סִידוּר אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. וויל אִיךְ וויסְן וָואס אִיז דִי וֵויינִיגְסְטֶע וָואס אַ מֵיידְל דַארְף דַאוֶוענֶען, בִּין אִיךְ מְחוּיָב צוּ דַאוֶוענֶען מֶער פוּן בְּרָכוֹת אוּן קְרִיאַת שְׁמַע?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

# תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"ד אִיָּיר, ל"ט לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן מַמָּשׁ דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה וָואס אִיר פְרֶעגְט; עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואס עֶר זָאל טוּן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶוענֶען, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: זָאלְסְט דַאוֶוענֶען אָן גֶעפִיל אוּן אָן גֶעדוּלְד, דֶער גֶעפִיל וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען, "כְּמוֹ לְמָשָׁל שֶׁנִּמְצָא לִפְעָמִים שֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה לְעַצְמוֹ רֹגֶז, עַד שֶׁבָּא בְּכַעַס, וְנִתְרַגֵּז", אַזוֹי ווִי אֵיינֶער מַאכְט זִיךְ בְּרוֹגֶז אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר טַאקֶע בְּרוֹגֶז. דָאס זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען, מֶען זָאל קוֹדֶם דַאוֶוענֶען אָן קַיין גֶעפִיל, מֶען זָאל דַאוֶוענֶען מִיט אַ חַיּוּת אוּן זִיךְ מַאכְן ווִי מֶען הָאט אַ גֶעפִיל אוּן אַ חֵשֶׁק, אוּן דִי גֶעפִיל וֶועט שׁוֹין נָאכְקוּמֶען (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עד).

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעֵצָה זֹאת הִיא עֵצָה גְּדוֹלָה מְאֹד גַּם בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה. שֶׁבִּתְחִלָּה צְרִיכִין לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא לָהוּט אַחַר אוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה וְאַחַר כָּךְ זוֹכִין בֶּאֱמֶת לָזֶה", אַזוֹי דַארְף מֶען זִיךְ פִירְן מִיט יֶעדֶע דָבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה, מֶען זָאל טוּן אַלֶע מִצְוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט טוּן אֲפִילוּ אָן גֶעפִילְן אוּן אָן אַ טַעַם, נָאר מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן ווי מֶען וויל דָאס זֵייעֶר שְׁטַארְק טוּן, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט מֶען טַאקֶע זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי מִצְווֹת.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר דַאוֶונֶען אֲפִילוּ אִיר הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן שְׁפִּירְן ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם סִידוּר.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין תְּפִילָּה אִיז וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; אֲפִילוּ דִי וָואס גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלֵייבְּן אָבֶער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי יֶעדֶע רֶגַע. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ' וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה - וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו, וּבִשְׁבִיל שֶׁהָאָדָם אֵינוֹ יוֹדֵעַ זֹאת יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, בִּשְׁבִיל זֶה אֵינוֹ מִתְלַהֵב כָּל כָּךְ, וְאֵינוֹ מְדַקְדֵּק כָּל כָּךְ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעהַאט אַ קְלָארֶע רֵיינֶע אֱמוּנָה, עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים אוּן

ער שְׁטֵייט און וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס ער בֶּעט אִים - וָואלְט ער זִיכֶער גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַ גֶעפִיל, נָאר וויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט נָאךְ נִישְׁט בַּיי דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה, הָאט ער נִישְׁט קַיין גֶעפִיל אִין דַאוֶוענֶען.

**דַארְף** מֶען אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס בֶּעטְן; מֶען זָאל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל שְׁפִּירְן און זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל וויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶס אִיז 'מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ'; דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּ אִים, און דֶעמָאלְט וֶועט מֶען נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם סִידוּר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

## שכג

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מֶען לַאכְט פוּן מִיר וֶוען אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶה; אִיךְ בִּין אַ יוּנְגֶער בָּחוּר און אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' הַיינְט מְסַיֵים גֶעוֶוען שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, דָאס אִיז אַייךְ צוּ פַארְדַאנְקֶען.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים לַאכְן פוּן מִיר אַז אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת, אֶפְשַׁר קֶענְט אִיר שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזּוּק אִיךְ זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ״ד אִיָּיר, ל״ט לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווָאוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט פְּלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּים זַיין דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן גַאנְץ ״שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה״; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס מִשְׁנַיּוֹת אִיז אוּן צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת - וָואלְטְן אַלֶע גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיּוֹת.

**זָאלְסְט** נִישְׁט הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן דִי אַלֶע וָואס לַאכְן; גֶעדֶענְק דֶעם כְּלָל: ״לַאכְן, לַאכְט דֶער וָואס לַאכְט צוּם לֶעצְט״; וֶוער לַאכְט בֶּאֱמֶת? דֶער וָואס לַאכְט בַּיים סוֹף. וֶוען אֵיינֶער מַאכְט אַוֶועק דֶעם רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד, עֶר לַאכְט אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת אַז עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶעם לֶעצְטְן טָאג וֶוען דֶער מַלְאָךְ מִיט דִי טוֹיזְנְט אוֹיגְן וֶועט קוּמֶען צוּ אִים, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען זֶען וֶוער עֶס אִיז דֶער גֶעלֶעכְטֶער. דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס ״סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד״, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י, פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא וְכוּ׳ וְכוּ׳, דִי אַלֶע וֶועלְן צוּרִיק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָנְגֶעפִילְט

מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ - צֶענְדְלִיגֶער מָאל מְסַיֵים גֶעוֶוען שִׁשָׁה סְדָרֵי מִשְׁנָה; בַּבְלִי; יְרוּשַׁלְמִי; תּוֹסֶפְתָּא; רַמְבַּ"ם; טוּר; שֻׁלְחָן עָרוּךְ; זוֹהַר; תִּקוּנֵי זוֹהַר אוּן אַלֶע מֶדְרָשִׁים, זַיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען, דֶעמָאלְט וֶועט מֶען שׁוֹין זֶען וֶוער עֶס אִיז דֶער גֶעלֶעבְטֶער, ווייל דֶער וָואס הָאט אָפְּגֶעלַאכְט פוּן רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד בַּיי אִים וֶועט נֶעבֶעךְ מְקוּיָם וֶוערְן וָואס שְׁטֵייט (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (זוהַר חָדָשׁ, רוּת) אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶענוּצְט זַיינֶע יָארְן, זַיין נְשָׁמָה קְלָאגְט: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, אָבֶער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", אִיךְ גֵיי צוּרִיק לֵיידִיג.

**דָאס** בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט קְרִיגְן, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין קַיין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם; דוּ מַאךְ זִיךְ אַ הוֹיפְן סְפָרִים אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אַ אִיבְּרִיגֶע מִינוּט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען. זֶע אַיין צוּ הַאלְטְן דִי סְדָרֵי הַיְשִׁיבָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרֵי הַיְשִׁיבָה, זַיי מְכַבֵּד דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים אוּן אַוַדאי דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן בַּיי הַפְסָקָה אָדֶער וֶוען אַלֶע שְׁמוּעֶסְן וְכוּ' - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיצְן בַּיי דַיין ווינְקְל אוּן גוֹרֵס זַיין פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, דַאן וֶועט דִיר קֵיינֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן. אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ אַיינְקוֹיפְן אַ גוּטֶע נָאמֶען, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ד.): "הַאי צוּרְבָא מֵרַבָּנַן, דָמֵי לְפַרְצִידָא דִתְּחוֹתֵי קָלָא, דְכֵיוָן דְנָבַט - נָבַט", אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס לֶערְנְט

פְלַייסִיג אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ קֶערְל וָואס מֶען הָאט אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין דִי עֶרְד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פוּן אִים, אָבֶער אַזוֹי וִוי עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפְּרָאצְן - זָאגְט רַשִׁ"י (שָׁם): "הוֹלֵךְ וְגָדֵל לְמַעְלָה", וַואקְסְט עֶר הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## שכד[טז]

### אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת, מֶעג אִיךְ זַיין אַ מְלַמֵּד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן אִיךְ גֶעבּ זִיךְ בָּרוּךְ ה' אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער זֵייעֶר שֵׁיין, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעדוּלְד אוּן סַבְלָנוּת צוּ זֵיי, אִיךְ שְׁלָאג נִישְׁט, אִיךְ פְּרוּבִיר אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַז זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אָבֶער פֶּערְזֶענְלִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט גֶעפֶערְלִיכֶע נִסְיוֹנוֹת, אִיךְ קוּק זַאכְן וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט קוּקְן אוּן אִיךְ טוּ עֶקְלְדִיגֶע אוּן פְּרָאסְטֶע זַאכְן וָואס אַ אִיד טָאר נִישְׁט טוּן. עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וויי; אִיךְ זָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ בְּלַאט גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אָבֶער דֶערְוַוייל בִּין אִיךְ נָאךְ פַארְזִינְקֶען אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

---

טז. זֶע וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שמב.

דָאס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ מֶעג זַיין אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער, אָדֶער בִּין אִיךְ זֵיי גָאר מְטַמֵא. אִיךְ רֶעד צוּ קִינְדֶער נָאר גוּטֶע זַאכְן, אִיךְ וויל בֶּאֱמֶת אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי נָאר עֶרְלִיכְקֵייט און וואוילְקֵייט. דִי שְׁאֵלָה אִיז אָבֶער צִי מַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע זַאךְ און וֶוען אִיךְ בִּין אִין קְלַאס מִיט דִי קִינְדֶער אִיז דָאס אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ? אָדֶער אִיז דָאס גֶעקְנִיפְּט און גֶעבִּינְדְן און אִיךְ טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער?

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעוָואלְט זָאגְן פַאר מַיין מְנַהֵל אַז אִיךְ גֶעבּ אוֹיף מַיין פָּאסְטְן, אִיךְ וֵויס אָבֶער נִישְׁט וָואס דֶער דַעַת תּוֹרָה אִיז; אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ צוּטוּן.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"ד אִיָיר, ל"ט לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַמְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן זַיין מְלַמְדִים; דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד: "וִויפִיל פַארְדִינְסְטוּ אַ וָואךְ שְׂכַר לִימוּד? צֶעטֵייל דַיין גֶעלְט אוֹיפְ'ן טָאג און אוֹיפְ'ן שָׁעָה - וִויפִיל קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ מַאכְן אַ מִינוּט? מַמָשׁ קְלֵיין גֶעלְט, קוּמְט אוֹיס אַז דוּ קֶענְסְט פַארְלִירְן יֶענֶע וֶועלְט פַאר בְּלוֹיז אַפָּאר דָאלֶער; וַוייל וֶוען מֶען גַנְבְ'עֶט גֶעלְט פוּן אַ צְוֵוייטְן קֶען מֶען דָאס בַּאצָאלְן און יֶענֶער קֶען דָאס

מוֹחֵל זַיין, אָבֶער װען מֶען איז מְבַטֵל תּוֹרָה פוּן קִינְדֶער קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בַּאצָאלְן און מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מוֹחֵל זַיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמ)"; אַזוֹי אִיז דָא כַּמָה וְכַמָה שִׂיחוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תסה; תקצא).

**מִיט** דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זַייעֶר שְׁטַארְק, אַז אוֹיבּ אִיז דָא אַ מְלַמֵד אָדֶער אַ שׁוֹחֵט - זָאל דָאס זַיין דַוְקָא פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (הוּבָא בְּבַעַל שֵׁם טוֹב עַל הַתּוֹרָה פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, אוֹת יט) אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם פַּארְלֵייגְט זִיךְ זַייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף שׁוֹחֲטִים זֵיי זָאלְן זַיין קַלִים וְרֵקִים און מַכְשִׁיל זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט נְבֵילוֹת וּטְרֵפוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן; אוֹיךְ פַּארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם אוֹיף דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ, אַזוֹי װעלְן זֵיי פַּאר'סַמ'עֶן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט זֵייעֶרֶע אַפִּיקוֹרְסוּת; דֶעריבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ יָא אַ שׁוֹחֵט, אוֹיבּ יָא אַ מְלַמֵד, זָאל דָאס שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ זַיין פוּן מַיינֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם".

**עֶס** זֶענֶען דָא זַייעֶר אַסאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מְלַמְדִים, ווִי זֵיי הָאבְּן אַריין גֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה און יִרְאַת שָׁמַיִם; מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס אִיז גֶעוֶוען יָארְן לַאנְג אַ מְלַמֵד, אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אַלְס קִינְד, זַייעֶנְדִיג זֶעקְס יָאר אַלְט בַּיי אַ מְלַמֵד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, רֶבִּי יַעֲקֹב קַלְמְנוֹבִיץ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה - וֶועם מֶען הָאט גֶערוּפְן בִּלְשׁוֹן חִבָּה "ר' יַעֲקֹב מְלַמֵד".

**מוֹהֲרַא"ש** פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן ווִי דֶער מְלַמֵד פְלֶעגְט אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה; דֶער חֵדֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שׁוּל אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט עֶפֶּעס גֶעדַארְפְט פְלֶעגְט דֶער מְלַמֵד נֶעמֶען דֶעם קִינְד אוּן אִים שְׁטֶעלְן בַּיים אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם קִינְד קוּשְׁן דֶעם פָּרוֹכֶת, עֶר הָאט אִים פָארְגֶעזָאגְט אַ תְּפִילָה אוּן אִים גֶעהֵייסְן נָאכְזָאגְן וָוארְט בַּיי וָוארְט; אַזוֹי הָאט עֶר אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי קִינְדֶער דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָה, אַז וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען צוּ גֵיין צוּם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, גֶעבְּן אַ קוּשׁ דֶעם פָּרוֹכֶת אוּן בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען דַארְף.

**אוֹיךְ** הָאט מוֹהֲרַא"ש דֶערְצֵיילְט אַז דֶער מְלַמֵד ר' יַעֲקֹב פְלֶעגְט אוֹיסְטֵיילְן אִין חֵדֶר יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַ פְּרוּטָה אוּן עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ פּוּשְׁקֶע צוּ אַלֶע קִינְדֶער, אוּן בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי פּוּשְׁקֶע הָאט עֶר גֶעהַאט אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער נִיגוּן וָואס עֶר פְלֶעגְט זִינְגֶען אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "הֲרֵינִי נוֹתֵן צְדָקָה לַעֲנִיִים וְלַיְתוֹמִים וְלָאַלְמָנוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעבְּן צְדָקָה פַאר אָרֶעמֶעלַייט, אוּן אִין דֶעם זְכוּת זָאל אִיךְ נִיצוֹל וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ אַ צְוֵויטְן"; מוֹהֲרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעלֵייגְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע מַחֲזֶה צוּ זֶען ווִי אַזוֹי יֶעדֶעס קִינְד לֵייגְט אַרַיין אַ פְּרוּטָה אִין דִי פּוּשְׁקֶע נָאכְן זָאגְן דִי תְּפִילָה.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט זָאגְן אַז פוּן אַלֶע זַיינֶע מְלַמְדִים גֶעדֶענְקְט עֶר נָאר זִכְרוֹנוֹת פוּן דֶעם מְלַמֵד אוּן פוּן נָאךְ אַ מְלַמֵד וָואס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד.

**אַזוֹי** זָאלְסְטוּ טוּן מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אוּן דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגֶע צַדִיקִים. וואוּיל אִיז פַאר אַ מְלַמֵד וָואס דֶערְצֵיילְט יֶעדְן טָאג מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פְלַאקֶערְט אוֹיף דָאס הַארְץ, מֶען הֵייבְּט אָן מְקַנֵא זַיין דִי צַדִיקִים אוּן מֶען ווִיל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַע שֶׁסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מִצַדִיקִים, הוּא דָבָר גָדוֹל מְאֹד", ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַדִיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט אוֹיף גֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ, מֶען בַּאקוּמְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בֶּענְקֶענִיש צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וֶוען מֶען הֶערְט ווִי דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת ווִיל מֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם אוּן וֶוערְן אַ צַדִיק.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: "יָא"; הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס

פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?" זָאגְט עֶר: "חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזָאגְט: "נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט 'מוּסָר', צִי דוּ פַארְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ"; וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים דָאס פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**בִּזְכוּת** וָואס דוּ לֶערְנְסְט מִיט תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן, דוּ גֶעבְּסְט אַכְטוּנְג אוֹיף זֵיי, דוּ הָאסְט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי אוּן דוּ לֶערְנְסְט מִיט זֵיי תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, זָאלְסְטוּ פָּטוּר וֶוערְן פוּן דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת; דִי וֶוערְטֶער פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּ דִי קִינְדֶער זָאל אַרַיין גֵיין אִין דַיין הַארְץ, אוּן מִיר אַלֶע זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן בֶּאֱמֶת.

## שכה

### אִיךְ פְּרוּבִּיר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן, אָבֶער אִיךְ פַאל אַסַאךְ צוּרִיק, אִיז דָאס עֶפֶּעס וֶוערְד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ הֵיימִישֶׁער בָּחוּר וָואס אִיז לֵיידֶער אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אִיךְ לִיג אִין שְׁמוּץ מִיט מַיין גַאנְצֶע קָאפּ אוּן מֹחַ. לְמַעֲשֶׂה אָבֶער טוּישְׁן זִיךְ בַּיי מִיר דִי גוּסְטֶעס יֶעדְן צְווֵייטְן טָאג, אֵיין טָאג קוֹיף אִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אוּן אִיךְ קוּק צַאם אַלֶע שְׁלֶעכְטְס פַאר אַ

שְׁטִיק צַייט, נָאכְדֶעם כַאפְּט מִיר אָן אַן הִתְעוֹרְרוּת און אִיךְ וַוארְף עֶס אַוֶועק, אָבֶער אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער פַארְשַׁאף אִיךְ זִיךְ שׁוֹין ווִידֶער אַ כֵּלִי צוּ קוּקְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע עֵצוֹת און עֶס גֵייט נִישְׁט, אִיךְ וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָבֶער עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן. אוֹיךְ וִויל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעטוּן דִי אַלֶע מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ עֶס אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן, אֲפִילוּ וֶוען נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעפַאלְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, כ"ו אִיָּיר, מ"א לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## יֶעדֶעם מָאל וָואס אַ מֶענְטְשׁ רַייסְט זִיךְ אַוֶועק פוּן אַן עֲבֵירָה, עֶר אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיפְ'ן יֵצֶר הָרָע - אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קנ:): "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְּיִתְאֲבִיד מִקַּמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא", קַיין אֵיין גוּטֶע מַחֲשָׁבָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּבְגִין כַּךְ, זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּמְהַרְהֵר הִרְהוּרִין טָבִין לְגַבֵּי מָארֵיהּ, דְּאַף עַל גַּב דְּלָא יָכִיל לְמֶעְבַּד לוֹן", דֶערִיבֶּער - זָאגְט דֶער זוֹהַר - ווָאוִיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וַוייל אֲפִילוּ עֶר קֶען דָאס נָאכְנִישְׁט מְקַיֵּים זַיין, "קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא

סָלִיק לֵיהּ רְעוּתֵיהּ כְּאִילּוּ עָבִיד", רֶעכְנְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּאִילוּ עֶר הָאט דָאס מְקַיֵים גֶעוֶוען; דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זֶעט זִיךְ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר קוּקְט צַאם דִי עֶרְגְסְטֶע שְׁמוּץ, דַארְף מֶען פוּן דָארְט שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער! אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ"; דִי אַלֶע דִיבּוּרִים אוּן גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת וֶועט אִים הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט ווֶערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**וָואס** אִיז בִּכְלַל דַיין שְׁאֵלָה צִי עֶס אִיז חָשׁוּב דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט בְּשַׁעַת דוּ הַאלְטְסְט אִין אֵיין צוּרִיק פַּאלְן? יֶעדֶע מַחְשָׁבָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נָאר לְטוֹבָה וֶוערְט קַיינְמָאל נִישְׁט פַּארְלוֹירְן אוּן זִיכֶער אַ גוּטֶע דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט אוּן כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחוֹמֶר אַ גוּטֶע מַעֲשֶׂה וָואס מֶען טוּט; דֶערִיבֶּער אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן דִי סֶעלְפָאוֹן הָאסְטוּ זִיכֶער גֶעמַאכְט מִיט דֶעם אַ נַחַת רוּחַ פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דוּ וֶועסְט בַּיים סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ לוֹיטֶערֶער רֵיינֶער אִיד.

**וָואס** הָאסְטוּ גֶעמֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט דִיר לָאזְן אַוֶועק גֵיין פוּן אִים אַזוֹי גְרִינְג? דוּ בִּיסְט דָאךְ גֶעוֶוען בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים מִיט אִים, אוּן יֶעצְט וֶוען דוּ ווִילְסְט אַנְטְלוֹיפְן פוּן אִים מֵיינְסְטוּ אַז עֶר וֶועט דִיר לָאזְן אַנְטְלוֹיפְן?! עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער נִישְׁט אָפְּלָאזְן, עֶר וֶועט דִיר אַרָאפּ וַוארְפְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; אַזוֹי גֵייט אַ מִלְחָמָה, אַ פַּאטְשׁ פַּאר דִיר, אַ פַּאטְשׁ פַּאר מִיר, אַ קְנַאק פַּאר דִיר, אַ קְנַאק פַּאר מִיר; דֶער עִיקָר אִיז וֶוער עֶס גֶעבְּט דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ.

יֶעדֶעס מָאל דוּ װעסְט װעלְן אָנְהייבְּן אַ נייע לֶעבְּן װעט עֶר
צוּריק קוּמֶען צוּ דִיר אוּן װייטֶער בְּרֶענֶען אִין דִיר;
דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הַאלְטְן קָאפּ אוֹיף איין זַאךְ: 'אִיךְ גֶעבּ
נִישְׁט אוֹיף'; 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט אַװעק פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן'; אַ
מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אַז
אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט װִי מֶען טְרַייבְּט אִים אַװעק פוּן דִי קְדוּשָׁה,
מֶען אִיז אִים מְרַחֵק מִיט אַלֶע סָארְט הִתְרַחֲקוּת, מִיט דֶעם
אַלֶעם זָאגְט עֶר: 'אִיךְ לָאז נִישְׁט אָפּ מַיינֶע גוּטֶע רְצוֹנוֹת,
אִיךְ װִיל נָאךְ אַלְץ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד'.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר
זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר (תִּקוּנֵי זֹהַר, תִּיקוּן יג; דַף כט.): דִי אִידְן
זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ קֶענִיג װָאס הָאט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן
מִיט אַסאךְ פֶעלְקֶער, אוּן מֶען הָאט נִישְׁט גֶעװאוּסְט װער עֶס
הָאט בַּאזִיגְט דִי מִלְחָמָה, "אָמַר, תִּסְתַּכְּלוּן בְּאִלֵין דִּרְשִׁימִין
בְּמָאנֵי קְרָבָא בִּידַיְיהוּ, וְתִנְדְעוּן מָאן נָצַח דִינָא", הָאט מֶען
גֶעזָאגְט אַ סִימָן, מֶען זָאל קוּקְן װער עֶס הַאלְט דִי גֶעװֶער
אִין דִי הֶענְט - דֶער הָאט מְנַצֵחַ גֶעװֶען. אַזוֹי אִיז װֶען מֶען
זֶעט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַאלְטְן דִי ד' מִינִים אִין זֵייעֶרע
הֶענְט, דוּרְכְדֶעם װייסְט מֶען אַז זֵיי הָאבְּן מְנַצֵחַ גֶעװֶען דִי
אוּמוֹת הָעוֹלָם; פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא (לִיקוּטֵי
הֲלָכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה ז, אוֹת נד): לִכְאוֹרָה, בַּיי אַ מִלְחָמָה, װֶען מֶען
זֶעט װער עֶס הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דִי מְדִינָה אוּן אוֹיסְגֶע'הַרְגֶ'עט
דִי פַיינְט - אַזוֹי װייסְט מֶען װער עֶס אִיז דֶער גֶעװאוּנֶער,
מִמֵילָא װָאס אִיז דִי שְׁאֵלָה 'װער עֶס הָאט מְנַצֵחַ גֶעװֶען?'

נָאךְ אִיז שְׁוֶוער, וָואס פַאר אַ מִין תֵּירוּץ אִיז דָאס אַז וֶוער עֶס הַאלְט דִי גְעוֶוער אִין דִי הַאנְט דֶער הָאט גֶעווּאוּנֶען, אַדְּרַבָּה, וֶוער עֶס הָאט גֶעווּאוּנֶען דִי מִלְחָמָה דַארְף שׁוֹין נִישְׁט הַאלְטְן קַיין גֶעוֶוער, אוּן וֶוער עֶס הַאלְט נָאךְ יָא דִי גֶעוֶוער אִיז אַ קְלָארֶער סִימָן אַז עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעווּאוּנֶען דִי מִלְחָמָה?! עֶנְטְפֶערְט רֶבִּי נָתָן זַייעֶר שֵׁיין, אֵין הָכִי נַמִּי, סְתַּם אַזוֹי בַּיי אַ מִלְחָמָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מְנַצֵּחַ דֶעם שׂוֹנֵא דַארְף מֶען טַאקֶע שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעוֶוער, אָבֶער בַּיי דִי מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר וָואס גֵייט אָן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אִיז דֶער עִיקָר נִצָּחוֹן אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף צוּ קֶעמְפְן; וֶוער אִיז דֶער מְנַצֵּחַ? דֶער וָואס לָאזְט נִישְׁט אָפּ דֶעם גֶעוֶוער, אוּן ווִילַאנְג מֶען הַאלְט דֶעם גֶעוֶוער - וָואס דָאס אִיז תְּפִילָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מח, כב): "בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי", זָאגְט דֶער תַּרְגּוּם: "בִּצְלוֹתִי וּבְבָעוּתִי" - ווַייזְט דָאס אַז דֶער אִיז דֶער גֶעווּאוּנֶער; דָאס זָאגְט דֶער זוֹהַר: "מָאן נָצַח דִינָא", וֶוער אִיז דֶער גֶעווּאוּנֶער? דֶער וָואס הַאלְט דִי גֶעוֶוער אִין דִי הַאנְט.

**ווַאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעוָוארְפְן אַלֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ קוּקְן שְׁמוּץ, אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג; מִשְׁנָיוֹת הָאט אַ כֹּחַ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טֻמְאָה.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְּמָרָא; אִין אָנְהֵייבּ וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ

לֶערְנְסְט וַוייל אַ מֶענְטְש וָואס הָאט שׁוֹין צַאמְגֶעקוּקְט אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע מָאוִּוים רַחְמָנָא לִצְלָן און אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן פַארְלִירְט זַיין מֹחַ; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שכו

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מְלַמֵּד וָואס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל מִיט דִי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְס קִינְד אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ מְלַמֵּד וָואס פְּלֶעגְט מִיר אָנְרִירְן אוֹיף נִישְׁט אַן אֵיידֶעלֶע וֶועג יֶעדְן טָאג פַאר אַ גַאנְץ יָאר, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָאס אִיז, אָבֶּער דָאס הָאט מִיר שְׁפֶּעטֶער אַרָאפְּגֶעפִּירְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרַ"ש און שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן און אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְש און אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט.

דֶער יֶענִיגֶער מְלַמֵּד הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן חֵדֶר אַ יָאר שְׁפֶּעטֶער, יֶעצְט הֶער אִיךְ אָבֶּער אַז עֶר טוּט וַוייטֶער מַעֲשִׂים מְגוּנִים מִיט קִינְדֶער, אִיז מַיין שְׁאֵלָה אוֹיבּ בִּין אִיךְ מְחוּיָּב אִים צוּ גֵיין פַאר'מַסְרְ'ן צוּ דִי פָּאלִיצֵיי, הֵייסְט דָאס מְסִירָה? וָואס דַארְף אִיךְ צוּ טוּן וֶועגְן דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע אַייֶערע דְרָשׁוֹת, וָואס אִיז מַמָשׁ מַיין חַיוּת און לֶעבְּן; נָאר אִין דֶעם זְכוּת גֵיי אִיךְ מִיט בָּארְד, פֵּיאוֹת און צִיצִית און אִיךְ הָאבּ לִיבּ אִידִישְׁקַייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקוֹתַי, כ"ו אִיָר, מ"א לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַוַודַאי** זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי פָּאלִיצַיי; אַז אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ קִינְדֶער און טוּט מִיט זֵיי מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה וְכוּ', אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת, אַזַא אֵיינֶער דַארְף זִיצְן אִין תְּפִיסָה פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכוּר", אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ טָאר מֶען נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין; דִי פַארְשָׁאלְטֶענֶע רְשָׁעִים וָואס טוּעֶן עֲבֵירוֹת מִיט קִינְדֶער הַשֵּׁם יְרַחֵם דַארְף מֶען אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן און דָארְט זָאלְן זֵיי אוֹיסְגֵיין.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, סִימָן ו): "בַּעֲווֹן מִשְׁכַּב זָכוּר נִתְפָּס בִּתְפִיסָה", אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה רַחְמָנָא לִצְלָן וֶועט אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה; דָאס אִיז בַּיי סְתַם מֶענְטְשְׁן וְכוּ', כָּל שֶׁכֵּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְשֶׁעפֶּעט קִינְדֶער.

**הֶער** גוט וָואס אִיךְ זָאג דִיר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט קִינְדֶער און טוּט מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת, עֶר בַּאצְווִינְגְט זֵיי וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, מִיט אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען גֵיין בְּחוֹמֶר הַדִין אָן קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת, אַזַא אֵיינֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער רוֹצֵחַ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, ווַייל דָאס לָאזְט אִיבֶּער אַ שְׁלֶעכְטֶע פְלֶעק אוֹיף אַ קִינְד פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**בַּיי** אַ מְנֻוָל אִיז נִישְׁטָא קַיין רַחְמָנוּת און מֶען טָאר אוֹיף זֵיי נִישְׁט רַחְמָנוּת הָאבְּן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי, פֶּרֶק טו, סוֹף רֶמֶז קכא): "כָּל שֶׁהוּא רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים לַסּוֹף נַעֲשֶׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אַכְזָרִים וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אַכְזָר אוֹיף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַ שָׁאד אַז דִי רֶעגִירוּנְג גֶעבְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם קַיין טוֹיט שְׁטְרָאף", ווַייל דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס פַאלְן קָרְבָּנוֹת פַאר מְנֻוָלִים ווַאקְסְן אוֹיף בַּעֲלֵי מוּמִין און אַזוֹי פַארְבְּלַייבְּן זֵיי בְּמֶשֶׁךְ זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן אַז דוּ בִּיסְט אַ הֶעלְד; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ הָאסְט זִיךְ שַׁיין מְסַדֵר גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן, דוּ הָאסְט אַ צֶלֶם אֱלוֹקִים - בָּארְד און פֵּיאוֹת, דוּ גֵייסְט מִיט צִיצִית און דוּ פְרֵייסְט זִיךְ מִיט דֶעם, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה, זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ און עֶר טוּט דִי מִצְווֹת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זָע צוּ זָאגְן אַבִּיסְל תְּהִלִּים; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# שכז

## ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט מַיין נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס אוּן אִיךְ הַאלְט זִיךְ אַיין פְּלַאצְט עֶס אוּיס נָאכְדֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק, אָבֶּער אוֹיבּ אִיךְ רֶעג זִיךְ יָא אוֹיף בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, גֵייט עֶס נָאכְדֶעם אַרִיבֶּער. אִיז מַיין שְׁאֵלָה וָואס עֶס אִיז בֶּעסֶער צוּ טוּן, לְמַעֲשֶׂה וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען דָאס בֶּעסְטֶע זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן, וָואס טוּ אִיךְ אָבֶּער אַז נָאכְדֶעם פְּלַאצְט עֶס אוֹיס אַזוֹי שְׁטַארְק?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקוֹתַי, כ"ו אִיָּיר, מ"א לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**לֶערְן** יֶעדְן טָאג דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן סח) וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר וָואס עֶס פַּאסִירְט וֶוען מֶען רֶעגְט זִיךְ אוֹיף, אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט מִתְבּוֹדֵד

זַיין אוֹיף דִי תּוֹרָה, דוּרְכְדֶעם וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט גְלִיסְטְן זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז כַּעַס אוּן גֶעלְט קוּמֶען פוּן דִי זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, אוּן יֶעדֶעס מָאל עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט עֶס זָאל קוּמֶען אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ רַייכְטוּם קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע - וָואס פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן רַייךְ - אוּן עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַ נִסָּיוֹן פוּן כַּעַס, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעגְט זִיךְ אוֹיף פַארְלִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בַּאקוּמֶען; כַּעַס אִיז אָבֶּער אַזַא שְׁטַארְקֶע נִסָּיוֹן אַז אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דוּרְךְ דִי כַּעַס וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין עֲשִׁירוּת - דָאךְ רֶעגְט עֶר זִיךְ אוֹיף, דֶערְפַאר אַז דוּ וֶועסְט אַסַאךְ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה אוּן זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען דֶערְבֵּיי, וֶועט דִיר שׁוֹין נִישְׁט גְלִיסְטְן זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן.

אַלֶע רְפוּאוֹת, עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת לִיגְן אִין רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען"; וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד;

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה פוּן כַּעַס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סח) אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵוייְנֶען דֶערְבַּיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שכה

### וֶועט אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת אָנְהַאלְטְן אוֹיךְ אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ גֶעטְרֵייעֶר מַאן מִיט לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' אַ שֵׁיין לֶעבְּן, אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אָבֶּער מִיט אַ דִמְיוֹן וָואס שְׁטֶערְט מִיר שְׁטַארְק. אִיךְ טְרַאכְט אַלֶעמָאל אַז דָאס וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ אִיז נָאר יֶעצְט וֶוען מִיר זֶענֶען יוּנְג אוּן אֶפְשָׁר וֶוען מִיר וֶועלְן עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט מִיר מַיין מַאן שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ אָנְהוֹיבְּן צוּ קְרִיגְן.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז סְתָם דִמְיוֹנוֹת אוּן אִיךְ דַארְף נִישְׁט טְרַאכְטְן וָואס וֶועט זַיין שְׁפֶּעטֶער, נָאכְאַלְץ שְׁטֶערְט מִיר דָאס אָבֶער. אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר הֶעלְפְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז דָא אַ מַאֲמָר הֶחָכָם: "הֶעָבָר אַיִן, וְהֶעָתִיד עֲדַיִן, וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן, דַּאֲגָה מִנַּיִן", וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען, וָואס גֵייט זַיין אִיז דָאךְ נָאכְנִישְׁט דָא אוּן דִי הֹוֶה אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער ווִי אֵיין רֶגַע, אִיז דָאךְ נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ דַאֲגָה'נֶען; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאֲגָה'עט הֶעלְפְט דָאס נִישְׁט דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, עֶס מַאכְט נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעשְׁוַואכְט.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין ק:): "לֹא תֵעִיל דַּוְיָא בְּלִבְּךָ", זָאלְסְט נִישְׁט אַרוּם גֵיין מִיט קַיין דַאֲגוֹת, "דְגַבְרֵי גִיבָּרִין קָטַל דַּוְיָא", וַוייל דַאֲגוֹת הָאט שׁוֹין גֶע'הַרְגְ'עט אַסַאךְ גִבּוֹרִים; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס - אוּן אַלֶעס אִיז נָאר עֶר, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע דַאֲגוֹת.

**אַז** אִיר הָאט יֶעצְט אִין אַייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת וֶועט אִיר הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער אוֹיף דֶער עֶלְטֶער נָאךְ אַ בֶּעסֶערֶע שָׁלוֹם בַּיִת; מֶען קֶען זֶען אַן עֶלְטֶערֶע פָּארְפָאלְק ווִי זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אֵיינֶער מִיטְ'ן צְווֵייטְן, מִיט כָּבוֹד אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן, דָאס אִיז נָאר וַוייל אִין זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף זֵייעֶר שָׁלוֹם בַּיִת; מַה

שֶׁאֵין כֵּן דִי אַלֶע וָואס קְרִיגְן זִיךְ אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי אַלֶע הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעקְרִיגְט אִין אָנְהֵייבּ פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן. אֵיין חִילוּק אִיז דָא, וֶוען מֶען אִיז יוּנְג קֶען מֶען עֶס בַּאהַאלְטְן וְכוּ׳, אָבֶּער אוֹיף דֶער עֶלְטֶער הַאלְטְן אַלֶע מִיט יֶעדֶע רִיר וְכוּ׳.

**אַז** אִיר הָאט יֶעצְט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס זוּכְט אִיר זִיךְ פְרֶעמְדֶע זָארְג? דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג - מְחִיגֵר) דִי לְבָנָה הָאט גֶעזָאגְט פַאר׳ן זוּן וֶוען דִי זוּן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעֶרעדְט אַז זִי שַׁיינְט אוֹיפְ׳ן בּוֹים וְכוּ׳: ״אַז דָאס אִיז דַיין זָארְג, דוּ זָארְגְסְט פְּרֶעמְדֶע זָארְג!״ דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ אַייךְ: ״וָואס דַארְפְט אִיר זָארְגְן פְּרֶעמְדֶע זָארְג?״ מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיטְ׳ן ׳יֶעצְט׳, מִיטְ׳ן ׳הֹוֶה׳; אַז אִיר הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן אוּן קִינְדֶער - דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ אוּן בֶּעטְס אוֹיף וַוייטֶער.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל ״עַל יְדֵי אֱמוּנָה יָבֹא לְבִטָּחוֹן (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בִּטָּחוֹן, סִימָן ד)״, דוּרְךְ אֱמוּנָה קוּמְט מֶען צוּ בִּטָּחוֹן; אוּן אַז אִיר וֶועט הָאבְּן בִּטָּחוֹן וֶועלְן אַלֶע דַאֲגוֹת אַוֶועק פַאלְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן ט): ״עַל יְדֵי בִּטָּחוֹן אָדָם נִיצוֹל מִדְּאָגָה״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט בִּטָּחוֹן וֶוערְט עֶר גֶעַראטֶעוֶועט פוּן דַאֲגוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שכט

## קֶען מֶען טַאקֶע אַלֶעס טְרֶעפְן אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין מִירוֹן הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ מֵפִיץ וָואס הָאט מִיר פַּארְקוֹיפְט אַן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל", עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מוֹהֲרַ"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד הָאט סֵיי וועלְכֶע שְׁאֵלָה זָאל עֶר עֶפֶּענֶען דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" אוּן עֶר וֶועט דָארְט טְרֶעפְן אַן עֶנְטְפֶער. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, אוֹיבּ אִיר וֵוייסְט אוֹיךְ פוּן דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מוֹהֲרַ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט אַז מֶען הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט פַאר רֶבִּי נָתָן דֶעם סֵפֶר 'שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית' פוּנֶעם שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ כָּל בּוֹ, וַוייל עֶס פַארְמָאגְט אִין זִיךְ אַלֶעס; דְרוּשׁ, חֲסִידוּת וְכוּ', הָאט זִיךְ רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים 'לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת': "מַיינֶע סְפָרִים אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס גַן עֵדֶן", וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת וֶוערְט מֶען אַזוֹי

מְחוּזָק אַז מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ ווִי אִין גַּן עֵדֶן, און מוֹהֲרָ"אש הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "דֶער סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלַיין", ווַייל מֶען קֶען נִישְׁט טְרֶעפְן נָאךְ אַ סֵפֶר וָואס זָאל זַיין אַזַא שְׁטִיק גֶעטְלִיכְקַייט ווִי דֶער סֵפֶר; וואוּ מֶען עֶפְנְט נָאר אוֹיף דֶעם סֵפֶר, יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרִיוו זֶעט מֶען דִי לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה און מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָ"אש הָאט גֶעזָאגְט: "ווֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוּנְג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי אִינְגֶעלַייט זוּכְן און נִישְׁטֶערְן אִין סְפָרִים צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס הִתְחַזְּקוּת; מֶען מִישְׁט אַהֶער און מֶען מִישְׁט אַהִין, מֶען זוּכְט וואוּ מֶען קֶען טְרֶעפְן אַבִּיסְל מַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, מֶען זוּכְט אַ וָוארְט אָדֶער אַ רֶמֶז אַז מֶען קֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן, הָאבּ אִיךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז אִיךְ וֶועל אַרוֹיס גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע סְפָרִים וָואס מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן מִישְׁן אַהֶער און אַהִין, מֶען וֶועט נִישְׁט דַארְפְן זוּכְן הִתְחַזְּקוּת, נָאר וואוּ מֶען וֶועט נָאר עֶפֶענֶען דֶעם סֵפֶר וֶועט מֶען גְלַייךְ טְרֶעפְן וָואס מֶען דַארְף - צוּ קֶענֶען וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל, חֵלֶק כז"; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וֶוער עֶס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם סֵפֶר (מוֹהֲרָ"אש הָאט נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן זַיין נָאמֶען אִין זַיינֶע סְפָרִים); אִיךְ פְלֶעג דָאס נֶעמֶען אִין דִי

הֶענְט און נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּלֵייגְן, אִיךְ הָאבּ דָאס אָנְגֶעהוֹיבְּן און גֶעעֶנְדִיגְט טָאג נָאךְ טָאג, דָאס הָאט מִיר אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט מַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַיֶ' גֶעוֶוען און מְחַזֵק גֶעוֶוען. עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער פֶערְצְן יָאר זִינְט דַאן און אִיךְ קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן דֶעם פַארְגֶעניגְן וָואס אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט גֶעשְׁפִּירְט.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ מֶען הָאט אַ שְׁאֵלָה וְכוּ'; מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער וָואס הָאט אַ שְׁאֵלָה זָאל עֶפֶענֶען אַן "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" און עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ תְּשׁוּבָה; דָאס אִיז בָּדוּק וּמְנֻסֶּה. אַדְּרַבָּה, פְּרוּבִּיר דָאס אַלֵיינְס אוֹיס, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף וָואס דוּ בִּיסְט מְסוּפָּק.

**אוֹיךְ** הָאט מוֹהֲרָא"ש מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע יְשׁוּעוֹת און אָפֶענֶע נִסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵק אֲלָפִים וּרְבָבוֹת אִידְן, און בְּרֶענְגְט זֵיי צוּרִיק לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

# של

## דַארְף מֶען זַיין מְקוּשָׁר צוּ אַ סְבִיבָה, אָדֶער קֶען מֶען אַלֵיין אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין מְקוּשָׁר צוּ אַ סְבִיבָה, קְהִלָּה, וְכַדוֹמֶה, אָדֶער קֶען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּן פַּאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט הָאבְּן גָארְנִישְׁט מִיט קֵיינֶעם?

אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַ פְּלַאץ צוּ וֶועלְכֶע אִיךְ בִּין מְקוּשָׁר, דַארְף אִיךְ זוּכְן אַזַא פְּלַאץ? אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיבּ בִּין אִיךְ צוּ שְׁטַארְק מְקוּשָׁר צוּ אַ פְּלַאץ אִיז דָאס אַ פְּרָאבְּלֶעם? מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן, אָדֶער בִּין אִיךְ גוּט אוֹיךְ אַזוֹי? פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ רֶעד נָאר פוּן עֶרְלִיכֶע אוּן גוּטֶע פְּלֶעצֶער.

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ"ח אִיָיר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וִוי גְרוֹיס אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר זַיין קֶען עֶר הָאבְּן גְרוֹיס נוּצְן פוּן אַ גוּטֶער חָבֵר.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח):
"וְשָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר, שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה, בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ: אָחִי, חֲזַק וֶאֱחֹז עַצְמְךָ - הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל, וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק, אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חָבֵר וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן זָאגְן: "בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; אוֹיבּ וָואלְט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ", וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט אַסַאךְ מֶער אָנְקוּמֶען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים דָאס נִישְׁט גֶעזָאגְט; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם זִיךְ אַלֵיין. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער צַדִּיק דַארְף אוֹיךְ הִתְחַזְּקוּת.

אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט אֵיין גוּטֶער חָבֵר - רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַּאר דִי הַבְטָחָה פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען רֶבִּי עוֹזֵר אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר הָאט שִׁיעוּר נִישְׁט אָנְגֶעדְרֵיידְט אַ מַחֲלוֹקֶה צְוִוישְׁן רֶבִּי נַפְתָּלִי מִיט רֶבִּי נָתָן, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ נָאר אֵיין חָבֵר - רֶבִּי נַפְתָּלִי, יֶעצְט קוּמְט דָא עוֹזֵר אוּן זִויל אִים אוֹיךְ אַוֶועק נֶעמֶען פוּן מִיר וְכוּ'"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין מְחַזֵּק זַיין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְפְן אוֹיךְ הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ד, ט): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד, אֲשֶׁר יֵשׁ לָהֶם שָׂכָר טוֹב בַּעֲמָלָם", צְוויי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בֶּעסֶער ווי אֵיינֶער אַלֵיין, פַארְוָואס? "כִּי אִם יִפֹּלוּ, הָאֶחָד יָקִים אֶת חֲבֵרוֹ, וְאִילוּ הָאֶחָד שֶׁיִּפּוֹל וְאֵין שֵׁנִי לַהֲקִימוֹ", ווייל אַז מֶען גֵייט אַלֵיינְס, מֶען לֶעבְּט אַלֵיינְס אָן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא, דֶעמָאלְט וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועְרֶע צַייט הָאט מֶען נִישְׁט מִיט וֶועם זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין, אָבֶּער אַז מֶען הָאט גוּטֶע חֲבֵרִים אִיז גְרִינְגֶער פַאר'ן מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן פוּן זַיינֶע שְׁוֶועְרֶע צַייטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, עֶר אִיז אוּנְזֶער רֶבִּי בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען; עֶר הֵיילְט אוּנְז אוּן עֶר מַאכְט פוּן אוּנְז אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים. דָאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא וָואס זָאל אִים מְחַזֵּק זַיין.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיטְ'ן חֵטְא עֵץ הַדַּעַת אִיז עֶר בַּיי זִיךְ זֵייעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אוּן אַנְשְׁטָאט תְּשׁוּבָה טוּן הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן זַיין ווייב פַאר הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייסִיג יָאר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין יח:): "כָּל אוֹתָן הַשָּׁנִים שֶׁהָיָה אָדָם הָרִאשׁוֹן בְּנִדּוּי הוֹלִיד רוּחִין וְשֵׁידִין וְלִילִין", דִי אַלֶע יָארְן וָואס אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעוֶוען אָפְּגֶעשֵׁיידְט הָאט עֶר גֶעזִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלַן; בִּיז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין זוּן קַיִן (וַיִּקְרָא רַבָּה י, ה): "אָמַר לוֹ: מַה נַּעֲשָׂה בְּדִינֶךָ", וָואס אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט דַיין עֲבֵירָה פוּן הַרְגִ'נֶען הֶבֶל? "אָמַר לוֹ: 'עָשִׂיתִי תְּשׁוּבָה וְנִתְפַּשַּׁרְתִּי'", הָאט אִים קַיִן גֶעעֶנְטְפֶערְט: אִיךְ הָאבּ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, "כֵּיוָן שֶׁשָּׁמַע אָדָם

הָרִאשׁוֹן כָּךְ הִתְחִיל טוֹפֵחַ עַל פָּנָיו, אָמַר לוֹ כָּל כָּךְ הִיא כֹּחָהּ שֶׁל תְּשׁוּבָה וְלֹא הָיִיתִי יוֹדֵעַ", וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין זוּן קַיִן אַז עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ פַּאטְשְׁן אִין פָּנִים אוּן גֶעשְׁרִיגְן: אַזוֹי גְרוֹיס אִיז דִי כֹּחַ פוּן תְּשׁוּבָה אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן בִּיז יֶעצְט?! "בְּאוֹתָהּ שָׁעָה אָמַר אָדָם הָרִאשׁוֹן (תְּהִלִּים צב, א) 'מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת'", הָאט עֶר גְלַייךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם קַאפִּיטְל: "מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת, טוֹב לְהֹדוֹת לַה'", עֶס אִיז גוּט צוּ מוֹדֶה זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט גוּט.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אָדָם הָרִאשׁוֹן וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסֶער רֶבִּי - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, הָאט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר וָואס זָאל אִים שְׁטַארְקְן אוּן מְחַזֵק זַיין עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, אוּן ווִיבַּאלְד עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהַאט אִיז עֶר גֶעבֶּעךְ הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייסִיג יָאר גֶעוֶוען פַארְוָוארְפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ דַארְפְן הָאבְּן אַ גוּטֶע חַבְרוּתָא וָואס לָאזְט נִישְׁט פַאלְן; דָאס אִיז דִי מַעְלָה פוּן הָאבְּן אַ גוּטֶער חַבֵר וָואס אִיז מְחַזֵק.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע

הַאנְט, עֶר פָּאפְּט אוֹיס אַלֶעמֶען אוּן פְרֶעגְט זַיי: "וָואס הָאב אִיךְ אִין מַיין הַאנְט?" אוּן פַאר יֶעדֶעם דַאכְט זִיךְ אַז עֶר הָאט אִין זַיין הַאנְט דָאס וָואס עֶר וויל, דֶערִיבֶּער לוֹיפְן אִים אַלֶע נָאךְ ווַייל מֶען מֵיינְט אַז מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען דִי זַאךְ וָואס מֶען וויל, "וְאַחַר כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", צוּם סוֹף עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט, אַזוֹי אוֹיךְ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", עֶר רֶעדְט אַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נָאכְלוֹיפְן ווַייל אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַלֶע זַיינֶע תַּאֲווֹת, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶפְנְט עֶר זַיין הַאנְט אוּן מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁט, מֶען אִיז אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַ גַאנְץ לֶעבְן אוּמְזִיסְט.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט אַז דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן גֵייט אַרוֹיף בִּכְלָלִיּוֹת אוֹיף אַלֶע תַּאֲווֹת, אוּן בִּפְרָטִיּוּת גֵייט דָאס אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ אַ מַנְהִיג, אַ רֶבִּי וְכוּ'; דֶער רֶבִּי לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט אוּן אַלֶע חֲסִידִים לוֹיפְן אִים נָאךְ, אַלֶע מֵיינֶען אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס צוּ גֶעבְן, בִּיז עֶס קוּמְט דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן לֶעבְן, דַאן עֶפְנְט דֶער מַנְהִיג זַיינֶע הֶענְט אוּן מֶען זֶעט לֵיידִיגֶע הֶענְט הַשֵּׁם יְרַחֵם; דֶערְפַאר וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ חֲבוּרָה, צוּ אַ מַנְהִיג, צוּ אַ גוּטֶער אִיד וְכוּ' - דַארְף מֶען אַלְץ קוּקְן צִי מֶען בַּאקוּמְט עֶפֶּעס אִין דִי הַאנְט, אוֹיב גֵייט מֶען אַוֶועק פוּן

דָארְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט אִיז אַ סִימָן אַז מֶען נַארְט זִיךְ. אֲפִילוּ דֶער גוּטֶער אִיד אִיז אַ צַדִיק, אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, אַ ל"ו צַדִיק, אַ צַדִיק וָואס פְּלִיט אִין הִימְל וְכוּ', אוֹיב קֶען עֶר מִיר נִישְׁט מְזַכֶּה זַיין מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ, מִיט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא וְכוּ' - אִיז אַלֶעס בְּלָאף; אוֹיב אִיךְ הֵייב נִישְׁט אָן רֶעדְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בַּאקוּם נִישְׁט פוּן דֶעם פְּלַאץ שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּב מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אָדֶער מְכַבֵּד זַיין מַיינֶע עֶלְטֶערְן וְכוּ' - אִיז אַלֶעס נַארִישְׁקֵייטְן.

לֵיידֶער פַארְנַארְט מֶען הַיינְט מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט מִיט לְשׁוֹנוֹת פוּן קַבָּלָה וָואס מִיט דֶעם אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ פַארְפִירְן מֶענְטְשְׁן; מֶען לוֹיפְט נָעבֶעךְ נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בְּלִינְד, קְרוּם אוּן שְׁטוּם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה): "אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז כָּבוֹד וְכוּ' הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס לוֹיפְט זֵייעֶר נָאךְ זַיין כָּבוֹד, בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען וִוי מֶען טְרָאגְט אַן אַלְטְן בֶּעטְלֶער אַ צִיגַיינֶער, אוּן עֶס זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען פִינְף הוּנְדֶערְט צִיגַיינֶערְס, אוּן דֶער בֶּעטְלֶער אִיז גֶעוֶוען בְּלִינְד, קְרוּם אוּן שְׁטוּם", עַיֵין שָׁם; נֶעבֶעךְ, מֶען נֶעמְט אַ רֶבִּי, אַ מַנְהִיג וָואס אִיז בְּלִינְד, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶר אִיז שְׁטוּם - עֶר רֶעדְט פוּן אַלֶעס נָאר נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן - שְׁנַת תקע"א, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה תִּקְעוּ תּוֹכָחָה (לִיקוּטֵי

מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח); בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז דָאס דִי צַוָואָה פוּן רֶבִּי'ן, זָאגְט דָארְט דֶער רֶבִּי: "עַל כֵּן כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִקְדֻשָּׁה", דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אַן אֱמֶת'ן מַנְהִיג זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה, "אֲבָל בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מְאֹד מְאֹד אַחַר מַנְהִיג אֲמִתִּי כָּזֶה", אָבֶּער מֶען דַארְף זוּכְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'ן מַנְהִיג, "וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי", מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג, "כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת", כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, "כִּי כְּשֶׁמִּתְקָרְבִין, חַס וְשָׁלוֹם, לְמַנְהִיג שֶׁל שֶׁקֶר", וַוייל וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּ אַ פַאלְשֶׁער מַנְהִיג, "עַל יְדֵי זֶה בָּאִין, חַס וְשָׁלוֹם, לֶאֱמוּנוֹת כּוֹזְבִיּוֹת", פַארְלִירְט מֶען דִי אֱמוּנָה, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן גְלֵייבְּן אִין פַאלְשֶׁע זַאכְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה.

# שלא

## דֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם; זִיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען דֶער מַאן אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ מוּז נָאכְאַמָאל זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס הַאלְטְן אוּנְז מַמָּשׁ בַּיים לֶעבְן, וּבִפְרַט אוֹיף דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשִׁיקְט דֶעם בְּרִיוו אִיבֶּער מַיין חָבֵר וָואס זַיין טַאטֶע אִיז אַוֶועקְגֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט[יז], אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר הֶערְלִיכֶער עֶנְטְפֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, סַיי פַאר מִיר אוּן סַיי פַאר מַיין חָבֵר, אִיךְ הָאבּ אִים אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם בְּרִיוו (עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צוּטְרִיט צוּ אִינְטֶערְנֶעט, אוּן אִיךְ שִׁיק דֶעם בְּרִיוו אוֹיךְ נָאר מִיט רְשׁוּת פוּן מַיין טַאטֶע אִין זַיין אָפִּיס), אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעהַאט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר דִי הַארְצִיגֶע תְּפִלָּה, אוּן פַאר דִי עֵצָה אַז וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל מֶען מַאכְן פוּן דֶעם אַלֵיינְס אַ תְּפִלָּה.

עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוויזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר זַיין מַאמֶע, זִי הָאט זִיךְ אוֹיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוֹיךְ שְׁרַייבְּן אַ תְּפִלָּה פַאר אִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ,

---

יז. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שיא.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר און אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, און דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): אוֹיף דֶעם וָואס דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) אַז אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה; הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר - נָאר אִיךְ, און אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט און זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ; אַ מֶענְטְשׁ זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וואו דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, און אַז וְויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז

עֶר גֵייט זַיין גוּט פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה. וֶוען אַ מֶענְטְש פִּירְט זִיךְ אַזוֹי, נֶעמְט דָאס אַרָאפּ פוּן אִים אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן דִינִים.

**וזאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דֶער רֶבִּי הַאלְט דִיר מַמָּשׁ בַּיים לֶעבְּן. דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער רֶבִּי הַאלְט אוּנְז אַלֶע בַּיים לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַלֶע לֶעבְּן, עֶר פְרִישְׁט אוּנְז אוֹיף מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן נִישְׁט נָאכְגֵיין דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַרַיין, כְּאִילוּ מִיר זֶענֶען פַארְפַאלְן. דֶער רֶבִּי שְׁלָאגְט זִיךְ מִיטְ'ן יֵצֶר הָרָע, דֶער רֶבִּי שְׁרֵייט אוֹיס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל! קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְפַאלְן, קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְלוֹירְן"; עֶס אִיז דָא פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין חַבֵר וְכוּ'; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה דוּ הָאסְט מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט מְחַזֵק דַיין חַבֵר ... נֵרוֹ יָאִיר. קֵיינֶער קֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צַעַר אוּן יְסוּרִים וָואס אַ קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, בִּפְרַט אִין פַאל וָואס דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ גֶעטְרָאפְן חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן אִים אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז צֶערִיסְן אוּן צֶעפְלִיקְט אִינֶערְלִיךְ הַשֵׁם יְרַחֵם, וָואס דִי קִינְדֶער לַיידְן נֶעבֶּעךְ צַאם פוּן דֶעם. דֶערִיבֶּער הָאסְטוּ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַז דוּ רֶעדְסְט מִיט

אִים אוּן אִיר וֶוענְט זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵק מִיט דִי חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

דוּ הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פַאר זַיין מַאמֶע, הָאבּ אִיךְ דָא בַּייגֶעלֵייגְט אַ בְּרִיוו.

---

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**וואוּיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר צִיט אוּיף אַייעֶרע קִינְדֶער צוּ גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה אוּן אִיר לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): "נָשִׁים בְּמַאי זָכְיָין", אוּיף וָואס בַּאקוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן שְׂכַר? "בְּאַקְרוּיֵי בְּנַיְיהוּ לְבֵי כְּנִישְׁתָּא וְכוּ'", מִיט דֶעם וָואס זֵיי שִׁיקְן דִי קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן וַוארְטְן זֵיי אָפּ וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מַאמֶע וָואס הֶעלְפְט אִירֶע קִינְדֶער גֵיין אִין חֵדֶר אוּן אִין יְשִׁיבָה, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ עוֹלָם הַבָּא.

**עֶס** טוּט זֵייעֶר וויי צוּ הֶערְן אַז אִיר גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן מִיט אַייעֶר מַאן וְכוּ' וָואס עֶר הָאט קַשְׁיוֹת אוּיף דִי אֱמוּנָה רַחְמָנָא לִצְלָן; דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת פַאלְט אוּיף אַייךְ, אִיר דַארְפְט זַיין סֵיי דִי טַאטֶע אוּן

סֵיי דִי מַאמֶע. אָבֶּער וויסְן זָאלְט אִיר, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער חָכְמָה ווי פַארְ'ן מַאן; אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת צוּ פִירְן אַ שְׁטוּב.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, ז): "מַעֲשֶׂה בְּחָסִיד אֶחָד שֶׁהָיָה נָשׂוּי לַחֲסִידָה אַחַת", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, "וְלֹא הֶעֱמִידוּ בָנִים זֶה מִזֶּה, אָמְרוּ אֵין אָנוּ מוֹעִילִים לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלוּם, עָמְדוּ וְגֵרְשׁוּ זֶה אֶת זֶה", נָאכְדֶעם וָואס עֶס זֶענֶען אַרִיבֶּער לַאנְגֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶע'גֶט, "הָלַךְ זֶה וְנָשָׂא רְשָׁעָה אַחַת וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ רָשָׁע", דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ רָשָׁע, "הָלְכָה זֹאת וְנִשֵּׂאת לְרָשָׁע אֶחָד וְעָשְׂתָה אוֹתוֹ צַדִּיק", אוּן דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ רָשָׁע, אוּן זִי הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, פִירְט דֶער מֶדְרָשׁ אוֹיס: "הֱוֵי שֶׁהַכֹּל מִן הָאִשָּׁה", זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן אִין דִי פְרוֹי.

אַז אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועט אִיר אָנְהֵייבְּן גֶעבְּן פַאר אַייעֶר מַאן אַסַאךְ וַוארֶעמְקֵייט - וֶועט אִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי אֱמוּנָה אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם אִידִישְׁן וֶועג, זֵיי פַארְרוּפְן זִיךְ "נִישְׁט גְלוֹיבִּיג"

(אַטֶעאִיסְט) דִי זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט קַיין אֶפִּיקוֹרְסִים, דִי זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמוֹת וָואס עֶס פֶעלְט זֵיי "תְּשׂוּמַת לֵב", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען גֶעבְּט זֵיי אַבִּיסֶעלֶע וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וֶוערְן זֵיי אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן. דֶערִיבֶּער אַז אִיר וֶועט הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אִיר וֶועט נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אַייעֶר שְׁטוּב, אִיר וֶועט זַיין שְׁטַארְק מִיט אַייעֶר אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר וֶועט זִיךְ פִירְן מִיט אַייעֶר מַאן מִיט שֵׁיינֶעם, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ דִי אֱמוּנָה.

**אִין** יֶעדֶע צָרָה שִׁיקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ לִיכְטִיגְקֵייט; דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט ווּאוּלֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט אַייעֶר בָּחוּר וָואס לֶערְנְט פְלַייסִיג, עֶר פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַזֵק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער; דָאס אִיז דָאךְ מֶער פוּן אַלְסְדִינְג. וָואס נָאךְ דַארְף אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע וֶוען זִי זֶעט ווִי אִירֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען? דָאס אִיז דָאךְ דִי שְׁטְרֶעבְּן פוּן יֶעדֶע מַאמֶע, אוּן פַארְקֶערְט, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער הָאט מֶען דָאךְ גָארְנִישְׁט הַשֵׁם יְרַחֵם, דֶערְפַאר דַארְפְט אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז אִיר הָאט קִינְדֶער עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**אַוַדַאי** ווייסְט אִיר פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט דִי תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן; וֶוען מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען בָּטֵל מַאכְן דִי וַוייבֶּער

שׁוּלְ'ן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, אוּן עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פַארְקֶערְט; מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען".

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְחַנֵךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיפְ'ן אִידִישְׁן וֶועג, אוּן אַז אַייעֶר מַאן זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן זַיינֶע גֶעפַאלֶענֶע חֲבֵרִים, וֶועט אִיר זֶען דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט אַייךְ.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בְּשָׁעַת אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט, וָואס דֶעמָאלְט אִיז אַן עֵת רָצוֹן עֶס זָאל אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן אַלֶע תְּפִילוֹת:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר אוּן אִיךְ לוֹיבּ דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר, בִּפְרַט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע חֶסֶד אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזֶעלְכֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; וִויפִיל אִיךְ זָאל דִיר דַאנְקֶען קֶען אִיךְ דִיר נִישְׁט אָנְהֵייבְּן דַאנְקֶען אוֹיף דִי זְכִיָה צוּ זַיין אַ מַאמֶע פוּן קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דָאס אִיז דָאךְ מַיין גַאנְצֶע שְׁטְרֶעבְּן אִין לֶעבְּן, צוּ זֶען וִוי מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיפְ'ן אִידִישְׁן וֶועג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער! אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּ דִיר; מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער,

אַלֶעס איז גֶעוֶוען וואוּיל אוּן פַיין, אָבֶער יֶעצְט פּירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט ווי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִּירְן, עֶר טוּט נִישְׁט קַיין מִצְווֹת, עֶר טוּט נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל הָאבְן כֹּחַ צוּ מְחַנֵךְ זַיין וַוייטֶער דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה; הֶעלְף עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין מַיין מַאן, הֶעלְף עֶר זָאל זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי גֶעפַאלֶענֶע חֲבֵרִים וָואס צִיעֶן אִים אַוֶועק פוּן דִיר. הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי אִמָהוֹת הַקְדוֹשׁוֹת שָׂרָה, רִבְקָה, רָחֵל אוּן לֵאָה, אוּן בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וּבִזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים אוּן צִדְקָנִיּוֹת וָואס הָאבְן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, אָמֵן".

# שלב

## אִיךְ וִויל לֶערְנֶען "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", וָואס טוּ אִיךְ אָבֶער אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט אִיבֶער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי נָתָן, הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען זַיין הֵיילִיג סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, אָבֶער פוּן דִי גַאנְצֶע בַּאנְד וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין דוּרְכְגֶעלֶערְנְט, הָאבּ אִיךְ כִּמְעַט גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען; זָאל אִיךְ דָאס וַוייטֶער לֶערְנֶען?

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אַז** דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט קַיין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל".

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוְו צוּ מְחַזֵּק זַיין אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין סַיי וֶועלְכֶע צָרָה זֵיי גֶעפִּינֶען זִיךְ נָאר; וֶוער עֶס לֶערְנְט "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְחַזְּקוּת.

**דֶער** רַבֵּינוּ תַּם זָאגְט (טוּר יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמו): "בְּתַלְמוּד בַּבְלִי שֶׁהוּא בָּלוּל בְּמִקְרָא בְּמִשְׁנָה וּגְמָרָא אָדָם יוֹצֵא יְדֵי חוֹבָתוֹ בִּשְׁבִיל הַכֹּל", אִין גְמָרָא לִיגְט אַלֶעס - מִקְרָא מִשְׁנָה וְכוּ', מִמֵּילָא אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא, לֶערְנְט מֶען פוּן אַלֶעס; אַזוֹי אוֹיךְ, אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אֲשֶׁר בַּנַּחַל וֶועסְטוּ דָארְט הָאבְּן אַלֶעס - לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סֵפֶר הַמִּידוֹת, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אוֹיךְ לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת.

**מוֹהֲרָא"שׁ** הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת אָן אַ שִׁיעוּר מָאל, אֵיין תְּקוּפָה הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת יֶעדְן חוֹדֶשׁ בְּמֶשֶׁךְ דְרַייסִיג חֳדָשִׁים אִין אֵיין צִי, אוֹיךְ הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מֶער מָאל וִויפִיל הָאר אַ מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיפְ'ן קָאפּ; קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט

אֲשֶׁר בַּנַּחַל לֶערְנְט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט און וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט - בְּעִיקָר אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

**טַייעֶרֶער** בְּרוּדֶער, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ה, כב): "הֲפָךְ בָּהּ וַהֲפָךְ בָּהּ, דְּכֹלָּא בָהּ. וּבָהּ תֶּחֱזֵי, וְסִיב וּבְלֵה בַהּ, וּמִנַּהּ לָא תְזוּעַ, שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה הֵימֶנָּה"; לָאז נִישְׁט אָפּ דֶעם סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל". אַז דוּ וֶועסְט דָאס לֶערְנֶען וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קַיין שׁוּם חִיזוּק; קֵיינֶער וֶועט דִיר נִישְׁט קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און דוּ וֶועסְט זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שלג

### אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וָואס טוּ אִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווִי אִיר דֶערְצֵיילְט בַּיי אַ שִׁיעוּר וֶועגְן אַ פְרוֹי וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט הָאבְּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד לֹא עָלֵינוּ, זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיר גֶעהָאלְפְן אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעוֶוען גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק בָּרוּךְ ה'.

פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַן עֶנְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי הָאבְּן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד, פַאר פִינְף

חֲדָשִׁים הָאבּ איךְ גְעווייְנְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דָאס קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעקֶענְט גַאנְץ תְּהִלִּים פוּן אוֹיסְנְווייניג, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ נִישְׁט גֶעזוּנְט קִינְד וָואס אִיז אַוֶועק נָאךְ דְרֵיי חֲדָשִׁים. זַייט דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט עֶפֶענֶען אַ סִידוּר, אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ קֶען אָבֶּער נִישְׁט דַאוְוענֶען אִין אַ סִידוּר.

יֶעצְט וַוארְט אִיךְ נָאכְאַמָאל אַ קִינְד בָּרוּךְ ה׳, מַיין מַאן בֶּעט מִיר אַז אִיךְ זָאל דַאוְוענֶען אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין פַארְמַאכְט אוּן אִיךְ קֶען מַמָּשׁ נִישְׁט בֶּעטְן. צוּמָאל זָאג אִיךְ אַ תְּחִנָּה בַּיי לֶעכְט צִינְדְן וְכַדוֹמֶה, צוּמָאל אוֹיךְ מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע וֶוערְטֶער, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶּער אַז אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פַארְשְׁטָאפְּט אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען מַיין מוֹיל גֶעהֶעריג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וָואס טוּ אִיךְ?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, מ״ד לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ טְרֵייסְטְן אִיר זָאלְט נִישְׁט וִויסְן מֶער פוּן קַיין צַעַר.**

**אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה; נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט. יֶעצְט אַז אִיר וַוארְט וְכוּ׳ זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ גֶעזוּנְט קִינְד.**

**מֶען** טָאר נִשְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֵיינְט נִישְׁט אַז אַייעֶרע תְּפִילוֹת זֶענֶען נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, קַיין אֵיין תְּפִילָה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי אַלֶע תְּפִילוֹת אוּן בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע אוֹפָן ווִי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֵייסְטְן אַ מַאמֶע וֶוען זִי הָאט פַארְלוֹירְן אִיר קִינְד, עֶס אִיז נִשְׁט דָא אוֹיף דֶעם קַיין טְרֵייסְט וֶוערְטֶער; דֶער נָבִיא זָאגְט (יְשַׁעְיָה מט, טו): "הֲתִשְׁכַּח אִשָּׁה עוּלָהּ מֵרַחֵם בֶּן בִּטְנָהּ", קֶען דֶען אַ מַאמֶע פַארְגֶעסְן פוּן אִיר קִינְד? אָבֶּער אֵיין זַאךְ דַארְפְן מִיר ווִיסְן: "אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט"; מִיר דַארְפְן אֵיין זַאךְ שְׁטֶענְדִיג הֶערְ'ן: "מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דֶער וֶועלְט, אוּן (דְּבָרִים לב, ד): "אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", אוֹיסֶער דֶעם וֵוייסְן מִיר גָארְנִישְׁט.

**מֶען** זֶעט בַּיי דָוִד הַמֶּלֶךְ (שְׁמוּאֵל-ב, יב), וֶוען זַיין זוּן אִיז קְרַאנְק גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעפַאסְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעלֵייגְט אִין בֶּעט שְׁלָאפְן. עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן ווִיפִיל מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט טְרֵייסְטְן הָאט עֶר זִיךְ נִשְׁט גֶעלָאזְט; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מִיט עֶסְן מִיט זַיינֶע בַּאדִינֶער, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין קִינְד, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז זַיין קִינְד נֶעבֶּעךְ גֶעשְׁטָארְבְן.

**וָוען** דֶער קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְן הָאבְּן דִי בַּאדִינֶער מוֹרָא גֶעהַאט דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן קֶענִיג, זֵיי הָאבְּן

גֶעטְרַאכְט: 'מַה דָאךְ וֶוען דָאס קִינְד הָאט גֶעלֶעבְּט, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט גֶעוֶוען הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרֵייסְטְן, וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין יֶעצְט וֶוען עֶר וֶועט הֶערְן אַז דָאס קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן?!' וֶוען דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזֶען ווִי זֵיי שׁוּשְׁקֶען זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט צִי דֶער קִינְד לֶעבְּט נָאךְ, הָאבְּן זֵיי אִים גֶעזָאגְט אַז דֶער קִינְד אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט זִיךְ דָוִד הַמֶּלֶךְ גְלַייךְ אוֹיסְגֶעטוּן זַיין זַאק אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין שְׁטוּל אוּן גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען עֶסְן; זַיינֶע קְנֶעכְט הָאבְּן דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "מָה הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָה", וָואס גֵייט דָא פָאר? "בַּעֲבוּר הַיֶּלֶד חַי, צַמְתָּ וַתֵּבְךְּ, וְכַאֲשֶׁר מֵת הַיֶּלֶד, קַמְתָּ וַתֹּאכַל לָחֶם", וֶוען דַיין קִינְד אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט הָאסְטוּ גֶעפַאסְט אוּן גֶעוֵויינְט, יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן שְׁטֵייסְטוּ אוֹיף פוּן דֶער עֶרְד אוּן דוּ עֶסְט אַ סְעוּדָה?! הָאט זֵיי דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַיֹּאמֶר: בְּעוֹד הַיֶּלֶד חַי, צַמְתִּי וָאֶבְכֶּה, כִּי אָמַרְתִּי מִי יוֹדֵעַ וְחַנַּנִי ה' וְחַי הַיָּלֶד, וְעַתָּה מֵת, לָמָּה זֶּה אֲנִי צָם הַאוּכַל לַהֲשִׁיבוֹ, עוֹד, אֲנִי הֹלֵךְ אֵלָיו, וְהוּא לֹא יָשׁוּב אֵלָי", וֶוען מַיין קִינְד הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט, הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֶפְשָׁר וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר הֶעלְפְן, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֵויים אִיךְ אַז עֶס אִיז אַ גְזֵירָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּ מִיר.

**שְׁטַארְקְט** אַייךְ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שלד

## אוֹיף לֶערְנֶען הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה, אִיז דָא אַן עֵצָה אוֹיךְ פַאר דַאוֶוענֶען?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרע שִׁיעוּרִים אוּן עֵצוֹת, וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אַרוֹיס אִין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה נָאר אַ דַאנְק דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד אוּן אִיךְ גֵיי שׁוֹין עֶנְדִיגְן בְּקָרוֹב צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

אָבֶּער כָאטְשׁ וָואס אִין לֶערְנֶען בִּין אִיךְ גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן, בִּין אִיךְ אָבֶּער נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ אִין דַאוֶוענֶען; אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען, אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַתְּפִלָּה פוּן רֶבִּי'ן? עֶפֶּעס אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען מִיט גֶעשְׁמַאק? אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ אַ בִּיטֶערְן טַעַם וֶוען מֶען הוֹיבְּט נָאר אָן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס אִיז דָאס אַזוֹי?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דוּ גֵייסְט יֶעצְט מְסַיֵּים זַיין דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין

דַיין לֶעבְּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס לִיגְט אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, הֲלָכָה ה, אוֹת כט): 'תּוֹרָה' ווערְט אָנְגֶערוּפְן 'רָחֵל', אוּן 'תְּפִלָּה' וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'לֵאָה'; עֶר טַייטְשְׁט אוֹיס מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כט, יח): "וַיֶּאֱהַב יַעֲקֹב אֶת רָחֵל", אַ אִיד הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וַוייל מֶען זֶעט דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה; וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט לֶערְנֶען אַ מַסֶכְתָּא זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט אוֹיפְגֶעטוּן, מֶען קֶען דָאס אָנְכַאפְּן וְכוּ', אָבֶער בַּיי לֵאָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת", לֵאָה'ס שֵׁיינְקֵייט זֶעט מֶען נִישְׁט אָן; קֵיינֶער וַוייסְט נִישְׁט וָואס פַּאסִירְט מִיט דִי תְּפִלּוֹת וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וואוּ דִי תְּפִלּוֹת גֵייעֶן וְכוּ', וַוייל תְּפִלָּה אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְבָרִים כט, כח): "הַ'נִּסְתָּרֹת לַ'ה' אֱ'לֹקֵינוּ", דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת לֵאָ"ה; תְּפִלָּה אִיז פַארְהוֹילְן פוּן אַלֶעמֶען, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דִי תְּפִלּוֹת וָואס מִיר דַאוֶוענֶען, דֶערִיבֶּער כַאפְּן זִיךְ מֶענְטְשְׁן שְׁטֶערְקֶער צוּ צוּם לֶערְנֶען וִוי צוּם דַאוֶוענֶען אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים יב, ט): "כְּרוּם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם", אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם", וִוי רַשִׁ"י זָאגְט מֵיינְט דָאס תְּפִלָּה; תְּפִלָּה אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין דֶעם.

אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים

און גֶעבְּן אִים, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זִיכֶער בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִלָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוֶוענְט און עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס עֶר בֶּעט, וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעדַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין און עֶר וָואלְט מְכַוֵּן גֶעוֶוען יֶעדֶע אײנְצִיגֶע וָוארְט וִוי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

**אוֹיף** דֶעם אַלֵיינְס דַארְף מֶען אוֹיךְ מִתְפַּלֵּל זַיין, אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים כז, ד): "אַחַת שָׁאַלְתִּי מֵאֵת ה' אוֹתָהּ אֲבַקֵּשׁ, שִׁבְתִּי בְּבֵית ה' כָּל יְמֵי חַיַּי, - רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בֶּעט דִיר אײן זַאךְ, אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר גֵיין צוּ דִיר, זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּ דִיר, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אִין דִיר"; אַזוֹי דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן (אֶסְתֵּר ה, ז): "שְׁאֵלָתִי - וּבַקָּשָׁתִי", אִיךְ בֶּעט דִיר אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בֶּעטְן און דַאוֶוענֶען.

**בֶּעט** דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען פַאר דִיר.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם איך ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; עֶסְן עֶסְט זִיךְ, שְׁלָאפְן שְׁלָאפְט זִיךְ, טְרִינְקֶען טְרִינְקְט זִיךְ, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז עֶס דַאוֶוענְט זִיךְ נִישְׁט? וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוְוענֶען? דַאוְוענֶען אִיז מִיר מַמָּשׁ אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן, אִיךְ זָאל הָאבְן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דַאוְוענֶען אוּן לֶערְנֶען אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַלֶע זִיסֶע טַעֲמִים אִינֶעם דַאוְוענֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שלה

**אִיךְ ווִיל מַיין מַאן זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, ווִי אַזוֹי בַּאוַוייז אִיךְ דָאס?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קוּם פוּן אַ שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ בָּחוּר פוּן אַ שְׁטוּב פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע שִׁידוּךְ פַאר מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ הַאלְט אָבֶער אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען פוּן הִימְל.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מַיין מַאן טוּט נִישְׁט אַסַאךְ ווִיכְטִיגֶע מִצְוֹת וָואס אַ מַאן דַארְף צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ צַעַר פוּן דֶעם, אִיךְ ווִיל עֶר זָאל

זַיין עֶרְלִיךְ אוּן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט צוּלִיבּ מִיר נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם,
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אִים מְקַרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ב' סִיוָן, מ"ו לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן סְפֶּעצִיעֶלֶע כֹּחוֹת פַאר אַ פְרוֹי אַז זִי הָאט דִי כֹּחוֹת אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִיר מַאן אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.**

**שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם פוּן דִי וֶועלְט זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ"; אַ פְרוֹי וָואס בּוֹיט אוֹיף אִיר מַאן, זִי דֶערְהֵייבְּט אִים, זִי שֶׁעצְט אִים - דָאס אִיז אַ קְלוּגֶע פְרוֹי, אוּן אַ פְרוֹי וָואס זוּכְט נָאר וִוי זִי קֶען צֶעבְּרֶעכְן אִיר מַאן, צֶעבְּרֶעכְן אִיר שְׁטוּבּ - אִיז אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי. אַ קְלוּגֶע פְרוֹי וָואס וִויל אִיר מַאן זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען וֶועט זִי אִים גֶעבְּן אַסַאךְ וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט בִּיז דֶער מַאן וֶועט זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְן, וַוייל מֶען קֶען אַלֶעס פוּעֶל'ן מִיט אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט אוּן אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט.**

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמַארָאשׁ וואו עֶס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹות, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֵלְ'ן בַּיי דִי מַארְמַארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְּן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי, אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְּשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

**גֶעבְּט** אַ קוּק צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען - אַלֶעס אִין זְכוּת פוּן זַיין וַוייבּ; רֶבִּי עֲקִיבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים (כְּתוּבּוֹת סג.): "שֶׁלִּי וְשֶׁלָּכֶם שֶׁלָּהּ הִיא", מַיין גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן אַייעֶר תּוֹרָה - אִיז אַלֶעס בִּזְכוּת מַיין וַוייבּ. רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ בַּיי אִיר טַאטֶע בֶּן-כַּלְבָּא-שָׂבוּעַ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, הָאט אִים זַיין צוּקוּנְפְטִיגֶע וַוייבּ גֶעפְרֶעגְט: "אִי מִקַדְּשְׁנָא לָךְ אָזְלַת לְבֵי רַב", אוֹיבּ אִיךְ וֶועל צוּ דִיר חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועסְטוּ גֵיין אִין יְשִׁיבָה לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יָא", זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִי הָאט אִים מְעוֹדֵד גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ פְּרוֹי הָאט דִי

כֹּחַ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אִיר מַאן עֶר זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, מִיט דֶעם וָואס זִי גֶעבְּט אִים לִיבְּשַׁאפְט אוּן וַוארֶעמְקֵייט וְכוּ'.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, יז): "אָדָם נִבְרָא מֵאֲדָמָה, וְכֵיוָן שֶׁאַתָּה נוֹתֵן עָלֶיהָ טִפָּה שֶׁל מַיִם מִיָּד הִיא נִשְׁרֵית", אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן עֶרְד, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער מַאן אַזוֹי וִוי עֶרְד; אַזוֹי וִוי מֶען גִיסְט וַואסֶער אוֹיף עֶרְד וֶוערְט עֶס וֵוייךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וֶוען מֶען גִיסְט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן מַאן, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִים, מֶען קוּקְט אִים אַרוֹיף, וֶוערְט עֶר וֵוייךְ אוּן מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵלְ'ן.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי תּוֹרָה; אוֹיף דֶעם זָאגְן שׁוֹין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (נִדָּה מה:): "מְלַמֵּד שֶׁנָּתַן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּינָה יְתֵירָה בָּאִשָּׁה - יוֹתֵר מִבָּאִישׁ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער קְלוּגְשַׁאפְט וִוי פַאר אַ מַאן; פוּן אֵיין זַייט צוּ זַיין זֵייעֶר אַ וַוארֶעמֶע וַוייבּ וְכוּ' אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פוּן דִי דֶרֶךְ הָאָבוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שלו

## ווי אַזוֹי גֶעב אִיךְ אִינְפָארְמַאצְיֶע וֶוען מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ אוֹיף אַ בָּחוּר?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזּוּק. אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אַ חַבֵר וָואס מַאכְט אַ רֹשֶׁם ווִי אַ פֵיינֶער בָּחוּר, עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן חֲסִידִישׁ אוּן עֶר גֵייט גֶעוֶוענְלִיךְ אַרוּם מִיט אַן עֶרְנְסְטְקֵייט. אָבֶּער דִי בָּחוּרִים פוּן זַיין דִירָה וֵוייסְן צוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט מִיט אִים, מֶען זֶעט אִים זִיךְ דְרֵייעֶן אַסַאךְ מִיט אַלֶע סָארְט חֲבֵרִים, עֶר קוּמְט אַהֵיים צוּ דִי דִירָה שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ סְוֶועטֶער, מִיט הֶעד-פָאוֹנְס; עֶר בַּאהַאלְט זִיךְ מִיט אַ נִישְׁט כָּשֵׁר'עֶ טֶעלֶעפָאן אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

יֶעצְט רוּפְט מִיר אָן אֵיינֶער פְרֶעגְן אִינְפָארְמַאצְיֶע אוֹיף אִים, יֶענֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף נִישְׁט דַוְקָא אַ לֶערְנֶער, נָאר עֶר ווִיל ווִיסְן צִי דֶער בָּחוּר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם. וָואס דַארְף אִיךְ טוּן אִין אַזַא צַייט? דֶער בָּחוּר קוּמְט פוּן אַ פֵיינֶע שְׁטוּבּ, זַיין טַאטֶע אִיז אַ תַּלְמִיד חָכָם, זָאל אִיךְ זָאגְן דֶעם אֱמֶת? אָדֶער זָאל אִיךְ אַרַיין נַארְן אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען עֶס קוּמְט צוּ שִׁידוּכִים אוּן מֶען ווִיל זֶען אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם - דַארְף מֶען קוּקְן ווִי אַזוֹי**

דֶער בָּחוּר דַאוֶוענְט. אַז דֶער בָּחוּר דַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, עֶר דַאוֶוענְט אִין אַ סִידוּר, עֶר שְׁטֵייט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ פוּן אָנְהֵייבּ דַאוֶוענֶען בִּיז'ן סוֹף דַאוֶוענֶען, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּם אוּן זִיכֶער אַז עֶר שְׁמוּעֶסְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען - דָאס וַוייזְט אַז דֶער בָּחוּר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אָבֶּער אוֹיבּ דַאוֶוענְט עֶר פוּן אוֹיסְנְוֵיינִיג, עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אַהֶער אוּן אַהִין, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאלְטְן בַּיי אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט אַ טָאכְטֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וויסְן אוֹיף אַ בָּחוּר צִי עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר צִי נִישְׁט, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין קוּקְן וִוי אַזוֹי דֶער בָּחוּר דַאוֶוענְט; אוֹיבּ דְרֵיידְט עֶר זִיךְ אַהֶער אוּן אַהִין אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אֵינוֹ מִן הַיִשּׁוּב.

**אַמָאל** הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעזֶען וִוי אֵיינֶער דְרֵיידְט זִיךְ אַהִין אוּן אַהֶער, אַ גַאנְצְן דַאוֶוענֶען גֵייט עֶר אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ וְכוּ', הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: "דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אַהֶער אוּן דְרֵייסְט זִיךְ אַהִין בִּיז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אִינְגַאנְצְן צֶעדְרֵייט, זֶעץ דִיךְ אַוֶועק אוּן דַאוֶוען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ".

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם מַשְׁגִּיחַ פוּן אַ חָשׁוּב'עֶ יְשִׁיבָה עֶר זָאל אִים אָנְצֵייגְן אַ בָּחוּר אַ יְרֵא שָׁמַיִם פַאר זַיין טָאכְטֶער, דֶער מַשְׁגִּיחַ הָאט

אִים גֶעוִויזְן אוֹיף אַ בָּחוּר אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג פַאר אִים, נָאכְן שִׁידוּךְ אִיז דֶער טַאטֶע גֶעקוּמֶען צוּם חָזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְרֶעגְן וָואס עֶר זָאל טוּן, וַוייל דִי כַּלָּה הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז אֵיין טָאג אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן חָתָן אַיינְקוֹיפְן פַאר דִי חֲתוּנָה אוּן וֶוען זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צִי עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה, צִי עֶר וִויל יֶעצְט דַאוֶוענֶען הָאט דֶער חָתָן גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צַייט", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל, וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁפֶּעט הָאט זִי אִים נָאכְאַמָאל גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִנְחָה?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעדַאוֶוענְט", זִי הָאט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז אַ לִיגְנְט, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אַ גַאנְצְן טָאג אוּן עֶר הָאט אִיר אַ גַאנְצְן צַייט גֶעזָאגְט שְׁפֶּעטֶער שְׁפֶּעטֶער אוּן יֶעצְט זָאגְט עֶר גָאר אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעדַאוֶוענְט... הָאט דֶער אִיד גֶעפְרֶעגְט דֶעם חָזוֹן אִישׁ וָואס עֶר זָאל טוּן, הָאט דֶער חָזוֹן אִישׁ גֶעהֵייסְן עֶר זָאל אָפְּלָאזְן דֶעם שִׁידוּךְ, וַוייל אַ בָּחוּר וָואס זָאגְט לִיגְנְט אוּן אִיז מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר וֶועט אִיר נָאךְ מַכְשִׁיל זַיין מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת פוּן כְּרִיתוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אוֹיךְ** דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף דִי מִידוֹת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוֹיף דֶעם וָואס מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען (פָּרָשַׁת הַקְּטֹרֶת; כְּרִיתוּת ו:): "אִם כְּמִדָּתָהּ - כְּשֵׁרָה לַחֲצָאִין", אִם כְּמִדָּתָהּ - אֵיינֶער וָואס הָאט גוּטֶע מִידוֹת, אִיז שׁוֹין אַ סִימָן, כְּשֵׁרָה - אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וַוייל מִידוֹת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען

קֶען זִיךְ נִישְׁט טוישְׁן אויף דֶער עֶלְטֶער. אַז מֶען הָאט גוּטֶע מִידוֹת וֶועט דָאס מַאכְן אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן בֶּעסֶער און בֶּעסֶער.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, וַיֵּשֶׁב): "יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁמַּעֲשֵׂיהֶם מְקֻלְקָלִים, רַק מַחֲמַת שֶׁיֵּשׁ בָּהֶם אֵיזֶה מִדָּה טוֹבָה מִצַּד הַטֶּבַע, דְּהַיְנוּ שֶׁהוּא לֵב טוֹב, גּוֹמֵל חֶסֶד, וְעוֹשֶׂה טוֹבוֹת עִם בְּנֵי אָדָם, זֶה מוֹעִיל לָהֶם שֶׁחוֹזְרִים לְמוּטָב", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֵיי טוּעֶן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן גוּטְס אִין זִיךְ; אַ גוּט הַארְץ, זֵיי טוּעֶן חֶסֶד פַּאר אַ צְווֵייטְן אִיד, דָאס הֶעלְפְט זֵיי צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און תְּשׁוּבָה טוּן. עֶר טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים כג, ו): "אַךְ טוֹב וָחֶסֶד יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי", 'אַךְ' אִיז אַ מִיעוּט, אַז מֶען הָאט אִין זִיךְ 'אַךְ טוֹב' - אַבִּיסְל גוּטְס, דָאס וֶועט הֶעלְפְן אַז 'יִרְדְּפוּנִי כָּל יְמֵי חַיָּי, וְשַׁבְתִּי בְּבֵית ה' לְאֹרֶךְ יָמִים'.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ מֵבִין דָבָר מִתּוֹךְ דָבָר וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וֶוען מֶען פְרֶעגְט זִיךְ נָאךְ בַּיי דִיר אויף אַ בָּחוּר פַּאר אַ שִׁידוּךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין זִיווּג און זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ צוּ הֶעלְפְן אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ.

# שלז

## קֶען מֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן חֲסִידִישׁ, אוּן נָאכְאַלְץ הַנָאָה הָאבְּן אִין לֶעבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵׁם יֶעדְן טָאג נָאר אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעגֶעבְּן מַיין סְמַארְטְפָאוֹן נָאר אַ דַאנְק אַ בְּאטֶע וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיים רֹאשׁ יְשִׁיבָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מֶען קֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן חֲסִידִישׁ אוּן נָאכְאַלְץ הַנָאָה הָאבְּן פוּנֶעם לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעמֵיינְט אַז אַ חֲסִידִישֶׁע לֶעבְּן אִיז נָאר אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז אוּן עֶס לָאזְט נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מַצְלִיחַ זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז (שִׁיר הַשִׁירִים רַבָּה ה, ג): "פִּתְחוּ לִי פֶּתַח כְּפִתְחוֹ שֶׁל מַחַט", עֶפְן מִיר אוֹיף אַ קְלֵיינֶע טִיר

אַזוֹי גְרוֹיס ווי דִי לָאךְ פוּן אַ נָאדְל, וַוייז מִיר אַז דוּ ווילְסְט זַיין גוּט, "וַאֲנִי אֶפְתַּח לָכֶם כְּפִתְחוֹ שֶׁל אוּלָם", וֶועל אִיךְ דִיר עֶפֶּענֶען אַ גְרוֹיסֶער טִיר, אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן זַיין גוּט; מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דַיין סְמַארְטְפָאוֹן הָאסְטוּ גֶעוִויזְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ ווילְסְט זַיין גוּט, דוּ ווילְסְט זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאגְלִיקְן מִיט אַלֶעם גוּטְס.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז נָאר דֶער וָואס גֵייט אוֹיפְ'ן וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה הָאט אַ גוּט לֶעבְּן, אָן דִי תּוֹרָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, מֶען הָאט נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט; עֶס אִיז אַ טָעוּת וָואס אַסַאךְ בְּנֵי הַנְּעוּרִים מַאכְן, זֵיי מֵיינֶען אַז אָן דִי תּוֹרָה הָאט מֶען דִי וֶועלְט אוּן דֶער עֶרְלִיכֶע אִיד הָאט נָאר יֶענֶע וֶועלְט; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, דֶער וָואס גֵייט נִישְׁט מִיט דִי תּוֹרָה הָאט נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט אוּן מִיט דִי תּוֹרָה, מִיט אַ צַדִיק, הָאט מֶען בֵּיידֶע וֶועלְטְן.

**פַארְוָואס** זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן אַז אַ חֲסִידִישֶׁע לֶעבְּן הָאט מִיט נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, כְּאִילוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן?! אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט אִין עֲבֵירוֹת אִין פְּגַם הַבְּרִית - דֶער אִיז נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, בַּיי אִים אִיז אַלֶעם אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן טוּנְקְל.

**קוּק** וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רמט) וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן

דֶער װֶערְט אַ נֶערְוֶועזֶער מֶענְטְש און יֶעדֶער לַיידְט פוּן אִים, װייל דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט אַריין אִינֶעם מֶענְטְש אַ שְׁטַארְקֶע מְרִירוּת און מֶען װערְט זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, און רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט, אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה, אַ אִיד הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז זַיין בַּאלֶעבָּאס שְׁלָאגְט אִים, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוֹיב דֶער רֶבִּי קֶען רֶעדְן צוּ אִים; װען יֶענֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "אִיךְ הָאבּ אַ קַשְׁיָא, אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר מִיר דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְן? עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן עֵר וְאוֹנָן (בְּרֵאשִׁית לח, ז) 'וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'', פַארְוָואס שְׁטֵייט 'רַע' בְּעֵינֵי ה' - עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין 'רָשָׁע' בְּעֵינֵי ה'? אִיךְ װֶעל דִיר עֶנְטְפֶערְן - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - װייל װער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן עֵר וְאוֹנָן, עֶר אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, װֶערְט אַ 'רַע', - אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְש'; אַלֶע נֶערְוְון קוּמֶען פוּן עֲבֵירוֹת, עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְש אַ נֶערְוֶועזְקֵייט.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפד): "בְּהַחֹטֶם יְכוֹלִים לְהַכִּיר הַנּוֹאֵף", מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ נוֹאֵף דוּרְךְ זַיין נָאז; מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף כַּעַס. אֵיינֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג נֶערְוֶועז אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ נוֹאֵף. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ װיסְן אַז נֶערְוֶועזְקֵייט און כַּעַס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן; פַארְקֶערְט, דָאס אִיז דֶער סִימָן צוּ װיסְן װער עֶס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶער וָואס הִיט זִיךְ נִישְׁט פוּן עֲבֵירוֹת, עֶר הִיט נִישְׁט זַיינֶע

אויגן, ער קוקט אַלע עֶקלדיגע שְׁמוּציגע אויסגעלאַסענע מָאוּוים - דער ווערט אַ נערוועזער אָנגעצויגענער מענטש.

**זָאלסט** זיך וויטער דרייען בַּיי ערליבע אידן 'תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' בְּרֶסְלֶב'ער חֲסִידִים וָואס פָאלגן דעם רבי'ן; זיי לעבן מיט'ן אייבערשטן, זיי זענען שטענדיג פְרייליך און אויפגעלייגט און רעדן שיין צו די ווייב און קינדער, דָאס וועט מַשְׁפִּיעַ זיין אויף דיר אַז דו וועסט אויך אָנהייבן לעבן מיט'ן אייבערשטן און זיין פְרייליך און צופרידן.

**דער** אייבערשטער זָאל העלפן זָאלסט מַצְלִיחַ זיין אין אַלע דיינע וועגן.

## שלח

### איך זיץ אין אַ יְשִׁיבָה אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און איך גיי אויס פַאר לַיידיגְגֵיין, וָואס טוּ איך?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלע דְרָשׁוֹת, חִיזּוּק און נִיגוּנִים וָואס זענען מיר זייער מְחַיֶּה.

איך בין אַ בָּחוּר פון אַמעריקע וָואס לערנט - דָאס מיינט איך זיץ - אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און איך ווער מַמָּשׁ מְשׁוּגָע פַאר לַיידיגְגֵיין. אין די יְשִׁיבָה וואו איך בין איז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם הַשְׁגָחָה און קַיין שׁוּם מִסְגֶּרֶת, וָואס פַּאסירט איז אַז אֲפִילוּ אין אַ גוּטער טָאג ווען איך בין מַצְלִיחַ צו לערנען

אַבִּיסל, בְּלַייבְּט מִיר אָבֶּער אִיבֶּער רוֹב טָאג וָואס גֵייט אַוֶועק מִיט נַארִישְׁקֵייטְן און אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע דֶערְפוּן.

אִיךְ קוּם פוּן אַ בַּעַל הַבַּיִת'שֶׁער שְׁטוּב, מֶען שְׁרֵייט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ בִּין נַארִישׁ אַז אִיךְ פָּאר נִישְׁט אַרוּם אִיבֶּערָאל צוּ הַאקְן אַ לֶעבְּן, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן.

אִיךְ וָואלְט גֶעהַאט חֵשֶׁק צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן אִין אַ נָארְמַאלֶע דְזָשַׁאבּ און לֶערְנֶען צוּפְרִי און בַּיינַאכְט, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶעמָאלְט וָואלְט אִיךְ גֶעהֶערִיג אוֹיסְגֶענוּצְט דֶעם טָאג און מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס נִישְׁט מֶעגְלִיךְ וַוייל דִי סִיסְטֶעם אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי און עֶס קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ מוּז בְּלַייבְּן זִיצְן אִין יְשִׁיבָה און מְשׁוּגָע וֶוערְן מִיט'ן לֵיידִיגְן טָאג.

מַיין וֶוייטָאג אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר גְרוֹיס און אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט הָאבְּן אַן עֵצָה פַאר מִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וְוִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶרְגֶערֶע זַאךְ וִוי גֵיין לֵיידִיג, אַלֶע עֲבֵירוֹת קוּמֶען פוּן גֵיין לֵיידִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי זִמָּה", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וְלִידֵי שִׁעֲמוּם", און אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס צוּ דֶעפְּרֶעסְיֶע; נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז

גֶעמַאכְט צוּ לֶערְנֶען אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען אַ בָּחוּר אָדֶער אִינְגֶערְמַאן גֵייט לֵיידִיג דַארְף עֶר זֶען צוּ לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים צוּפְרִי אוּן בַּיינַאכְט אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן דוּרְכ'ן טָאג אָנְצוּפִילְן זַיינֶע טֶעג.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט תַּלְמִידִים דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; דִי גַאנְצֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מִיר פִירְן דִי יְשִׁיבָה הָאט מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה, אַז אוֹיבּ אַ בָּחוּר גֵייט לֵיידִיג זָאל עֶר עֶנְדֶערְשׁ גֵיין אַרְבֶּעטְן (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַן עֶרְלִיכֶע אַרְבֶּעט); עֶר זָאל קוּמֶען אִינְדֶערְפְרִי אָדֶער נָאכְמִיטָאג צוּ אַ שִׁיעוּר, דִי אִיבְּרִיגֶע שָׁעוֹת זָאל עֶר זַיין בַּאשֶׁעפְטִיגְט, וַוייל פוּן גֵיין לֵיידִיג קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס.

**דֶערִיבֶּער** אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ זִיצְט לֵיידִיג אוּן דוּ וֶוערְסְט מְשׁוּגָע פוּן לֵיידִיגְגֵיין - זָאלְסְטוּ שׁוֹין אַהֵיים קוּמֶען, וַוייל אַז דוּ וֶועסְט דָארְט בְּלַייבְּן וֶועסְטוּ אַרַיין פַאלְן אִין אַ טִיפֶע דֶעפְּרֶעסְיֶע וָואס מֶען קֶען זִיךְ מוּטְשֶׁען אוּן זִיךְ אָפְּלַיידְן דֶערְפוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ הֶעלְפְן דַיין מַאמֶע, אָדֶער גֵיין הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע בַּיי זַיין אַרְבֶּעט ווִי אֵיידֶער צוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעבְּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִיאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן י'):

"אִישׁ בָּטֵל שֶׁאֵין עוֹסֵק בְּשׁוּם עֵסֶק, עַל יְדֵי זֶה תַּאֲוָותוֹ מְרֻבָּה וְכוּ', וּמְדַבֵּר דִּבְרֵי טִנּוּף תָּמִיד", וֶוער עֶס גֵייט לֵיידִיג,

ער טוט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, זֶענֶען זַיינֶע תַּאֲוות זֵייעֶר גְרוֹיס וְכוּ' און עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג שְׁמוּצִיג; דָאס זֶעט מֶען לֵיידֶער בַּיי בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען און גֵייעֶן לֵיידִיג. זֵיי ווָאלְטְן גֶערְן גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן מוֹרָא וָואס מֶענְטְשְׁן ווֶעלְן זָאגְן וְכוּ', מִמֵילָא זִיצְן זֵיי אִין כּוֹלֵל און טוּעֶן גָארְנִישְׁט.

**וֶזעגן** עֶלְטֶערְן ווָאלְטְן גֶעווָאוּסְט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים ווֶען מֶען שִׁיקְט זֵיי בִּכְלַל אִין אַ דָארְמִיטָארִי ה' יְרַחֵם, וּבִפְרַט וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים וָואס מֶען שִׁיקְט לֶערְנֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און וָואס זֵיי טוּעֶן וְכוּ', - ווָאלְטְן זֵיי גֶעהַאלְטְן דֶעם קִינְד אִין שְׁטוּבּ! דֶער טַאטֶע ווָאלְט אִים מִיט גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ בַּיי דִי אַרְבֶּעט און דִי מַאמֶע ווָאלְט מִיט אִים גֶעקָאכְט און גֶעבַּאקְן וְכוּ' אַבִי אִים נִישְׁט צוּ שִׁיקְן אִין אַ דָארְמִיטָארִי און כָּל שֶׁכֵּן וְקַל וָחֹמֶר נִישְׁט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**עֶלְטֶערְן** ווֵייסְן נִישְׁט וָואס זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס טוּט זִיךְ אָפּ מִיט בָּחוּרִים וָואס פָארְן כִּלוֹמַר'שְׁט לֶערְנֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען ווֵייסְט נִישְׁט, מֶען זִינְגְט דֶעם נִיגוּן וָואס אַלֶע עֶלְטֶערְן זִינְגֶען: 'מַיין בָּחוּר טוּט זִיכֶער נִישְׁט דִי אַלֶע זַאכְן וָואס בָּחוּרִים טוּעֶן'.

**פָּאלְג** מִיר, מַאךְ שׁוֹין אַ טִיקֶעט און קוּם אַהֵיים. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, קֵיינֶער ווֶעט דִיר גָארְנִישְׁט טוּן;

װען דײנע עלטערן װעלן זען דײן שטארקײט אז דו מײנסט עס זײער ערנסט, װעלן זײ דאנקען דעם אײבערשטן אז זײ האבן א קינד װאס װיל זײן ערליך, זײ װעלן דיר מחזק זײן און העלפן אנפילן די צײט.

**א** שאד אז מען װיל זיך נישט אײנבײגן דעם קאפ פאר׳ן רבי׳ן; װען אלע װאלטן װען געלערנט אויפ׳ן סדר דרך הלימוד פון רבי׳ן (כמבואר בשיחות הר״ן, סימן עו), װאלט נישט געװען קײן אײן עם הארץ בײ כלל ישראל, יעדער װאלט געלערנט, קײנער װאלט נישט געהאט קײן פראבלעם פון צו סאך צײט, יעדע מינוט װאלט מען אויסגענוצט פאר נאך א פרק משניות.

**פרוביר** דאס אויס; נעם א משניות און הײב אן זאגן א פרק נאך א פרק, א מסכתא נאך א מסכתא, דו װעסט שפירן עפעס װאס דו האסט נאך קײנמאל נישט געשפירט; מען הײבט אן שפירן א טעם אין לעבן, עס הײבט אן ציען דעם מענטש צו נאך און נאך תורה. משניות האט אין זיך א כח אז עס דרײדט איבער דעם מענטש מקצה אל הקצה.

**אפילו** אין אנהײב װעסטו נישט פארשטײן װאס דו לערנסט, דאך זאלסטו װײטער לערנען אן פארשטײן; זאג די הײליגע װערטער פון די תורה, דאס װעט דיר אויסרײניגן פון אלע דײנע שלעכטס. טראכט נישט אז דער סדר דרך הלימוד איז נישט פאר דיר, עס איז נאר פאר שװאכע וכו׳; פאלג דעם רבי׳ן, נעם הײנט א משניות און הײב אן מסכת

בְּרָכוֹת, גֵיי כְּסִדְרָן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אויפְ'ן קוֹל אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִיטְאַמָאל דִי פָּשׁוּט'עֶ טַייטְשׁ. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם גֵיי צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר, וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סֵדֶר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנַיוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ אויךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס. נֶעם אַ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא, הַיינְט זֶענֶען דָא גְמָרוֹת מְנֻקָדִים, אַז אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט קַיין עִבְרִי קֶען אויךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסִדְרָן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס.

וַוייז דֶעם בְּרִיווּ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

# שלט

## אויף וועלכע מדה זאל איך קודם אַרבעטן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך וויל אָנהויבן צו אַרבעטן אויף מיר, אויף שמירת עינים, שמירת הברית און אויף שמירת הדבור. איך שפּיר אַז איך וועל נישט קענען טון אַלעס אויף איין מאָל, וויל איך וויסן מיט וואס איך זאל קודם אָנהויבן.

אַ גרויסן יישר כח.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

איך האָב ערהאַלטן דיין בריוו.

שמירת עינים, שמירת הברית און שמירת הדבור זענען נישט דריי באַזונדערע זאַכן; זיך היטן די אויגן און זיך היטן פון רעדן ניבול פה - דאָס אַלעס איז שמירת הברית, איינס ברענגט דאָס צווייטע; אַז מען היט זיך נישט די אויגן פאַלט מען נאָכדעם אַראָפּ אין פּגם הברית רחמנא לצלן און נאָכדעם רעדט מען ניבול פה. אַז דו ווילסט אָנהייבן לעבן אַן ערליכע לעבן גייט דאָס אַלעס צוזאַמען; דער יסוד פון אַן ערליכער לעבן איז שמירת הברית, און מען קען נישט זיין אָפּגעהיטן בקדושת הברית נאָר אַז מען האָט הייליגע אויגן און אַ ריינע מויל.

זָאג נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן אַלֶעס אוֹיף אֵיינְמָאל, ווייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּקְט אִים אוֹיס אַז עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה; אוֹיב מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים ווִי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פַאר'ן מֶענְטְשׁ: "דוּ הָאסְט אַ בְּחִירָה"? עֶס אִיז דָאךְ אוּמְמֶעגְלִיךְ זִיךְ אָפְּצוּשֵׁיידְן פוּן אַ גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן! הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי): "עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי עִנְיָן פוּן בְּחִירָה; אוֹיב מֶען ווִיל טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט"; שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְפֶערְט, ווייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, זֵיי פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא 'ווִי אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ אַ בְּחִירָה, וֶוען אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּשֵׁיידְן פוּן מַיין גֶעוואוֹינְהֵייט וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן?' דֶערְפַאר מֵיינֶען זֵיי אַז עֶס אִיז טַאקֶע אוּמְמֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים".

לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דַיין יֵצֶר הָרָע. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר ווייסְט אַז עֶס אִיז (יְשַׁעְיָה ו, ג): "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים,

בַּיי אִים און גֶעבְּן אִים - וֶועט עֶר זִיךְ הִיטְן דִי אוֹיגְן, און אַז מֶען הָאט רֵיינֶע אוֹיגְן, מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט קוּקְן - וֶוערְט מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן פְּגַם הַבְּרִית און אַזוֹי הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם דִיבּוּר.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף דִי קְלִיפָּה וָואס אִיז מַכְשִׁיל דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## שמ

### וָואס טוּ אִיךְ אַז דָאס פָארְן אוֹיף אוּמַאן קֶען זַיין שְׁוֶוער פַאר מַיין ווַייבּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב און אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת און שִׁיעוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט אוֹיף מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער רוֹשֶׁם

און מִיךְ צוּגֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַ שְׁטַארְקֶע שִׁינּוּי לְטוֹבָה, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם יֶעצְט גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל.

אִיךְ ווִיל שׁוֹין מַאכְן אַ טִיקֶעט אוֹיף אוּמַאן, מַיין ווַייבּ אִיז אָבֶּער נֶערְוֶועז ווַייל זִי דַארְף הָאבְּן וְכוּ' אַ וָואךְ פַּאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוֹיבּ וֶועל אִיךְ אָבֶּער ווַארְטְן בִּיז דֶעמָאלְט, וֶועט עֶס קָאסְטְן פִּיל טַייעֶרְער. אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ מַאכְן אַ טִיקֶעט שְׁטִילֶערְהֵייט אָן דֶעם וָואס זִי זָאל אֲפִילוּ ווִיסְן דֶערְפוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** אַז דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ 'אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב' - זֶעט מֶען שׁוֹין פוּן דַיין שְׁאֵלָה; זֶעט אוֹיס אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת שָׁלוֹם בַּיִת. ווַייל אַז מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מֶען אַ רֵיינֶע קָאפּ, און אוֹיבּ אִיז פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט קֵיין שָׁלוֹם בַּיִת - דַאן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער; מֶען אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת. דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דִי ווַייבּ און אִיר הַאלְטְן חָשׁוּב און טֵייעֶר (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד).

**דֶער** רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַזוֹי ווַייט, אַז אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעצְן בַּיים

טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "ווי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת?!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ. וָוען דֶער אִינְגֶערְמַאן - אוֹיף וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ בַּאצוֹיגְן - הָאט גֶעזֶען ווי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר צוּ וֵויינֶען אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן אַז דָאס גֵייט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיטְ'ן זָאגְן תּוֹרָה.

**וָואס** אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? מוֹהֲרַא"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ; אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ אִיז מֶען נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אַז** דַיין וַוייבּ וַוארְט וְכוּ' אוּן זִי דַארְף הָאבְּן וְכוּ' אַ וָואךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוֹיפְן יֶעצְט אַ טִיקֶעט אֲפִילוּ עֶס אִיז בִּילִיגֶער, וַוייל אֶפְשָׁר וֶועסְטוּ נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען דָאס יָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֶפְשָׁר וֶועט

זִיךְ דָאס אַריין שְׁלֶעפְּן וְכוּ׳; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ צוּ וַוארְטְן אוּן דֶערמָאלְט זָאלְסְטוּ זֶען צִי עֶס אִיז שַׁיָיךְ בִּכְלָל אַז דוּ זָאלְסְט קוּמֶען. אַזוֹי וִוי שַׁבָּת אַז מֶען דַארְף הָאבְּן וְכוּ׳ אִיז דִי הֲלָכָה אַז דֶער מַאן מֶעג מִיט גֵיין וְכוּ׳ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא בַּיי דֶעם קַיין חִלּוּל שַׁבָּת, ווייל דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן פִּקּוּחַ נֶפֶשׁ וָואס אִיז דוֹחֶה שַׁבָּת, אַזוֹי אִיז אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז עֶס דוֹחֶה דָאס פָארְן קַיין אוּמַאן.

**וָואס** דַאֲגָה׳עֶסְטוּ יֶעצְט אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? דוּ הָאסְט נָאךְ אַסַאךְ צַייט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מִיט תְּפִלָּה קֶענְסְטוּ נָאךְ זַיין הַיי יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; זַיי מִתְפַּלֵל אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב אוּן אַז דוּ זָאלְסְט נָאךְ קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן.

**פָּאלְג** מִיר, גֵיי נִישְׁט אוּנְטֶערְן רוּקְן פוּן דַיין וַוייבּ; זַיי נִישְׁט קַיין אוֹיבֶּער חָכָם אוּן טוּ נִישְׁט קַיין ווילְדֶע זַאכְן וָואס וֶועט גוֹרֵם זַיין נָאכְדֶעם אַז דוּ וֶועסְט אַלֶעס אָפְּלָאזְן, פוּן רִבּוּי אוֹר וֶוערְט נָאכְדֶעם שְׁבִירַת הַכֵּלִים וְכוּ׳. קוֹיף אַ טִיקֶעט נָאר אוֹיבּ דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים, אוּן אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט זָאלְסְטוּ טוּן מִיט אִיר צוּזַאמֶען. פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה דַארְף מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט פְרֶעגְן וָואס, וֶוען אוּן וואוּ, אָבֶּער אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז דִי לֶעבְּן ווִי אַ שׁוּתְּפוּת; נִישְׁט דָא קַיין סוֹדוֹת אוּן נִישְׁטָא קַיין אוֹיסְשְׁפִּילְן; דִי אַלֶע וָואס שְׁפִּילְן אוֹיס דִי וַוייבּ בְּלַייבְּן נָאכְדֶעם אַלֵיינְס אוֹיסְגֶעשְׁפִּילְט.

עֲצָתוֹ שמא אֱמוּנָה שלה

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דַיין הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן זָאל זַיין מִיט אַן אֱמֶת, אוּן אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

## שמא

**ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב, וֶוען מַיין מַאן פָארְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵויס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֵייט יֶעצְט אָנְהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ קְרַאנְק וֶוען אִיךְ טְרַאכְט נָאר אַז מַיין מַאן גֵייט מִיר אִיבֶּערְלָאזְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין אוֹיף יוֹם טוֹב, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קְרוֹבִים אָדֶער חַבֵרְ'טֶעס וָואס זֵייעֶרֶע מֶענֶער פָארְן אוֹיף אוּמַאן. בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה פַארְוָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַהִינְגֵיין; מַיין מַאמֶע הִיט לֵיידֶער נִישְׁט קַיין שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב אוּן מַיין טַאטֶע יָא, אִיר קֶענְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט פָאר בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין שְׁטוּבּ בַּיי אַ יוֹם טוֹב'דִיגֶע סְעוּדָה. בִּיז יֶעצְט בִּין אִיךְ סַיי ווִי אַהִינְגֶעגַאנְגֶען, אָבֶּער יֶעצְט אַז מַיין קִינְד אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין, קֶען אִיךְ אִים נִישְׁט צוּלָאזְן דָאס מִיטְצוּהַאלְטְן. אִיז מַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע בְּרֵירָה צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס אַז דָאס וֶועט מִיר נִישְׁט זַיין קַיין שִׂמְחַת יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאףּ אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּרִיק הַאלְטְן מַיין מַאן פוּן פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וּוַאוֹיל** אִיז אַייךְ אַז אִיר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אִיר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן; אִיר טוּט זֵייעֶר גוּט אַז אִיר הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן גֵיין צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אַז אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט זֶען ווִי דִי בַּאבֶּע הִיט נִישְׁט קַיין שַׁבָּת.

**בְּנוֹגֵעַ** אַז אִיר ווִילְט נִישְׁט בְּלַייבְּן אַלֵיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ'; עֶרְשְׁטְנְס דַארְפְט אִיר נִישְׁט בְּלַייבְּן אַלֵיין, עֶס אִיז דָא נָאךְ פְרוֹיעֶן וָואס וָואלְטְן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ הָאבְּן נָאךְ אַ פְרוֹי מִיט זִיךְ דוּרְכְאוֹיס רֹאשׁ הַשָּׁנָה (אִיר קֶענְט זִיךְ פַארְבִּינְדְן אִין אָפִּיס פוּן דִי קְהִלָּה, מֶען וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן מִיט דֶעם פְּרָט).

**צְוֵוייטְנְס** דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת"; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, דֶערִיבֶּער זֶעט צוּ מִתְפַּלֵל זַיין אַז אַייעֶר מַאמֶע תִּחְיֶ' זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אִיר

אַ רוּחַ טָהֳרָה זי זָאל זיך צוּריק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; פוּן יֶעצְט בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְט אִיר מִתְפַּלֵּל זַיין אַז זי זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וֶועט אִיר קֶענֶען גֵיין מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ אִיר.

דְרִיטְנְס וִויל אִיךְ אַייךְ פְרֶעגְן, וֶוען עֶס וָואלְט גֶעוַוארְט אוֹיף אַייעֶר מַאן אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט חַס וְשָׁלוֹם, וָואלְט עֶר זִיכֶער אַרוּם גֶעלָאפְן צוּ דִי גְרֶעסְטֶע לוֹיעֶרְס בֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן עֶפֶּעס טוּן פַאר אִים, זֵיי זָאלְן אִים רַאטֶעוֶוען, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף גָארְנִישְׁט אִין דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט וָואלְט אִים גֶעקֶענְט אָפְּהַאלְטְן פוּן פָארְן צוּם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר אוּן אִיר וָואלְט אִים זִיכֶער גֶעזָאגְט: "פָאר וואוּ דוּ ווילְסְט, צוּ וֶועם דוּ ווילְסְט, אַבִּי דוּ זָאלְסְט זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען", וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיב עֶס וָואלְט גֶעוַוארְט אוֹיף אִים טוֹיט שְׁטְרָאף רַחֲמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט וָואלְט דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ גֶעטוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ אַייךְ, עֶס וַוארְט אוֹיף אוּנְז אַלֶע אַ גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אוּנְז אַלֶע מִשְׁפָּטְ'ן; מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען: "מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם וְכוּ' וְכוּ'"; אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדִיעֶס וָואס מֶען הֶערְט אַ גַאנְץ יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - אַלֶעס וֶוערְט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן; יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן ה' יְרַחֵם, אַלֶע שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער הַשֵּׁם

יְרַחֵם; אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן זַיין, עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "שֶׁעוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן פַארְעֶנְטְפֶערְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר כַאפְּט זַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ אוּן לוֹיפְט זִיךְ רַאטֶעוֶועֶן.

**דֶערִיבֶּער** דַארְפְט אִיר זִיךְ פְרֵייעֶן אַז אַייעֶר מַאן פָארְט פוּעֵל'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים רֶבִּי'ן אַ גוּט יָאר; עֶר וֶועט אַייךְ אַהֵיים בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶע אַייעֶרֶע עִנְיָנִים.

**מִיט** תְּפִלָּה וֶועט אִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַייעֶר מַאמֶע'ן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; תְּפִלָּה אִיז זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע זַאךְ, אוּן וָואס מֶען קֶען פוּעֵל'ן מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דוּרְךְ קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג.

**אִיר** זָאלְט הָאבְּן אַ גֶעזוּנְטְן זוּמֶער.

## שמב

### אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִסְיוֹנוֹת, מֶעג דֶען זַיין אַ מְלַמֵּד?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיווֹ[יח] וָואס אִיר עֶנְטְפֶּערְט פַאר אַ מְלַמֵּד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועֶרע נִסְיוֹנוֹת אוּן עֶר הָאט מוֹרָא צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, אִיר עֶנְטְפֶערְט אִים אַז עֶר זָאל וַוייטֶער בְּלַייבְּן בַּיי דִי מְלוּמְדוּת. דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, וֶועלְכֶע עֶלְטֶערְן וָואלְטְן דֶען גֶעוָואלְט שִׁיקְן זֵייעֶרע קִינְדֶער צוּ אַ מְלַמֵּד וָואס פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אֶפְשָׁר** הָאסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דִי שְׁאֵלָה וָואס יֶענֶער מְלַמֵּד שְׁרַייבְּט; דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אַ קְרַאנְקֶער מֶענְטְשׁ, וָואס נֶעמְט קִינְדֶער אוּן טוּט מִיט זֵיי עֲבֵירוֹת. אַזַא אֵיינֶער - נִישְׁט נָאר עֶר טָאר נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵּד, עֶר טָאר בִּכְלָל נִישְׁט זַיין אוֹיף דֶער פְרֵיי; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לָאקֶערְט אוֹיף קִינְדֶער וְכוּ' דַארְף מֶען מְסַרֵם זַיין אוּן אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה אוּן דָארְט זָאל עֶר אוֹיסְגֵיין.

יח. אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שכד.

אויף דֶעם אִיז נִשְׁט דָא קַיין שׁוּם רַחְמָנוּת, פַארְקֶערְט, אויף דֶעם זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מִדְרָשׁ שְׁמוּאֵל יח, ד): "כָּל שֶׁהוּא רַחֲמָן עַל אַכְזָרִים, לַסּוֹף נַעֲשֶׂה אַכְזָר עַל רַחְמָנִים", וֶוער עֶס הָאט רַחְמָנוּת אויף אַכְזָרִים וֶועט צוּם סוֹף וֶוערְן אַן אַכְזָר אויף וֶועם מֶען דַארְף רַחְמָנוּת הָאבְּן; וַוייל דִי קִינְדֶער וָואס פַאלְן אַ קָרְבָּן פַאר דִי מְנֻוָּלִים וֶוערְן בַּעֲלֵי מוּמִין אויף אַ גַאנְץ לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דָא** רֶעדְט מֶען פוּן אַ מְלַמֵד וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַלֵיינְס מִיט זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן וֶוער מוּטְשֶׁעט זִיךְ נִישְׁט... שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כ, ט): "מִי יֹאמַר זִכִּיתִי לִבִּי, טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי", וֶוער קֶען זָאגְן אַז עֶר אִיז רֵיין פוּן עֲבֵירוֹת? אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן לט): "וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל"; אַלֶע דַארְפְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן.

**אִיז** דָאס אַלֵיינְס אַז עֶר פְרֶעגְט אוּן ווִיל זַיין גוּט - וַוייזְט אַז עֶר קֶען זַיין אַ מְלַמֵד. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה בַּיים רֶבִּי'ן, אַז אַ שׁוֹחֵט אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ זַיין אַ שׁוֹחֵט", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ שׁוֹחֵט, דֶער וָואס צִיטֶערְט נִישְׁט?!"

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נָתָן; עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אַז מֶען טְרָאגְט אִים אָן אַ רַבָּנוּת שְׁטֶעלֶע, אָבֶּער עֶר הָאט מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר וֶועט עֶר פַּסְקְ'נֶען נִישְׁט וִוי מֶען דַארְף, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ: "וֶוער דֶען זָאל זַיין אַ רָב, דֶער וָואס הָאט נִישְׁט מוֹרָא?!"

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען נֶעמֶען מְלַמְדִים וָואס הָאבְּן רֵיינֶע הַשְׁקָפוֹת, זֵיי גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי גְלֵייבְּן אִין יֶעדֶעם וָוארְט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז אוּן גְלֵייבְּן אִין צַדִיקִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת; אַז מֶען זֶעט אַ מְלַמֵד מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזַא אֵיינֶער אִיז סַם הַמָוֶת פַאר קִינְדֶער, וַוייל עֶר קֶען זֵיי פַאר'סַמְ'עֶן רַחֲמָנָא לִצְלָן אוֹיף אֵייבִּיג.

**אַזוֹי** אוֹיךְ אַ מְלַמֵד וָואס אִיז אַ כַּעֲסָן אָדֶער עֶר אִיז אַ מְכַנֶּה שֵׁם לַחֲבֵירוֹ - טָאר נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, וַוייל עֶר קֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן אָפְּ'הַרְגְ'עֶנֶען גַאנְצֶע דוֹרוֹת מִיטְ'ן שְׁפֶּעטְן פוּן אַ קִינְד, אָדֶער מִיטְ'ן גֶעבְּן אַ צוּנָאמֶען פַאר אַ קִינְד, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נח:): "הַמְכַנֶּה שֵׁם לַחֲבֵירוֹ אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", וֶוער עֶס גֶעבְּט אַ צוּנָאמֶען פַאר אַ צְוֵוייטְן וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק אִין עוֹלָם הַבָּא; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז דֶער מְלַמֵד אִיז אַ כַּעֲסָן אוּן הֵייבְּט הֶענְט, קֶען עֶר דָאךְ שֶׁעדִיגְן דֶעם קִינְד בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**אַז** מֶען ווִיל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע מְלַמְדִים דַארְף מֶען טוּן דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת דֶרֶךְ, חֵלֶק ב', סִימָן א): "עַל יְדֵי וִדוּי דְבָרִים גוֹרְמִין שֶׁהַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְדֵי תִינוֹקוֹת שֶׁלוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה", אַז מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע מְלַמְדִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן גוּטֶע מְלַמְדִים פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת, אָמֵן.

# שמג

**ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְתַקֵן זַיין דִי עֲבֵירָה פוּן חִלוּל שַׁבָּת?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַאר אַ צַייט אָפְּשְׁנִיט פוּן אֵיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר הָאבּ אִיךְ מְחַלֵּל שַׁבָּת גֶעוֶוען בְּמֵזִיד רַחֲמָנָא לִיצְלָן, מִתּוֹךְ רוּחַ שְׁטוּת. לֶעצְטְנְס פִיל אִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גוּט, אוֹיךְ מַיין פַּרְנָסָה גֵייט מִיר נִישְׁט. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דָאס אִיז וֶועגְן חִלּוּל שַׁבָּת אוּן אִיךְ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דָאס מְתַקֵן זַיין.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט מַיין שִׁיעוּר אִין הִלְכוֹת שַׁבָּת, אָבֶער אִיךְ מֵיין אַז דָאס אִיז נִישְׁט גֶענוּג, דִי גַאנְצֶע צַייט זָאג אִיךְ זִיךְ אַלֵיין דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת לא, יד): "מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת", אוּן אִיךְ וֶוער נָאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקְן.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן דָאס צוּ מְתַקֵן זַיין?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת לא, יד): "מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת", וֶוער עֶס אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיינֶערְן; אָבֶער דָאס אִיז נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוֹיבּ אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן עֶר בַּאקוּמְט נִישְׁט דֶעם עוֹנֶשׁ.**

דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְוֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג אוּן סַיי בְּמֵזִיד; וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַודֶה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם פִּירְט אוֹיס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַודֶה צוּ זַיין פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

וְזִיסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקּוֹתַי), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחֲמָנוּת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה מֶעקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיינֶע זִינְד. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נָאר אִינֶעם זִינְד, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּשׁוּבָה גְלֵייבְּט עֶר נִישְׁט אַז עֶר קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן. אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען אוֹיף אַלֶעם תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין, שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וַוארְט אַז מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:): "אָמַר רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן, כָּל הַמְשַׁמֵּר שַׁבָּת כְּהִלְכָתָהּ, אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה כְּדוֹר אֱנוֹשׁ - מוֹחֲלִין לוֹ", וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ עֶר אִיז זֵייעֶר זִינְדִיג אוּן עֶר הָאט גֶעדִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי גְרוֹיס דִי שְׂכַר אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר הִיט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

**אַז** דוּ וֶועסְט הִיטְן שַׁבָּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, אוֹיךְ וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת שַׁבָּת, חֵלֶק ב', סִימָן א): "הַשַּׁבָּת נוֹתֶנֶת חַיִּים גַּשְׁמִיִּים גַּם כֵּן", אַז מֶען הִיט שַׁבָּת בַּאקוּמְט מֶען לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק אָנְהֵייבְּן הִיטְן שַׁבָּת, וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבַבָּא.

# שדמ

## איז טאקע דער "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד", פָּשׁוּט צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אָן פַארְשְׁטֵיין?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַייךְ אִיבֶּער דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן זָאגְן תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס נָאכְגֶעקוּקְט אִין דִי פּוֹסְקִים הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען אִיז נִישְׁט יוֹצֵא לִימוּד הַתּוֹרָה אָן פַארְשְׁטֵיין בַּיי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, נָאר בַּיי תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב. אִיךְ קֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין אַז צַדִיקִים קֶענֶען זָאגְן אוּן מַכְרִיעַ זַיין אַנְדֶערְשׁ ווִי עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נָאכְגֶעקוּקְט אִינֶעווֵייניג אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו) הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען פוּן דָארְט אַז מֶען דַארְף יָא פַארְשְׁטֵיין כָאטְשׁ דִי פְּשׁוּטֶ'ע פֵּירוּשׁ הַמִילוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט דָארְט דֶעם לָשׁוֹן: "רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ"; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ הֶסְבֵּר אוֹיף דֶעם אוּן אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען עֶרְקְלֶערְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עד): "יֵשׁ דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, וְיֵשׁ דִּבּוּר בְּדֵעָה", כְּדֵי מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט דַארְף מֶען קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, "וּשְׁנֵי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הֵן

בְּחִינַת 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא וְשִׂמְחַת תּוֹרָה'', ווייל פַאר מֶען קוּמְט אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט - וָואס דָאס אִיז 'שִׂמְחַת תּוֹרָה' - דַארְף מֶען אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם שְׁטַאפְּל פוּן 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא'. "כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא' הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דּוֹמָה לִשְׂפָתַיִם", עֲרָבוֹת זֶעט אוֹיס ווי דִי לִיפְּן, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז קוֹדֶם דַארְף מֶען נוּצְן דִי לִיפְּן, מֶען דַארְף אַסַאךְ זָאגְן דִי ווֶערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דָארְט אַרָאפּ דֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (קְדוֹשִׁים פה:): "וּמַאן דְּתִיאוּבְתֵּיהּ לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא", ווער עֶס ווִיל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "וְלָא אַשְׁכַּח מַאן דְּיוֹלִיף לֵיהּ", אוּן עֶר הָאט נִישְׁט ווער עֶס זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהוּא בִּרְחִימוּתָא דְּאוֹרַיְיתָא, לָעֵי בָּהּ, וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגּוּמָא דְּלָא יָדַע", אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶר הָאט לִיבּ צוּ לֶערְנֶען, לֶערְנְט עֶר אָן פַארְשְׁטֵיין, "כָּל מִלָּה וּמִלָּה סַלְּקָא", זָאל עֶר ווִיסְן אַז יֶעדֶעס ווָארְט תּוֹרָה וָואס עֶר לֶערְנְט אָן פַארְשְׁטֵיין גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַהִיא מִלָּה", אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דֶעם. "וְקַבִּיל לָהּ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי ווֶערְטֶער, "וְנָטַע לָהּ סָחֲרָנֵיהּ דְּהַהוּא נַחֲלָא", אוּן עֶר פְלַאנְצְט אַיין דִי ווֶערְטֶער אוֹיבְן אִין הִימְל אַרוּם אַ טַייךְ, "וְאִתְעֲבִידוּ מֵאִלֵּין מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין", אוּן עֶס ווֶערְט פוּן דִי ווֶערְטֶער גְרוֹיסֶע בֵּיימֶער, "וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל", וָואס מֶען רוּפְט זֵיי אָן 'עֲרָבוֹת', "הֲדָא הוּא דִכְתִיב (מִשְׁלֵי ה, יט): 'בְּאַהֲבָתָהּ תִּשְׁגֶּה תָמִיד'"; דָאס אִיז דֶער ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען.

**קֵיינֶער** קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם אַז דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט, אָבֶער דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לֶערְנֶען נִישְׁט צוּלִיב דֶעם. וַוייל אִין אָנְהֵייבּ, וֶוען זֵיי הֵייבְּן אָן לֶערְנֶען פַארְשְׁטֵייעֶן זֵיי נִישְׁט וָואס זֵיי לֶערְנֶען, דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי מְיוּאָשׁ אוּן לָאזְן אִינְגַאנְצְן אָפּ דָאס לֶערְנֶען, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד", אַ גְרִינְגֶע זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**עֶס** אִיז כְּדֵי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ, רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בְּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בְּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי פַּשְׁטוּת הַפְּשָׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בִּתְחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאכְדֶעם בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד - לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", און בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן און מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיין פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" און אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; און אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט און דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם

פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מְמֵילָא יָבִין וְכוּ'", ווייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטֵייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶעם וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט

זיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מֶדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה [שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח], שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּן שָׁם.

**דֶער** דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז אַ דֶרֶךְ הַלִימוּד פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל - פוּנֶעם שְׁוַואכְסְטְן קָאפּ בִּיזְ'ן טִיפְסְטְן קָאפּ; דֶער וָואס פַארְשְׁטֵייט לֶערְנֶען, פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי: "רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ. וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן פַאר דֶעם וָואס וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, נִיטְאַמָאל דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת, פַאר אִים זָאגְט דֶער רֶבִּי: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", דֶער רֶבִּי וויל אֵיין זַאךְ: 'מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען וויל בֶּעסֶער לֶערְנֶען'.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ וֶועסְט אַוֶועק לֵייגְן אַלֶע דַיינֶע חָכְמוֹת אוּן אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מְטַיֵּיל זַיין בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אָנְגֶעפִילְטֶע טֶעג; יֶעדְן טָאג וֶועט דִיר זַיין אָנְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה, אוּן צוּם סוֹף וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין נָאךְ מֶער ווי דִי וָואס לַאבְּן אָפּ פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וְכוּ'.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרָא"שׁ, אוֹת יג): "וּכְשֶׁתַּגִיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תִּיוָכְחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ זַ"ל", וָוען אִיר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן דִי וָוארְהַייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד; "וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתִרְגְשׁוּ כָּל מִינֵי טַעֲמִים בְּחַיֵּיכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוֹינְט אַייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, "כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחְנִי", ווייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת, "אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַר הַלִימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרֵךְ", וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקַר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# שמה

## ווִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר פוּן "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ"?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן מִיט אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיַן פוּן "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ"[יט], וְוִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר? אוּן וִוי וַוייט גֵייט עֶס אַז מֶען דַארְף זִיךְ הֵיילִיגְן?

אִיךְ וֶועל זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר זַיין אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִין בְּרֶסְלֶב אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן מִטּוּלְטְשִׁין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר בֵּאוּר הַלִּקּוּטִים), **עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ; עֶר פַאר זִיךְ אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ מֻבְדָּל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, מִיט דֶעם אַלֶעם, וֶוען מֶען פְלֶעגְט אִים בֶּעטְן הַדְרָכוֹת בִּדְבָרִים שֶׁל בֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ', פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "קִינְדֶערְלֶעךְ,**

---

יט. זֶע אִיבֶּערְדֶעם אִין עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א, מִכְתָּב ס וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶעם חֵלֶק מִכְתָּב רעט, זֶע אוֹיךְ וַוייטֶער אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שנה.

הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת"; דָאס הֵייסְט מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין הִלְכוֹת טָהֳרָה, מֶען זָאל חַזֶר'ן הִלְכוֹת נִדָּה צוּ וִויסְן נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן אִין קַיין שׁוּם הֲלָכָה, אָבֶּער וֶוען מֶען מֶעג, מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ', אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט.

**וְזִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז מִיר לֶעבְּן הַיינְט אִין אַ דוֹר פוּן הֶפְקֵרוּת אוּן פְּרִיצוּת, דִי גַאס אִיז אוֹיסְגֶעלַאסְן מִיט דִי עֶקְלְדִיגְסְטֶע אוֹיסְגֶעלַאסְנְסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מֶען זָאל נִישְׁט דוּרךְ פַאלְן מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶּער אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה - דָאס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן פוּן עֲבֵירוֹת, וַוייל אַז מֶען הָאט 'פַּת בְּסַלּוֹ', מֶען הָאט אַ וַוייבּ - דַאן זוּכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת (יוֹמָא יח:).

**וָואס** טוּט דֶער יֵצֶר הָרָע? עֶר ווִיל דָאךְ אַרָאפּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ; אִיז עֶר זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ אִין מִצְוֹת אוּן רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט אִין שְׁטוּבּ וְכוּ', אַזוֹי וֶועט עֶר גֵיין זוּכְן שְׁמוּץ.

**דָאס** זָאלְסְטוּ גוּט וִויסְן: "פְּרִישׁוּת אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָבָר"; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט חֲתוּנָה הִיט אִים זַיין וַוייבּ אָפּ פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דִי אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט צוּ זַיין אַ פָּרוּשׁ - דָאס אִיז מַעֲשֶׂה בַּעַל דָבָר אִים אַרַיין צוּ כַאפְּן אִין אַ פַּאסְטְקֶע אוּן אִים מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, וָואס טוּט מֶען מִיט דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ הַקְדוֹשִׁים זָאגְן (יְבָמוֹת כ.): "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמּוּתָּר

לָךְ"? אַדְרַבָּה, דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל זִיךְ הֵיילִיגְן אוּן זִיךְ 'נִישְׁט' אָפְּשֵׁיידְן, אַזוֹי וֶועט מֶען זַיין הֵיילִיג אוּן נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת יוֹם הַכִּפּוּרִים, הֲלָכָה א, אוֹת א): "וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז פָּגוּם בִּבְרִית".

**דֶערְפַאר** הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן; דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט בָּחוּרִים קוּמֶען צוּ אִים, אוֹיב אַ בָּחוּר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים אוּן קוּם צוּרִיק צוּ מִיר מִיט אַ טַלִּית", דָאס מֵיינְט וֶוען דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן - וָואס דֶעמָאלְט טוּט מֶען אָן אַ טַלִּית - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר.

**נָאר** אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס אִיז עֶרְגֶער פוּנֶעם דוֹר הַמַּבּוּל - אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ זַיין הֵיילִיג, נָאר אַז מֶען לֶעבְּט מִיט אַ וַוייבּ אָן קַיין פְּרִישׁוּת. אַז מֶען לֶעבְּט אִין שְׁטוּבּ אָן פְּרִישׁוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע מֹחַ מַחֲשָׁבָה אוּן מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, מַה שֶּׁאֵין כֵּן אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ פּוֹרֵשׁ וְכוּ' - קֶען מֶען אַרָאפְּפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם בְּרִיוו הַנְהָגוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ מַאֲרִיךְ צוּ זַיין אִין דֶעם עִנְיָן וְכוּ', אָבֶּער אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען, דָאס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע, וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן פְלֶעגְט זָאגְן:

"קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת", וֶוען מֶען מֶעג - מֶעג מֶען אַלֶעס וְכוּ' אוּן וֶוען מֶען טָאר נִישְׁט - טָאר מֶען גָארְנִישְׁט וְכוּ'.

**אַנְטְלוֹיף** פוּן דִי אַלֶע פַאלְשֶׁע מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס פַאר חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת חוּמְרוֹת, וַוייל אַלֶע וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת אִיז דָאס נָאר וַוייל מֶען הָאט זֵיי גֶעלֶערְנְט דִי פַאלְשֶׁע לִימוּדִים פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ', דֶערְפַאר גֵייעֶן זֵיי זוּכְן שְׁמוּץ.

**אַ** שָׁאד אַז מֶען לֶערְנְט דָאס נִישְׁט מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת; אַנְשְׁטָאט צוּ לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת דִי הֲלָכוֹת אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', לֶערְנְט מֶען מִיט זֵיי אַלֶע סָארְט דִמְיוֹנוֹת, שְׁטוּתִים אוּן נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת וָואס דָאס אִיז גוֹרֵם אַזוֹיפִיל גִיטִין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שמו

### וָואס אִיז דֶער סֵדֶר פוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְּרוּי פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַסַאךְ פוּן אַייךְ אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז נָאר דָאס אִיז דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ אָבֶער אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ וֵויים נִישְׁט

ווי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין אַ סֵפֶר דִי גַאנְצֶע סֵדֶר פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, קוֹדֶם דַאנְקֶען, נָאכְדֶעם אַ תְּפִלָּה אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת, תְּפִלָּה אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ און עֵת רָצוֹן; דָאס פַארְשְׁוֶוערְט מִיר זֵייעֶר דָאס מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט טוּן דֶעם גַאנְצְן סֵדֶר, אִיךְ שְׁפִּיר אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז פָּשׁוּט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן הַארְץ אַרוֹיס.

וויל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶס וֶוערְט אוֹיךְ גֶערֶעכְנְט פַאר הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען מֶען רֶעדְט זִיךְ פָּשׁוּט אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, אָדֶער נָאר וֶוען מֶען טוּט דֶעם גַאנְצְן סֵדֶר אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אִין יֶענֶעם סֵפֶר.

אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער סֵדֶר הַאלְט מִיר צוּרִיק פוּן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי אִיר ווִילְט; קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נָאר רֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי ווִי אִיר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע חַבְרְ'טֶע, קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם און הֶערְט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם, רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס שַׁיינְט אַייךְ. דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּאהָאפְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַ נָאנְטֶע חַבֵר.**

וָזעֶן רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָן'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וְוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְּרֵיינְט"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז אוֹיב עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וָוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער 'אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וְוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְּרֵיינְט', הָאב אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל

אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַאַרְלִירְן, נָאר אִיךְ וֶועל גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן״.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, יֶעדְן טָאג רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אוֹיב מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם אִין גַן עֵדֶן, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים; עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר! אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶעפְּרֶעסְט, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן מַיין דֶעפְּרֶעשְׁן, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער צוּ גָארְנִישְׁט, אִיךְ וִויל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, גֶעבּ מִיר פְּרִישֶׁע כּוֹחוֹת אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז

איך גיי זַיין וואויל, איך גיי מֶער נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, איך גיי מֶער נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁמוּץ, איך הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס איך הָאבּ גֶעטוּן, איך בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן; קוּק צוּ מַיין צַעַר אוּן פַּיין, זָאל דָאס זַיין אַ כַּפָּרָה אוֹיף אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

# שמז

**איך בֶּעט אַזוֹי סאך וֶועגְן מַיינֶע אַלֶערְדְזְשִׁיס, וואוּ גֵייעֶן אַלֶע תְּפִלּוֹת?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

איך בִּין אַלֶערְדְזְשִׁיק צוּ מִילְכִיגְס אוּן איך בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז איך זָאל שׁוֹין קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס, איך שְׁפִּיר אָבֶּער ווי מַיינֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן צוּ דִי לוּפְט, עֶס רוּקְט זִיך גָארְנִישְׁט. איך הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן איך זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט מִיר יָא אוֹיס.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן
לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**טז** וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס אוּן דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְטְס', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּטְס', אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ גוּטֶע לֶעבְּן".

גֶעוואוֹין זִיךְ צוּ צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר; דַאנְק אִים אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַאנְק אִים אַז דוּ קֶענְסְט עֶסְן פְלֵיישׁ אוּן פִישׁ; וִויפִיל מֶענְטְשְׁן לִיגְן נֶעבֶּעךְ אִין שְׁפִּיטָאל אוּן קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן נָאר דוּרְךְ אִינְטֶערְוִוינֶעס - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן פוּן דֶעם, אַז דוּ וֶועסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְן פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְטְס אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס דַאנְקְט מִיר אוּן לוֹיבְּט מִיר, לָאמִיר אִים גֶעבְּן נָאךְ גוּטְס".

**אַ** אִיד טָאר נִישְׁט זָאגְן: "מַיינֶע תְּפִלּוֹת גֵייעֶן צוּ דִי לוּפְט"; קַיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט לְאִבּוּד, נָאר יֶעדֶע תְּפִלָּה גֵייט

אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב): "וְיֵשׁ מֵעַמֵּנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁטּוֹעִים, חַס וְשָׁלוֹם, בְּלִבָּם, שֶׁכָּל הַתְּפִילּוֹת הֵם לָרִיק", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אוּן מֵיינֶען אַז אַלֶע תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט גֵייט צוּ דִי לוּפְט, "אֲבָל בֶּאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, אֶלָּא סַלְקִינָן וַאֲפִינָן וּבַשְׁלִינָן, הַיְנוּ כָּל הַתְּפִילּוֹת סַלְקִינָן וְעוֹלִין", עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר אַלֶע תְּפִילוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אוֹיבְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דוּ בֶּעטְ וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס, אוּן אַנְשְׁטָאט נָאר בֶּעטְן, זָאלְסְטוּ קוֹדֶם דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט יָא עֶסְן - וֶועסְטוּ זֶען ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ דַאנְק דִיר אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ לִיבּ דִיר אַז אִיךְ קֶען עֶסְן גֶעזוּנְטֶע עֶסְן. יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין שְׁפִּיטָאל בַּאהָאפְטְן צוּ אִינְטֶערְוְוינֶעס; מַיין לֶעבְּן אִיז מִיר אַזוֹי גוּט, וויפִיל אִיךְ וֶועל דִיר דַאנְקֶען וֶועל אִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אָנְהֵייבְּן דִיר צוּ דַאנְקֶען אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר; דוּ בִּיסְט אַזוֹי גוּט צוּ מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר אַזוֹי לִיבּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶסְן אַלֶע סָארְט עֶסְן, אִיךְ זָאל אוֹיךְ קֶענֶען עֶסְן מִילְכִיגְס אוּן עֶס זָאל נִישְׁט שָׁאטְן פַאר מַיין גֶעזוּנְט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וַוייז מִיר אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס מַיינֶע תְּפִילוֹת,

בַּאוַוייז זִיךְ פַאר מִיר, אִיךְ וִויל שְׁפִּירְן וִוי מַיינֶע תְּפִילוֹת ווערן אָנְגֶענוּמֶען", אַזוֹי זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ וֶועסְט זֶען דַיין יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אִיךְ וַוארְט דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין עֶסְן מִילְכִיגְס[ב].

צִיטִירְט אַ חֵלֶק פוּן אַ בְּרִיוו אִין קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה-פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ תשע"ט"; אִישׁ אֱמוּנוֹת, עָמוּד טו:

**אַז מְ'דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ יְשׁוּעוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, ג' סִיוָן, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין עֶסְן מִילְכִיגְס; דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן בְּעֶרֶךְ אַ יָאר צוּרִיק אַ בְּרִיוו אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט עֶסְן מִילְכִיגְס אוּן יֶעצְט זֶעסְטוּ אַז וֶוען מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט אוֹיף וָואס מֶען הָאט יָא דֶעמָאלְט הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן מֶען בַּאקוּמְט יְשׁוּעוֹת.

ב. זֶע אִיבֶּער דֶעם צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו.

# שמח

## אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זִיךְ נִישְׁט מִיט מַיין מַאן, וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען מַאכְן שָׁלוֹם אִין שְׁטוּב?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מַיין מַאן פַאר זֶעקְס יָאר צוּרִיק, מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ קִינְד פוּן אַרוּם צְוֵויי יָאר אַלְט אוּיף וֶועמֶען מִיר הָאבְּן גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעלֶעבְּט מִיט מַיין מַאן זֵייעֶר גוּט אִין דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן, בִּיז וֶוען לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ עֶס גֶעטוּישְׁט, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַסַאךְ קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן אוּנְז. דָאס אִיז סְתָם אַזוֹי אַ גְרוֹיסֶער פְּרָאבְּלֶעם אוּן נָאךְ מֶער אַז דָאס קִינְד דַארְף זִיךְ צוּקוּקְן צוּ דֶעם.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט, מַיין מַאן הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס גֶעהֶערִיג, אִיךְ קֶען צוּמָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן עֶר הֶערְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג, עֶר טַעֲנָה'עֶט אַז אִיךְ מַאךְ אִים קָאפּ וֵויי וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים.

לְמַעֲשֶׂה בְּרֶעכְט אוֹיס זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שְׁרֵייעֶרַייעֶן אוּן קְרִיגֶערַייעֶן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב; אַסַאךְ מָאל אִיז עֶס מַמָּשׁ פַאר נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אַסַאךְ מָאל וַוייל עֶר הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ מִיר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ מַאכְן צוּרִיק שָׁלוֹם בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב, אַז מַיין מַאן זָאל מִיךְ אוֹיסְהֶערְן אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן וֶוען עֶר הֶערְט מִיר נִישְׁט אוֹיס, נָאר אִיךְ זָאל אִים קְלָאר מַסְבִּיר זַיין וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר אוּן וָואס עֶר טוּט נִישְׁט גוּט? עֶר פַארְשְׁטֵייט בִּכְלַל נִישְׁט וָואס עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וְוִיסְן** זָאלְט אִיר אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט לִיבּ קֵיין קְרִיטִיק - בִּפְרָט קְרִיטִיק פוּן דִי אֵייגֶענֶע וַוייבּ; אַז אִיר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, אִיר וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען קוּקְט אִין וַואסֶער זֶעט מֶען זִיךְ - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט זֶעט מֶען אַ שְׁמֵייכְל, אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹיעֶר זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע בִּילְד; אַזוֹי אִיז אַ מֶענְטְשׁ צוּם חָבֵר - וֶוען מֶען שְׁמֵייכְלְט שְׁמֵייכְלְט יֶענֶער צוּרִיק, אוּן וֶוען מֶען אִיז שְׁלֶעכְט, אִיז יֶענֶער שְׁלֶעכְט צוּרִיק צוּ דִיר. גֶעדֶענְקְט, דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי וִוי אַ 'שְׁפִּיגֶעלֶע', אוֹיבּ מֶען שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ 'שְׁפִּיגְל', זֶעט מֶען וִוי אֵיינֶער שְׁמֵייכְלְט צוּרִיק אוּן אוֹיבּ מֶען וַוייזְט אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים צוּם 'שְׁפִּיגְל', זֶעט מֶען אַ זוֹיעֶרֶע פָּנִים.

**דִי** נַאטוּר פוּן אַ מַאן אִיז אַז עֶר הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס; עֶר הָאט נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען שְׁרֵייט אוֹיף אִים אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַרַיין. דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ אַייעֶר מַאן מִיט אַ וֵוייכֶע קוֹל, נִישְׁט מִיט אַ נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן גֶערֶעגְטְקֵייט, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי טו, א): "מַעֲנֶה רַךְ, יָשִׁיב

חֵמָה", אֵיינֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין אוּן אֵיידְל נֶעמְט אַוֶועק צָארְן; אַז אִיר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן וֶועט אִיר גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן, עֶר וֶועט נִישְׁט צוּהֶערְן וָואס אִיר זָאגְט, עֶר וֶועט זִיךְ נָאר אוֹיפְרֶעגְן אוּן צוּרִיק שְׁרֵייעֶן, אוּן עֶס קֶען נָאךְ גֵיין וַוייטֶער, אַז עֶר וֶועט אָנְהֵייבְּן שֶׁעלְטְן אָדֶער גָאר הֵייבְּן הֶענְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה יז, יז): "אָדָם נִבְרָא מֵאֲדָמָה, וְכֵיוָן שֶׁאַתָּה נוֹתֵן עָלֶיהָ טִפָּה שֶׁל מַיִם מִיָּד הִיא נִשְׁרֵית", אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן עֶרְד, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער מַאן אַזוֹי וִוי עֶרְד; אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען גִיסְט וַואסֶער אוֹיף עֶרְד וֶוערְט עֶס וֵוייךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, וֶוען מֶען גִיסְט גוּטֶע וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן מַאן, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִים, מֶען קוּקְט אִים אַרוֹיף, וֶוערְט עֶר וֵוייךְ אוּן מֶען קֶען בַּיי אִים אַלֶעם פּוּעֵלְ'ן.

וֶוען אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, בֶּעטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מִיט אַייעֶר מַאן זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין; בְּלַייבְּט שְׁטֵיין בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט, נֶעמְט נִישְׁט אַרָאפּ אַייעֶרֶע הֶענְט פוּן פָּנִים אוּן בֶּעטְס:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן, הֶעלְף אַז מִיר זָאלְן זִיךְ פַארְשְׁטֵיין אוּן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵויטְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מַיין מַאן, אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים אוּן אִיךְ זָאל אִים נִישְׁט וֵויי טוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער,

הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן זָאל מִיךְ אוֹיסְהֶערְן וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ אִים, מַיין מַאן זָאל מִיר וַוייזְן אַז עֶר הָאט מִיךְ לִיבּ, עֶר זָאל וַוייזְן אִינְטֶערעסֶע אִין מִיר אוּן עֶר זָאל מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער! אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּרִיק צוּ מַיינֶע יָארְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אַזוֹי גְלִיקְלִיךְ, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט לֶעצְטְנְס, מִיר הַאלְטְן זִיךְ אִין אֵיין קְרִיגְן, הֶעלְף מִיר טַאטֶע זִיסֶער עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אוּנְז".

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן בְּלוֹיז אַפָּאר וֶוערְטֶער וָואס צוּ בֶּעטְן, אָבֶּער דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר אַלֵיינְס בֶּעטְן וָואס לִיגְט אַייךְ אָנְגֶעלֵייגְט אוֹיפְ׳ן הַארְץ, וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן אַזוֹי וִוי נָאךְ עֶנְקֶער חֲתוּנָה - אוּן נָאךְ בֶּעסֶער.

אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל: אַז אִיר וֶועט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אַייעֶר מַאן וֶועט דִי מַצָב נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן, אָבֶּער אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים וֶועט עֶר לִיבּ הָאבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן.

# שמט

## מֶעג מֶען טוּישְׁן דֶעם לְבוּשׁ אִינְדֶערְהֵיים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייבּ גֵייט בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר צְנִיעוּת'דִיג אוֹיפְ'ן גַאס, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה דֶערְפוּן אַז זִי אִיז נִישְׁט מַכְשִׁיל קֵיין פְרֶעמְדֶע מֶענֶער. אִיךְ ווִיל נָאר ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג פַארְלַאנְגֶען אַז זִי זָאל טוּישְׁן אִיר לְבוּשׁ אִינְדֶערְהֵיים?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶעבְּסְט בְּשָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ, שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה רוּט אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.). אוּן אַז מֶען אִיז בְּשָׁלוֹם אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס אִיז פַארְקֶערְט, מֶען קְרִיגְט זִיךְ - דֶעמָאלְט פַארְטְרַייבְּט מֶען דִי שְׁכִינָה, אוּן אַנְשְׁטָאט דִי שְׁכִינָה קוּמְט דֶער שָׂטָן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ שֶׁעצְט דַיין וַוייבּ מִיט דֶעם וָואס זִי גֵייט אָנְגֶעטוּן בִּצְנִיעוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַז אַ פְרוֹי גֵייט אָנְגֶעטוּן צְנִיעוּת'דִיג וֶועט זִי זוֹכָה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; וֶוער וִויל דֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער? עֶס כַּאפְּט אַ שְׁרֶעק וָואס גֵייט פָּאר אִין אוּנְזֶער דוֹר, וְוִיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, וְוִיפִיל בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אַוֶועק טָאג טֶעגְלִיךְ; דָא גֶעבְּט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נִישְׁט בְּלוֹיז אַן עֵצָה נָאר אוֹיךְ אַן הַבְטָחָה: "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", דַארְפְן מִיר זִיךְ דָאךְ צוּכַאפְּן צוּ דֶעם אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן שֶׁעפְּן נַחַת פוּן זֵיי.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (מַעֲשִׂיוֹת בְּסוֹף סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִיק וָואס הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן גֶעזֶען וִוי עֶס שְׁטֵייט אַ טָאפּ מִיט שְׁטִיקֶער פְלֵייש אוּן בֵּיינֶער, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז פוּן אַ פְרוֹי וָואס פְלֶעגְט גֵיין אָנְגֶעטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת'דִיג אוּן זִי פְלֶעגְט אָנְרֵייצְן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּ קוּקְן אוֹיף אִיר, דָאס אִיז אִיר שְׁטְרָאף, אַז זִי וֶוערְט יֶעדְן טָאג אוֹיפְגֶעקָאכְט אִין בְּרִיעֶדִיגֶע וַואסֶער".

**עֶס** זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס מַאכְן מְשׁוּגָע זֵייעֶרֶע וַוייבֶער זִיךְ צוּ טוּישְׁן זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע לְבוּשׁ; זֵיי דְרֵייעֶן אַרָאפּ

דֶעם קָאפּ פַאר דִי וַוייבּ זִי זָאל זִיךְ אָנְטוּן אוֹיפְ'ן גַאס מֶער פְּרָאסְט אוּן מֶער אוֹיפְפַאלְנְד. אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיין וַוייבּ אִיז אֵיידְל אוּן טֵייעֶר, עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן זוּכְט זִיךְ צָרוֹת פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד.

**אִין** שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אַהֶער פַארְ'ן מַאן וְכוּ', מֶען דַארְף נָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ צֶעמִישְׁן דִי קִינְדֶער וְכוּ', אָבֶּער אִין גַאס אִיז צְנִיעוּת אַ מַעֲלָה נִישְׁט קַיין קְנָס; אֵיידְלְקֵייט אוּן בַּאשֵׁיידְנְקֵייט אִיז אַ מַעֲלָה, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; עֶס זָאל מְקוּיָם װֶערְן בַּיי דִיר דִי בְּרָכָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא וַיִּשְׁלַח, ו): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים קכח, ג): "אֶשְׁתְּךָ כְּגֶפֶן פּוֹרִיָּה" - װֶוען אִיז אַ פְרוֹי װִי אַ װַיינְשְׁטָאק, זִי אִיז זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער? װֶוען זִי אִיז "בְּיַרְכְּתֵי בֵיתֶךָ"; װֶוען זִי פִירְט זִיךְ אֵיידְל אוּן גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, דֶעמָאלְט װֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ דִי בְּרָכָה פוּן "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים", זִי װֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן קִינְדֶער וָואס װֶועלְן גֶעזַאלְבְּט װֶוערְן מִיטְ'ן שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה.

# שנ

## וָואס טוט אִיךְ אַז בַּיי מַיין חֲסִידוּת אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פָאהְרְן קַיין אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט פַאר אוּנְז, דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק וָואס הֶעלְפְן אַזוֹיפִיל אַרוֹיס אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ ... חָסִיד, אוּן בַּיי אוּנְזֶער חֲסִידוּת אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִּיל יָא צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ אוּן מֹחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווַייטֶער מְקָרֵב צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז דוּ זָאלְסְט בַּאהַאלְטְן דַיין הִתְקָרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים; ווִילַאנְג דַיין ווַייבּ תִּחְיֶ' אִיז מִיט דִיר, זִי אִיז מַסְכִּים זָאלְסְט פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זֶע אִיךְ נִישְׁט וָואס דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז.

**אַז** דוּ וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט רֵייצְן וְכוּ' וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט בִּכְלַל גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן; דִי ... חֲסִידוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס הַיינְט, מִיט אַסַאךְ בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּן מֶען קֶען נִישְׁט הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן וֶוער עֶס דַאוֶוענְט דָא אוּן וֶוער עֶס דַאוֶוענְט דָארְט. רֶעד נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם פוּן בְּרֶסְלֶב, רֵייץ דִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם - וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן וואוּ דוּ בִּיסְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד וָואס זַיין שְׁוֶוער הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים עֶר זָאל נִישְׁט פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר יָא גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְאוֹיס יוֹם טוֹב, הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל וואוּ אִיךְ בִּין דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע אַפֶּעַראַצְיֶע", אַזוֹי הָאט אִים דֶער שְׁוֶוער אָפְּגֶעלָאזְט.

**וֶוען** מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן זָאגְן לִיגְנְט, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אֱמֶת, סִימָן ב): "מֻתָּר לְשַׁנּוֹת בִּדְבַר הַשָּׁלוֹם", מֶען מֶעג מְשַׁנֶה זַיין זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן מַחֲלֹקֶת; צְווֵייטְנְס, אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל; אִיךְ בִּין גֶעפָארְן צוּם גְרֶעסְטְן שְׁפִּיטָאל אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס פַארְמָאגְט דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער. דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְזֶער דָאקְטֶער, עֶר הֵיילְט אוּנְז אַלֶע אוֹיס.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג - פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס, דֶעם לֶעצְטְן טָאג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קֶענִיג וָואס הָאט

פַארְכַאפְּט אַ בַּת מַלְכָּה, שְׁפֶּעטֶער אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַנְטְלָאפְן פוּנֶעם קֶענִיג, דֶער קֶענִיג הָאט אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער מֶען זָאל אִיר זוּכְן וואו זִי אִיז, הָאט מֶען אִיר גֶעטְרָאפְן זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיי אַ שְׁלָאס פוּן וַואסֶער. אִיז דֶער קֶענִיג גֶעגַאנְגֶען צוּם וַואסֶערִיגְן פֶּעסְטוּנְג מִיט זַיין מִילִיטֶער אִיר כַאפְּן, וֶוען דִי בַּת מַלְכָּה הָאט גֶעזֶען דֶעם מֶלֶךְ הָאַכְזָר הָאט זִי גֶעטְרַאכְט 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ אַרַיין לוֹיפְן אִינֶעם שְׁלָאס פוּן וַואסֶער, עֶנְדֶערְשׁ זָאל אִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען וֶוערְן ווִי אֵיידֶער אָנְצוּקוּמֶען צוּם מֶלֶךְ הָאַכְזָר'. וֶוען דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען ווִי זִי לוֹיפְט אַרַיין אִין דִי וַואסֶערְדִיגֶע פַּאלַאץ הָאט דֶער קֶענִיג גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אִיר שִׁיסְן מִיט אַלֶע סָארְט פַייְלְן וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשְׁמִירְט מִיט אַלֶע סָארְט סַמ'עֶן, אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַרָאפּ גֶעפַאלְן חַלָשׁוּת, הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

דֶער מֶלֶךְ הָאַכְזָר - דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס זוּכְט צוּ פַארְכַאפְּן דִי בַּת מַלְכָּה וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ אִידִישֶׁע נְשָׁמָה; עֶר אִיז מַכְשִׁיל אַ מֶענְטְשׁ מִיט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט חַלָשׁוּת, עֶר וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ אוּן גֶעבְּט אוֹיף. קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "אוּן אִיךְ הֵייל זִי", דֶער רֶבִּי הָאט אַזֶעלְכֶע לִימוּדִים וָואס קֶען אוֹיסְהֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען יֶעדְן אֵיינֶעם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

הָאט דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר אֵיידֶעם אוֹיסְגֶעפִירְט: "קוּמְט אוֹיס אַז דֶער רֶבִּי אִיז מַיין דָאקְטֶער, אוּן אוּמַאן אִיז מַיין שְׁפִּיטָאל וואו אִיךְ הֵייל זִיךְ".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאלְסְטוּ טוּן; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם אוּן רֶעג נִישְׁט אוֹיף דַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ'. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען אַז דַיין פָּארְן זָאל זַיין מִיט דִי הַסְכָּמָה פוּן דַיין וַוייבּ; אַז דַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים דוּ זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם דוּ זָאלְסְט קוּמֶען. אוֹיבּ דַיין וַוייבּ שְׁטֶעלְט אַן אוֹיפְשְׁטַאנְד דַאן אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל אָן אַ וַוייבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ אִיז מֶען ווִי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת, וַוייל דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה; אַז מַאן אוּן וַוייבּ לֶעבְּן בְּאַהֲבָה אִין שְׁטוּב נָאר דֶעמָאלְט קֶען מֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס אִין דֶעם אִיז תָּלוּי דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה וָואס וֶועט זַיין בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

# שנא

## מֶען רוֹדְפְט מַיינֶע קִינְדֶער אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וואוּ אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט און אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, אִיךְ לֶעבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ הֶערְלִיךְ לֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶערָאטֶעוֶע קִינְדֶער און אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן הֶערְלִיכֶע שִׁידוּכִים מִיט זֵיי. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם בְּרֵייט פַּרְנָסָה און אַלֶעס גֵייט מִיר זֵייעֶר גוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

לֶעצְטְנְס הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט אַן אִינְצִידֶענְט און דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז דִי מֶענְטְשְׁן אִין מַיין גֶעגְנְט הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ רוֹדְפְ'ן, דָאס וָואלְט מִיר נִישְׁט אַזוֹי גֶעשְׁטֶערְט, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַז עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ וַוייטֶער; מֶען הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוֹדְפְ'ן מַיינֶע קִינְדֶער, סֵיי דִי אִינְגְלֶעךְ און סֵיי דִי מֵיידְלֶעךְ, אִין חֵדֶר און אִין שׁוּלֶע.

דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, זֵיי דֶערְצֵיילְן ווִי מֶען רוֹדְפְ'ט זֵיי און מֶען פַּיינִיגְט זֵיי אוֹיס און דָאס מַאכְט מִיר גֶעפֶערְלִיכֶע צַעַר. אִיךְ און מַיין וַוייבּ מַאכְן נַאס דֶעם קִישְׁן יֶעדֶע נַאכְט.

לֵיידֶער אִיז נִישְׁטָא מִיט וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, נִישְׁטָא קַיין הַנְהָלָה אָדֶער רַבָּנִים וָואס זָאלְן זִיךְ צוּהֶערְן צוּ אוּנְזֶער וֵוייטָאג; וָואס זֶענֶען שׁוּלְדִיג מַיינֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער, אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי אַזוֹיפִיל און מֶען גֶעבְּט זֵיי צוּנֶעמֶען, און אַזוֹי וַוייטֶער...

בִּיטֶע הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מַיין מִשְׁפָּחָה וָואס גֵייט מַמָּשׁ צוּגְרִינְד, און גֶעבְּט אוּנְז אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** וֵויין וֶוען אִיךְ לֵיין דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בִּין דָאס אַרִיבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶבֹ'עֶ יְשִׁיבָה; פַאר צֶען יָאר צוּרִיק הָאט מֶען דָאס גֶעטוּן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. מֶען הָאט זֵיי גֶעטְשֶׁעפֶּעט אוּן פַארְשֶׁעמְט, מֶען אִיז זֵיי נָאכְגֶעלָאפְן אִין דִי גַאסְן, דִי שְׁכֵנִים וְכוּ' הָאבְּן זֵיי נָאכְגֶעשְׁרִיגְן מִיט אַלֶע מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער אוֹיף זֵייעֶר טַאטֶע, דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, נָאךְ מֶער פוּן אַלֶעס.

**פְּרוּבִיר** צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, דֶערְצֵייל זֵיי וָואס מֶען טוּט מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי וֶועלְן אַוַדאי אָנְזָאגְן דִי תַּלְמִידִים אַז מֶען טָאר נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְווייטְן אִיד. אוֹיבּ זֵיי וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג מַאכְן, זֵיי וֶועלְן זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ רוֹדְפְ'ן דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְסְטוּ אַרוֹיס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַזַא פְּלַאץ; אוֹיבּ אַ מְלַמֵד אִיז מְחַנֵךְ זַיינֶע תַּלְמִידִים מִיט רִשְׁעוּת, צוּ טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, וֶועלְן אַלֶע קִינְדֶער בַּיים סוֹף אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה.

**אִיךְ** וֵוייס נִישְׁט וואוּ דוּ גֶעהֶערְסְט, צוּ וֶועלְכֶע חֲסִידוּת וְכוּ'; אִיךְ וִויל דִיר דֶערְצֵיילְן אַז דָא אִיז דָא אַ גֶעגְנְט וְכוּ' וואוּ מֶען הָאט פַאר דְרַייסִיג יָאר צוּרִיק מְחַנֵךְ גֶעוֶוען קִינְדֶער צוּ שְׁפֵּייעֶן אוֹיף קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע מוֹסָד, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי מֵיידְלֶעךְ אַז וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ

מֵיידְל וָואס גֵייט אִין דִי אַנְדֶערֶע שׁוּלֶע זָאל מֶען צִיעֶן אִירֶע הָאר אוּן שְׁרֵייעֶן מִיאוּס'עֶ וֶוערְטֶער. רוֹב פוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע הָאבְּן נֶעבֶעךְ יֶענֶעם חַיִים טוֹבִים.

**דֶערְזַיייל** לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אַ שְׁטַארְקֵייט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן קֵיינֶעם; אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁלָאגְט זֵיי, זָאלְן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן מַכּוֹת רֶצַח, זֵיי זָאלְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם. זָאג זֵיי אָן אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף זֵיי: "נְקָמָה", וַוייל מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי קִינְדֶער (סַנְהֶדְרִין עב.): "הַבָּא לְהָרְגָךְ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ", דָאס הֵייסְט "סֶעלְף דִיפֶענְס" - וָואס אִיז נִישְׁט נְקָמָה; נְקָמָה מֵיינְט אַז אֵיינֶער הָאט מִיר שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן טָאר אִיךְ אִים נִישְׁט צוּרִיק טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶער אַז אֵיינֶער וִויל מִיר שְׁלָאגְן אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה זִיךְ צוּ לָאזְן שְׁלָאגְן.

**עֶס** אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם הֶיתֵּר צוּ טְשֶׁעפֶּען קִינְדֶער וֶועגְן דִי עֶלְטֶערְן; וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעעֶפְנְט דִי חֵדֶר "תּוֹרָה וְיִרְאָה", הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַרַיין נֶעמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע וֶועם אִימֶער; וֶוען עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הִיטְן נִישְׁט קַיין שַׁבָּת, אוּן זֵיי ווילְן נִישְׁט אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען צוּזַאמֶען מִיט זֵיי, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אִיר ווילְט - נֶעמְט אַרוֹיס אַייעֶר קִינְד"... אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט

אַז עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס פַארְמָאגְן טֶעלֶעוִויזְשְׁן אִין שְׁטוּב, אוֹיף דִי אַלֶע טַעֲנוֹת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "מִיט דִי צַייט וֶועלְן דִי קִינְדֶער מַשְׁפִּיעַ זַיין אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן"; עֶר הָאט בְּשׁוּם אֵין אוֹפֶן נִישְׁט גֶעלָאזְט מֶען זָאל אַרוֹיס וַוארְפְן אַ קִינְד וֶועגְן דִי עֶלְטֶערְן.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, צוּם מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת - אַז מֶען טוּט וֶויי דַיינֶע קִינְדֶער; אֶפְשָׁר אִיז עֶס נִישְׁט מַמָּשׁ וִוי דוּ זָאגְסְט, אֶפְשָׁר זוּכְן דַיינֶע קִינְדֶער צוּ טְשֶׁעפֶּען מִיט אַנְדֶערֶע, זֵיי מְבַרֵר וָואס גֵייט פָּאר, אוּן אוֹיבּ אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי וִוי דוּ זָאגְסְט, זָאלְסְטוּ שׁוֹין אַרוֹיס נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אַזַא פְּלַאץ וָואס וֶועט סֵיי וִוי צֶעפַאלְן.

דִי הַנְהָלַת הַמּוֹסָד אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל צוּם הֵיילִיגְן סַאטְמַאר רֶבִּי זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט אוּן דִי מוֹסָד הַאלְט זִיךְ בַּיים פַּארְמַאכְן, הָאט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֵיי גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אַ מוֹסָד מַאכְט זִיךְ נִישְׁט צוּ אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, אַ מוֹסָד מַאכְט זִיךְ צוּ צוּלִיבּ מַחֲלוֹקֶת"; קִינְדֶער טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן אִין קַיין מַחֲלוֹקֶת, קִינְדֶער וָואס הֶערְן רֶעדְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיד וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט, מַחֲלוֹקֶת אִיז נִישְׁט גוּט פַאר קֵיינֶעם, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קַיין גוּטְס פַאר קֵיינֶעם, סְפֶּעצִיעֶל פַאר קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן שִׁיקְן דֶעם גוֹאֵל צֶדֶק וָואס זָאל מַאכְן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אוּנְז,

אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (מַלְאָכִי ג): "הִנֵּה אָנֹכִי שׁוֹלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וגו' וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם", און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דַרְשְׁ'נֶען אויף דֶעם (עֵדֻיּוֹת, ח): "אֵין אֵלִיָּהוּ בָּא לֹא לְרַחֵק וְלֹא לְקָרֵב, אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם", אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא וֶועט קוּמֶען נָאר צוּ מַאכְן שָׁלוֹם אויף דִי וֶועלְט; אָמֵן.

# שנב

## אַז אִיךְ בַּאקוּם גֶעלְט פוּן כּוֹלֵל, הֵייסְט דָאס אַז אִיךְ לִיג אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן, סוֹף שָׁנָה רִאשׁוֹנָה און אִיךְ לֶערְן אִין אַ כּוֹלֵל הֲלָכָה. אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט מַחֲשָׁבוֹת אויבּ אִיךְ טוּ רִיכְטִיג, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז דִי תַּאֲוָה צוּ גֶעלְט גֶעוֶוען פוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן און וֶוען אִיךְ לֶערְן אִין כּוֹלֵל שְׁפִּיר אִיךְ אַז אַלֶעס דְרֵייךְט זִיךְ נָאר אַרוּם גֶעלְט, דָאס קוּמֶען צֵייטְלִיךְ, דִי בְּחִינוֹת, לֶערְנֶען בִּרְצִיפוּת, און אַזוֹי וַוייטֶער. הֵייסְט דָאס אַז אִיךְ לִיג אִין תַּאֲווֹת מָמוֹן?

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וִויל אִיךְ לְמַעֲשֶׂה לֶערְנֶען תּוֹרָה וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן, נִישְׁט סְתָּם פַאר בִּיזְנֶעס חַס וְשָׁלוֹם. אויבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר אויסְקְלָארְן ווי אַזוֹי אִיךְ דַארְף בַּאטְרַאכְטְן דִי זַאךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**ווָאוּיל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן דוּ לֶערְנְסְט שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פז, ב): "אֹהֵב ה' שַׁעֲרֵי צִיּוֹן מִכֹּל מִשְׁכְּנוֹת יַעֲקֹב", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ וֶוען מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה מֶער ווִי אַלֶע אַנְדֶערֶע לִימוּדִים, ווַייל: "מִיּוֹם שֶׁחָרַב בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אֵין לוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּעוֹלָמוֹ, אֶלָּא אַרְבַּע אַמּוֹת שֶׁל הֲלָכָה בִּלְבַד", פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הוֹיז, וואוֹינְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְט וואוּ מֶען לֶערְנְט הֲלָכָה; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט); ווָאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען רוֹב צַייט פוּן טָאג הֲלָכָה לְמַעֲשֶׂה.

**אַז** מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל, מֶען נֶעמְט דִי בְּחִינוֹת אוּן מֶען לֶערְנְט שָׁעוֹת רְצוּפוֹת - דָאס מֵיינְט נִישְׁט תַּאֲווֹת מָמוֹן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען אִיז אַ בַּעַל אַחְרָיוּת. וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט חֲתוּנָה שְׁרַייבְּט עֶר אוּנְטֶער אִין דִי כְּתוּבָּה: "וַאֲנָא אֵזוּן וַאֲפַלַּח וְאוֹקִיר וַאֲפַרְנֵס יָתֵיכִי כְּהִלְכוֹת גּוּבְרִין יְהוּדָאִין", אִיךְ נֶעם זִיךְ אוּנְטֶער צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; וֶוען דוּ

הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאסְטוּ זִיךְ מִתְחַיֵּב גֶעוֶוען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה פַאר דַיין וַוייבּ, אַז דוּ קֶענְסְט דָאס בַּאַווייזְן וֶוען דוּ לֶערְנְסְט אִין כּוֹלֵל - וואוּיל פַאר דִיר.

**גֶעדֶענְק** וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקָר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דִי גַאנְצֶע עֲשִׁירוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט - אִיז פוּן זַיין וַוייבּ; אוֹיבּ מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, מֶען פִּירְט זִיךְ אוֹיף אִין שְׁטוּבּ אַזוֹי וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען רֶעדְט אֵיידְל אוּן שֵׁיין, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן עֲשִׁירוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# שנג

## אִיךְ בֶּעט שׁוֹין אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זֶע נָאכְנִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה, פַארְוָואס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן.

אִיךְ בִּין אַ פוּפְצְן יֶערִיגֶע מֵיידְל, מִיר וואוֹינֶען אִין אַ דִירָה מִיט נָאר אֵיין שְׁלָאף שְׁטוּבּ מִיט פִינְף נְפָשׁוֹת אוּן מִיר זֶענֶען זֵייעֶר צֶעדְרִיקְט. אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע זָאל טְרֶעפְן אַ גֶרֶעסֶערֶע

דִירָה פַאר אוּנְז, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין פָארְגֶענוּמֶען אַפָּאר זַאכְן, אָבֶער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה אָדֶער אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן אַ דִירָה.

אַ דַאנְק פוּן פָארְאוֹיס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**וֶוען** מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה טָאר מֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דִי תְּפִילוֹת גֵייעֶן חַס וְשָׁלוֹם לְאִיבּוּד; קַיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִישְׁט לְאִיבּוּד. אַסַאךְ מָאל נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי תְּפִילוֹת אוּן נוּצְט דָאס פַארְ'ן לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אָבֶער קַיין אֵיין תְּפִלָּה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן; מִיר דַארְפְן וַוייטֶער מִתְפַּלֵל זַיין אוּן הָאפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען וֶועט בְּקָרוֹב בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה.

**נָאךְ** אַבִּיסְל קוּמְט אִיר שׁוֹין אַרַיין אִין דִי יָארְן פוּן שִׁידוּכִים, דֶערִיבֶּער בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

**זֶעט** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים אִין לֶעבְּן; אִין תְּהִלִּים לִיגְט אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

# שנד

## נָאךְ אַזוֹיפִיל יָארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַארְוָואס זֶענֶען נִישְׁט דָא מֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים? אוּן אוֹיף וֶועלְכֶע זַאכְן דַארְף מֶען נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזּוּק הָאבְּן מִיר מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה בָּרוּךְ ה', אוּן צוּם עֶרְשְׁט מוּז אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דֶעם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב. מֶען זֶעט אִין בְּרֶסְלֶב אַז כִּמְעַט יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב, אַלֶעס אִיז נַייעֶ מֶענְטְשְׁן, וואו זֶענֶען דִי אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת? נָאךְ אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואלְט דָאךְ דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְשְׁטֵייגְן אַלֶע אַנְדֶערֶע חֲסִידוּת'ן אִין צָאל פוּן מֶענְטְשְׁן, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דָאס נִישְׁט אַזוֹי.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַז אוֹיף צְוֵויי זַאכְן דַארְף מֶען נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז וואו צוּ גֵיין לֶערְנֶען אוּן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, נָאר בַּיי דִי צְוֵויי זַאכְן דַארְף מֶען טוּן וָואס מֶען זֶעט פַאר רִיכְטִיג אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט פְרֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וואו עֶס אִיז דֶער מְקוֹר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף דֶעם.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, ט"ו סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה' אוּן מְחַזֵק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים הָאט דִיר אִינְגַאנְצְן גֶעטוּישְׁט דַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן - מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה; דֶער רֶבִּי הָאט דָאס בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. נִישְׁט סְתַם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; וַוייל דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט תַּכְלִית. אוּן דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּה (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו).

**אַזוֹי** אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכב): "וֶוער עֶס וֶועט נָאר הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט אֵיינֶע פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, וֶועט שׁוֹין אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. נִישְׁט נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים

שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיךְ נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען שְׁטַארְבְּט - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייְדט צוּם טִיר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס... דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט', אָבֶּער עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

דוּ פְּרֶעגְסְט: "וואוּ זֶענֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים?" וִויל אִיךְ דִיךְ פְּרֶעגְן: "וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת? וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד?!" אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּן אִינְדְרוֹיסְן, בְּרֶסְלֶב הָאט נִישְׁט אַ גֶעוִויסֶע לְבוּשׁ אַז מֶען זָאל קֶענֶען צֵיילְן וִויפִיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שַׁיְיכוּת

מִיט דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז אַז מִיר זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין יֶעדְן טָאג, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אוּנְז. הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ זַאךְ וָואס אִיז פְּרִיוָואט, עֶס אִיז צְוִוישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - "בַּד בְּבַד יִהְיֶה - קוֹדֶשׁ".

**נָאךְ** אַ זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי וִויל פוּן אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן זַיין פְרֵיילִיךְ. מִיר זָאלְן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט יֶעדֶע נְקוּדָּה טוֹבָה, מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען הָאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט וֶוען מֶען זֶעט אַז וִויפִיל מָאל מֶען פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל פַאלְט מֶען צוּרִיק - דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת; גֶעבְּן מוּט פַאר'ן מֶענְטְשׁ אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל; דֶער רֶבִּי אִיז אַ מַתָּנָה פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - פַאר אַלֶע אִידְן אוּן לְהַבְדִיל אֲפִילוּ פַאר אוּמוֹת הָעוֹלָם. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוּנְטֶערְוֶועגְנְס וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין נָאוְורִיטְשׁ (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנ): "יֵשׁ לְאֵל יָדִי לְהַחֲזִיר כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְמוּטָב", אִיךְ בִּין בְּכֹחַ צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְלֹא מִבָּעְיָא יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים, אֶלָּא כָּל הָאֻמּוֹת הָעוֹלָם כֻּלָּם אֲנִי יָכוֹל לְהַחֲזִירָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהָיִיתִי יָכוֹל לְהוֹלִיכָם סָמוּךְ לְדַת יִשְׂרָאֵל", נִישְׁט נָאר דִי אִידְן קֶען אִיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אֲפִילוּ דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם קֶען אִיךְ אוֹיךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מוּסֵר** נֶפֶשׁ גֶעוֶוען הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי צוּ רַאטֶעוֶוען אִידְן
פוּן עֲבֵירוֹת; אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט
אוּנְז גֶעהֵייסְן - אִיז צוּ גֵיין "הֲפָצָה". יֶעדֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד
דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין מְקַרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן
אוּן מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד נָאר אַז מֶען אִיז
עוֹסֵק אִין הֲפָצָה. דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטוּן
בְּמֶשֶׁךְ פוּפְצִיג יָאר אִין אֵיין צִי; גֶעדְרוּקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים
אוּן דָאס פַארְפְלֵייצְט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. נָאכְדֶעם הָאט
עֶר גֶעשְׁרִיבְּן קוּנְטְרֵסִים; עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס
וֶוערְטֶער אוּן דָאס אַרָאפּ גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אַ גְרִינְגֶע שְׁפְּרַאךְ
פַאר בְּנֵי הַנְּעוּרִים אַז זֵיי זָאלְן דָאס אוֹיךְ קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין,
עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף צֶענְדְלִיגֶער שְׁפְּרַאכְן
אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר דִי וֶועלְט, אוּן דָאס טוּעֶן וַוייטֶער
תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

**הוּנְדֶערְטֶער** מִילְיָאנֶען סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים - בְּלִי גוּזְמָא
- הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעדְרוּקְט אוּן פַארְשְׁפְּרֵייט
פַאר דִי וֶועלְט, מִיט אֵיין כַּוָונָה: אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן
פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען נָאךְ
תְּשׁוּבָה טוּן אוּן נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען אָנְהֵייבְּן
פוּנְדָאסְנֵיי; דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב: "מַאכְן נָאךְ אַ אִיד טְרַאכְטְן
פוּן תַּכְלִית; זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דָאס גוּטְס וָואס מֶען הָאט;
גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן; אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער
בַּעַל עֲבֵירָה הָאט נָאךְ אַ וֶועג צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"
- דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב!

מֶענְטְשְׁן זוּכְן נִישְׁט צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע אַז זֵיי לֶעבְּן פוּן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן חִיזוּק וַוייל אַסַאךְ מָאל וֶוערְט פוּן דֶעם אַ גְרוֹיסֶע מַחְלוֹקֶת, אָבֶּער אַלֶע נֶעמֶען דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין אִיד אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס שֶׁעפְּט נִישְׁט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן, אוֹיבּ נִישְׁט גְרָאדֶערְהֵייט אִיז עֶס בַּעֲקִיפִין; זַיין רַב, זַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, זַיין מַשְׁפִּיעַ וְכוּ' - נֶעמְט חַיּוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אֵיינֶער וָואס קֶען אַזוֹי מְחַזֵק זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תרג): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פֵייגְל וָואס הָאט גְעלֵייגְט זֵייעֶר אַסַאךְ אֵייעֶר, זֶעעֶנְדִיג אַז זִי הָאט נִישְׁט גֶענוּג פְּלַאץ אִין אִיר נֶעסְט פַאר אַלֶע אִירֶע אֵייעֶר, הָאט זִי גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט שְׁטִילֶערְהֵייט לֵייגְן אִירֶע אֵייעֶר אִין אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן אוּן דָארְט זָאל זִיךְ עֶס וַוארֶעמֶען. אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעלֵייגְט הוּנְדֶערְטֶער אֵייעֶר אִין אוּמְצָאלִיגֶע נֶעסְטְן; שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דִי פֵייגְלֶעךְ פוּן דִי אֵייעֶר הָאבְּן דִי פֵייגְל פוּן דִי אַנְדֶערֶע נֶעסְטְן גֶעמֵיינְט אַז דָאס זֶענֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, בִּיז דִי מַאמֶע פוּן דִי אַלֶע פֵייגְלֶעךְ אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעפִיפְּן מִיט אִיר מוֹיל, דַאן הָאבְּן אַלֶע פֵייגְלֶעךְ דֶערְקֶענְט זֵייעֶר מַאמֶעס קוֹל זֶענֶען זֵיי אַלֶע מִיטְגֶעפְלוֹיגְן מִיט אִיר.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ בַּיים רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי מֵיינְט אַז דָאס זֶענֶען זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, דֶער מַשְׁפִּיעַ מֵיינְט אַז דִי זֶענֶען זַיינֶע בָּחוּרִים, בִּיז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ פַּייף אוּן זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן

תג): "כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", און אַלֶע קוּמֶען צוּ לוֹיפְן קַיין אוּמַאן; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה ס, ד): "שְׂאִי סָבִיב עֵינַיִךְ וּרְאִי כֻּלָּם נִקְבְּצוּ בָאוּ לָךְ בָּנַיִךְ מֵרָחוֹק יָבֹאוּ וּבְנֹתַיִךְ עַל צַד תֵּאָמַנָה", אַלֶע קוּמֶען צוּ פָארְן תֵּאָמַנָ"ה - קַיין אוּמַאן, דָארְט קֶען מֶען שׁוֹין אַבִּיסְל זֶען וָואס טוּט זִיךְ דָא, וְויפִיל מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**בְּנוֹגֵעַ** אוֹיבּ מֶען וִויל גֵיין לֶערְנֶען אִין אַ יְשִׁיבָה און דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַסְכִּים וְכוּ'; עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סָעִיף כה): "תַּלְמִיד שֶׁרוֹצֶה לָלֶכֶת לְמָקוֹם אַחֵר, שֶׁהוּא בּוֹטֵחַ שֶׁיִּרְאֶה סִימָן בְּרָכָה בְּתַלְמוּדוֹ לִפְנֵי הָרַב שֶׁשָּׁם, וְאָבִיו מוֹחֶה בּוֹ, לְפִי שֶׁדּוֹאֵג שֶׁבְּאוֹתָהּ הָעִיר הַגּוֹיִם מַעֲלִילִים - אֵינוֹ צָרִיךְ לִשְׁמוֹעַ לְאָבִיו בָּזֶה", אוֹיבּ מֶען וִויל גֵיין לֶערְנֶען בַּיי אַ גֶעווִיסֶע רֶבִּי תוֹרָה וואוּסְנְדִיג אַז מֶען גֵייט מַצְלִיחַ זַיין אִין דִי יְשִׁיבָה מֶער וְוִי בַּיי אַ צְוֵוייטֶער רֶבִּי, און דֶער טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט גֵיין וַוייל עֶר הָאט מוֹרָא אַז דֶער זוּן וֶועט צוּקוּמֶען צוּ אַ סַכָּנָה - מֶעג מֶען אַהִין גֵיין לֶערְנֶען, און דֶער רְמָ"א לֵייגְט צוּ נָאךְ אַן הֲלָכָה: "וְכֵן אִם הָאָב מוֹחֶה בְּבֵן לִשָּׂא אֵיזוֹ אִשָּׁה שֶׁיַּחְפֹּץ בָּהּ הַבֵּן - אֵין צָרִיךְ לִשְׁמוֹעַ אֶל הָאָב", אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ דֶער טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט זַיין זוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף עֶר נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אִים. דֶער מְקוֹר פוּן דִי הֲלָכָה אִיז אִין תְּשׁוּבַת מֲהַרִי"ק (שׁוֹרֶשׁ קסו): "דְּאֵין כֹּחַ בְּיַד הָאָב לִמְחוֹת בְּיָד בְּנוֹ לִשָּׂא אִשָּׁה אֲשֶׁר יַחְפֹּץ בָּהּ הַבֵּן, דְּאֵין חַיָּיב לְכַבְּדוֹ אֶלָּא בִּדְבָרִים שֶׁשַּׁיָּיכִים לְאָב, כְּגוֹן מַאֲכִילוֹ וּמַשְׁקוֹ, אֲבָל מִלְּתָא דְּלֹא שַׁיָּיךְ בְּאָב - פְּשִׁיטָא דְּאֵין כֹּחַ בְּיַד הָאָב לִמְחוֹת בִּבְנוֹ, עַד כַּאן לְשׁוֹנוֹ".

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן און נֶעמֶען אַ חֵלֶק אִין צוּרִיק קֶערְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# שנה

### וָואס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר רִיכְטִיגֶער וֶועג ווִי אַזוֹי אִינְגֶעלַייט דַארְפְן זִיךְ פִירְן אִינְדֶערְהֵיים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת און חִיזּוּק וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, עֶס הֶעלְפְט און שְׁטַארְקְט, און לֶערְנְט אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן מַצָּב.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ" וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עִנְיָנִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ וְכוּ'[כא]. יֶעדֶער מַדְרִיךְ, יֶעדֶער רָב און יֶעדֶער דַיָּין הָאט אַן אַנְדֶערֶע מְהַלֵּךְ אִין דִי עִנְיָנִים, אֵיינֶער אִיז מֶער מַחְמִיר און אַ צְווֵייטֶער אִיז מֶער מֵקִיל, און פְרִישֶׁע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן נִישְׁט קַיין קְלָארְקֵייט צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זֵיי דַארְפְן זִיךְ פִירְן. אֵיינֶער זָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען אִיז מֶער מֵקִיל וֶועט עֶס מַאכְן בֶּעסֶער דֶעם שָׁלוֹם בַּיִת, אַ צְווֵייטֶער זָאגְט אַז דָאס אִיז בְּלוֹיז דִמְיוֹנוֹת, עֶס אִיז נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע אַרַיינְצוּכַאפְּן דֶעם מֶענְטְשׁ; לְמַעֲשֶׂה אוֹיף דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע שוּרָה אִיז נִישְׁט קְלָאר וָואס מֶען דַארְף צוּ טוּן, אֶפְשַׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְקְלָארְן דֶעם עִנְיָן?

כא. זֶע אִין דֶעם חֵלֶק, מִכְתָּב שמה.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט אַלְץ אַז וֶוען אַ אִיד לֶערְנְט אַסַאךְ גְמָרָא אוּן מִשְׁנָיוֹת, מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אִיז דָאס אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית, דָאס פַארְרֶעכְט אַלֶע פְּגָמִים פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. לְמַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר אַז אַסַאךְ גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן יָא עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְט מִיטְ'ן לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ח סִיוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ שְׁרַייבְּן פוּן דִי עִנְיָנִים וְכוּ', אָבֶּער הֱיוֹת אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט זֶענֶען צֶעמִישְׁט אִין דֶעם עִנְיָן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ שְׁרַייבְּן וִויפִיל עֶס אִיז שַׁיָּיךְ.

**דוּ** שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רל"א): "אֲפִילוּ בְּעוֹנָה הָאֲמוּרָה בַּתּוֹרָה, אִם עָשָׂה לְהַשְׁלִים תַּאֲוָתוֹ אוֹ לַהֲנָאַת גּוּפוֹ - הֲרֵי זֶה מְגֻנֶּה", וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען לֶעבְּט צוּזַאמֶען וְכוּ' זָאל מֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן פַאר דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאָה; דָא וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁפִּילְט אַרוּם מִיט דִיר, לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן זֶען וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין אָנְהֵייבּ פוּן אָט

דֶעם זֶעלְבְּן סִימָן: "וְכֵן בְּכָל מַה שֶׁיֵּהָנֶה בָּעוֹלָם הַזֶּה, לֹא יְכַוֵּן לַהֲנָאָתוֹ אֶלָּא לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ", אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט אוֹיף דִי וֶועלְט זָאל עֶר טוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, ו): "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דַרְשְׁ'נֶען אוֹיף דֶעם: "כָּל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמַיִם", אַלֶע דַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן זַיין נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כְּגוֹן הָאֲכִילָה, וְהַשְּׁתִיָּה, וְהַהֲלִיכָה, וְהַיְּשִׁיבָה, וְהַקִּימָה, וְהַתַּשְׁמִישׁ, וְהַשִּׂיחָה, וְכָל צָרְכֵי גוּפְךָ", צוּם בֵּיישְׁפִּיל, וֶוען מֶען עֶסְט, מֶען טְרִינְקְט, מֶען גֵייט, מֶען זִיצְט, מֶען שְׁטֵייט, מֶען אִיז מִיט דִי ווַייבּ אוּן אַזוֹי אַלֶע צָרְכֵי הַגּוּף, "יִהְיוּ כֻּלָּם לַעֲבוֹדַת בּוֹרְאֲךָ", אַלֶעס זָאל מֶען טוּן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, "אוֹ לְדָבָר הַגּוֹרֵם עֲבוֹדָתוֹ", אָדֶער מִיט דִי כַּוָּונָה אַז מֶען זָאל צוּקוּמֶען דוּרְךְ דֶער זַאךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "שֶׁאֲפִלּוּ הָיָה צָמֵא וְרָעֵב, אִם אָכַל וְשָׁתָה לַהֲנָאָתוֹ - אֵינוֹ מְשֻׁבָּח, אֶלָּא יִתְכַּוֵּן שֶׁיֹּאכַל וְיִשְׁתֶּה כְּפִי חִיּוּתוֹ לַעֲבֹד אֶת בּוֹרְאוֹ", אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ אֵיינֶער אִיז הוּנְגֶערִיג אוּן דָארְשְׁטֶערִיג, אוֹיבּ וֶועט עֶר עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען צוּ וֶוערְן זַאט - אִיז נִישְׁט גוּט, נָאר מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן אַז מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן.

זְוִיל אִיךְ דִיר פְּרֶעגְן: וֶוען דוּ עֶסְט אוּן דוּ טְרִינְקְסְט הָאסְטוּ

אוֹיךְ קָאפּ דְרֵייעֶנִישׁ אַז דוּ עֶסְט פַאר דַיין הֲנָאָה, אָדֶער דֶעמָאלְט גֵייט דִיר דָאס נִישְׁט אָן אוּן דוּ טְרַאכְסְט נִיטְאַמָאל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן... בַּיי אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּרֶענְגְט דָארְט ווַייטֶער אַרָאפּ, לְמָשָׁל וֶוען עֶס קוּמְט

צוּ גֵיין שְׁלָאפְן, וָואס דֶער מְחַבֵּר זָאגְט: "וְכֵן בִּשְׁכִיבָה, בִּזְמַן שֶׁהוּא יָגֵעַ וְצָרִיךְ לִישַׁן כְּדֵי לָנוּחַ מִיְּגִיעָתוֹ - אִם עָשָׂה לַהֲנָאַת גּוּפוֹ אֵינוֹ מְשֻׁבָּח, אֶלָּא יִתְכַּוֵּן לָתֵת שֵׁנָה לְעֵינָיו וּלְגוּפוֹ מְנוּחָה לְצֹרֶךְ הַבְּרִיאוּת, שֶׁלֹּא תִּטָּרֵף דַּעְתּוֹ בַּתּוֹרָה מֵחֲמַת מְנִיעַת הַשֵּׁנָה", וֶוען מֶען אִיז זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, אוֹיבּ לֵייגְט מֶען זִיךְ שְׁלָאפְן זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן אִיז נִישְׁט גוּט, נָאר מֶען דַארְף גֵיין שְׁלָאפְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן; אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט נִישְׁט מִיט וֵוייטָאג וִוי וַוייט דוּ בִּיסְט פַארְקְרָאכְן אַז דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דַיין הֲנָאָה, וֶוער וֵוייסְט צִי דוּ טְרַאכְסְט בִּכְלַל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים גֵיין שְׁלָאפְן, צִי דוּ לֵיינְסְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן צִי דוּ גְרֵייטְסְט אֲפִילוּ אָן נֶעגְל וַואסֶער; דַּיְיקָא וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הָאט חֲתוּנָה אוּן מֶען וִויל הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, דֶעמָאלְט 'וַיָּבֹא הַשָּׂטָן'; דֶער שָׂטָן אִיז דָא אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים צִי מֶען מֶעג יָא אָדֶער מֶען טָאר נִישְׁט, צִי מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָדֶער מֶען טוּט דָאס פַאר דִי אֵייגֶענֶע הֲנָאָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן בְּפֵירוּשׁ (נְדָרִים כ:): "אֵין הֲלָכָה כְּיוֹחָנָן בֶּן דַּהֲבָאִי", מֶען פַּסְקְ'נְט נִישְׁט וִוי יוֹחָנָן בֶּן דַּהֲבָאִי, בַּיי דֶעם צִיטֶערְט מֶען פוּן עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים, אָבֶּער אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז אַפָאר שׁוּרוֹת פַאר דֶעם זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם, עַמּוּד א): "כָּל הַצּוֹפֶה בְּנָשִׁים - סוֹפוֹ בָּא לִידֵי עֲבֵירָה", וֶוער עֶס הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן וֶועט צוּקוּמֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, "וְכָל הַמִּסְתַּכֵּל בַּעֲקֵבָהּ שֶׁל אִשָּׁה, הַוְיָין לוֹ בָּנִים שֶׁאֵינָם

מְהוּגָנִים", און וֶוער עֶס קוּקְט אֲפִילוּ נָאר אוֹיף דִי פּוּס פוּן אַ פְּרוּי וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נִישְׁט זַיין עֶרְלִיךְ - דָארְט קְלַאפְּט דִיר בִּכְלַל נִישְׁט דַיין הַארְץ, דָארְט שְׁרֵייסְטוּ נִישְׁט: 'וָואס וֶועט זַיין מִיט מַיינֶע קִינְדֶער?!'

**אֵיינֶע** פוּן דִי וויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן אִיז צוּ זַיין אַ "מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ" - זִיךְ אַלֵיינְס קֶענֶען; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נָאךְ אִין עֲבֵירוֹת, עֶר אִיז נָאךְ וַוייט פוּן הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דַארְף עֶר זֶען צוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז עֶר זָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת.

**דָאס** וָואס דַיין קָאפּ דְרֵיידְט זִיךְ צִי דוּ בִּיסְט אַ בַּעַל תַּאֲוָה צִי נִישְׁט - וֶוען עֶס קוּמְט צוּ לֶעבְּן מִיט דִי וַוייבּ אָן פְּרִישׁוּת וְכוּ', דָאס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט קְדוּשָׁה, דָאס אִיז פָּשׁוּט דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס קוּמְט צוּ אַלֶע אִינְגֶעלַייט נָאךְ דִי חֲתוּנָה, וֶוען עֶר זֶעט וִוי עֶר גֵייט זֵיי פַארְלִירְן, וַוייל זֵיי גֵייעֶן יֶעצְט וֶוערְן צַדִּיקִים, קְדוֹשִׁים, זֵיי גֵייעֶן מֶער נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן; וָואס טוּט דֶער רָשָׁע מְרֻשָּׁע - דֶער יֵצֶר הָרָע? עֶר טוּט זִיךְ אָן אַ גְרוֹיסֶע הִיט מִיט אַ לַאנְגֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, עֶר לֵייגְט דִי הֶענְט אוֹיף זַיין הַארְץ און הֵייבְּט אָן רֶעדְן צוּ אִינְגֶעלַייט פוּן פְּרִישׁוּת וְכוּ'; עֶר שְׁרֶעקְט זֵיי אָן מִיט עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים; עֶר שְׁרֶעקְט זֵיי אָן מִיט נִישְׁט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בִּיז דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען זִיךְ פּוֹרֵשׁ, אֵיינֶער לְמֶחֱצָה, דֶער צְוֵוייטֶער לִשְׁלִישׁ, און דֶער דְרִיטֶער לִרְבִיעַ; אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין זַיין פַּאסְטְקֶע

און איז זיי מַכְשִׁיל מיט הארבע עֲבֵירוֹת, וָואס די עֲבֵירוֹת בְּרֶענְגֶען בֶּאֱמֶת עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים, מֶען פַארְלִירְט די וֶועלְט און יֶענֶע וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע וָואס איז אָנְגֶעטוּן מיט אַ גְרוֹיסֶע היט און אַ בֶּעקִיטְשֶׁע - דֶער איז זֵייעֶר מְסוּכָּן; גְלַייךְ אין די עֶרְשְׁטֶע תּוֹרָה מיט וָואס דער רֶבִּי הֵייבְּט אָן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "הַאי גַּלָּא דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא", דֶער יֵצֶר הָרַע איז ווי אַ וואל וָואס וויל דֶערְטְרֶענְקֶען דֶעם איד, "מִתְחַזֵּי כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא", עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זיךְ ווי אַ ווייסֶע בְּרֶענֶעדִיגֶער מַלְאָךְ; עֶר קוּמְט נִישְׁט צוּם מֶענְטְשׁ אים אַיינְרֶעדְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, נָאר עֶר פַארְשְׁטֶעלְט זיךְ ווי אַן עֶרְלִיכֶער איד און פַארְבְּט די עֲבֵירוֹת ווי אַ מִצְוָה. אַנְשְׁטָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל יֶעצְט לֶעבְן מיט זַיין ווייב אָן קַיין שׁוּם פְּרִישׁוּת וְכוּ', אַזוֹי וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, עֶר וֶועט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, קוּמְט עֶר און מַאכְט אים מְשׁוּגָע מיט חוּמְרוֹת וְכוּ' אַזוֹי דְרֵייְדְט זיךְ דֶער אִינְגֶערְמַאן אַרוּם נֶעבֶּעךְ אָן אַ קָאפּ, נָאךְ עֶרְגֶער ווי אַלְס בָּחוּר; דָאס אַלֶעס איז די אַרְבֶּעט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט מיר גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם סֵפֶר ... וָואס איז מַדְרִיךְ אַבְרֵכִים בְּעִנְיָנֵי קְדוּשָׁה, אַז דֶער בַּעַל מְחַבֵּר איז אַן עֶרְלִיכֶער איד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אָבֶּער זַיין סֵפֶר טָאר מֶען נִישְׁט הַאלְטְן אין שְׁטוּבּ; דֶער סֵפֶר הָאט שׁוֹין גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אַרָאפְּפַאלְן אין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת. דֶער מְחַבֵּר הָאט צַאמְגֶענוּמֶען הַנְהָגוֹת און פְּרִישׁוּת

פוּן צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים, הַנְהָגוֹת פוּן צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען מֻבְדָל וּמֻפְרָשׁ פוּן דִי וֶועלְט, אוּן דָאס גֶעבְּט עֶר אִיבֶּער פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן זַיין אֲפִילוּ פָּשׁוּט'עֶ אִידְן...

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים כ:): "אֵין הֲלָכָה כְּיוֹחָנָן בֶּן דַהֲבָאִי, אֶלָּא כָּל מַה שֶׁאָדָם וְכוּ' - עוֹשֶׂה", מֶען פַּסְקְ'נְט נִישְׁט וִוי יוֹחָנָן בֶּן דַהֲבָאִי; פְרֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים: "עֶר הָאט דָאךְ גֶעהֶערְט פוּן דִי מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת אַז אַלֶע עוֹנְשִׁים קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט אָפְּגֶעשֵׁיידְט וְכוּ'?!" עֶנְטְפֶערְן חֲזַ"ל אַז עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן מַלְאָכִים מַמָשׁ, נָאר "מָאן 'מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת' רַבָּנָן", עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן דִי חֲכָמִים וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מַלְאָכִים, "וְאַמַאי קָרוּ לְהוּ 'מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת' - דִמְצַיְינִי כְּמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", פַארְוָואס רוּפְט מֶען אָן דִי חֲכָמִים 'מַלְאָכִים'? וַוייל זֵיי זֶענֶען אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן דִי וֶועלְט וִוי מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת; בַּיי אַ מַלְאָךְ אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ דִי אַלֶע זַאכְן, אַ מַלְאָךְ הָאט נִישְׁט קַיין וַוייבּ, אַ מַלְאָךְ הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, דֶערְפַאר קֶען אַ מַלְאָךְ זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן "מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט וְכוּ'"; דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּנֶעם סֵפֶר ... אִיז אַזוֹי וִוי דִי מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת, אָבֶּער מִיר פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן טָארְן נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין אַ סֵפֶר וָואס לֶערְנְט אוֹיס פְּרִישׁוּת, וַוייל דָאס מַאכְט מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת חֲמוּרוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

עַל פִּי תּוֹרָה דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְן הֵיילִיג אוּן רֵיין נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן אַז מֶען הֶערְט פוּן אִיבֶּער וועלט

ווי זֵיי ווייֶנען נָאךְ זֵייעֶר חֲתוּנָה אַז זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת; נָאר שׁוּלְדִיג אִין דֶעם זֶענֶען דִי וָואס לֶערְנֶען מִיט חֲתָנִים אוּן זֵיי גֶעבְּן אִיבֶּער פַאר חֲתָנִים אַ פַאלְשֶׁע תּוֹרָה. בִּשְׁעַת וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז קוֹים קוֹים אַ פְּשׁוּט'עֶר אִיד, לֵייגְט מֶען שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף אִים הַנְהָגוֹת אוּן פְּרִישׁוּת פוּן מַלְאָכִים. אֵיין חִילוּק אִיז דָא צְווִישְׁן דֶער בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר ... אוּן דִי חֲתָנִים מְלַמְּדִים, אַז דֶער בַּעַל מְחַבֵּר הָאט דָאס גֶעמֵיינְט עֶרְנְסְט, עֶר אִיז טַאקֶע אַ מַלְאָךְ וְכוּ', אָבֶּער דִי חֲתָנִים מְלַמְּדִים זֶענֶען פְּשׁוּט'עֶ מְנֻוָלִים; פַאר זִיךְ לֶעבְּן זֵיי אָן קַיין פְּרִישׁוּת וְכוּ', אוּן נָאר אוֹיף טֵייעֶרְע אַבְרֵכִים, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע חֲתָנִים וָואס ווילְן אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן ווִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוֹיף זֵיי לֵייגְן זֵיי אַרוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרָע'ס חוּמְרוֹת.

**אַזוֹי** אִיז אוֹיךְ בַּיי כַּלּוֹת; מֶען דֶערְשְׁרֶעקְט זֵיי, מֶען לֵייגְט זֵיי אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן זַיין צוּזַאמֶען מִיטְ'ן מַאן וְכוּ' כְּאִילוּ דָאס אִיז אַ גוֹי'שֶׁע זַאךְ, אוּן ווִי מֶער אָפְּגֶעשֵׁיידְט מֶען אִיז אַלְץ מֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ נַחַת רוּחַ - וֶוען דָאס אַלֶעס אִיז קֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן קֶעגְן דִי וֶועגְן פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד לֶעבְּט אָן פְּרִישׁוּת, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַ ווַייבּ, אַזוֹי אִיז עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, וָואס עֶר

דאַרְף בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר שְׁפִּירְט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים און נֶעבְּן אִים, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְקַיֵּים (מִשְׁלֵי ג, ו): "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ"; אַזַא מֶענְטְשׁ טוּט אַלֶעס מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווֶען עֶר עֶסְט דאַנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גוּטֶע עֶסְן ווָאס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן, ווֶען עֶר גֵייט אִין בֶּעט לֵיינְט עֶר קְרִיאַת שְׁמַע; עֶר דאַנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין טָאג, עֶר דאַנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אַ בֶּעט וואוּ צוּ שְׁלָאפְן וְכוּ' און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן מָארְגְנְדִיגְן טָאג, עֶר דאַנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין ווַייבּ, אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער און אוֹיף זַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן, דֶעמָאלְט פַאלְן אַוֶועק אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**אַנְשְׁטָאט** אַרְבֶּעטְן אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי טוּנְקְלְקֵייט, קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן אָנְצוּצִינְדְן מֶער און מֶער לִיכְט,

דוּרְכְדֶעם ווֶעט דִי טוּנְקְלְקֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין; דָאס אִיז דִי ווֶעג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין תַּאֲווֹת, דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁטָא קַיין חוֹשֶׁךְ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְחֶזְקֵאל מג, ב): "וְהִנֵּה כְּבוֹד אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל בָּא מִדֶּרֶךְ הַקָּדִים, וְקוֹלוֹ כְּקוֹל מַיִם רַבִּים", יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא דֶערְצֵיילְט ווִי עֶר הָאט גֶעזֶען כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמֶען אִין דִי עֲזָרָה, עֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ רַעַשׁ ווִי ווַאסֶער שְׁטוּרֶעמְט, "וְהָאָרֶץ הֵאִירָה מִכְּבֹדוֹ", און פְּלוּצְלוּנְג אִיז לִיכְטִיג גֶעווָארְן דִי גַאנְצֶע ווֶעלְט; ווֶען מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן ווֶערְט לִיכְטִיג, אֱמוּנָה מַאכְט לִיכְטִיג.

דָאס טוּט דֶער רֶבִּי מִיט אוּנְז, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז

**פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה, אַז מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**אוֹיף** דִי צְוֵוייטֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט, אַז אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג אַז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, פְּרֶעגְסְטוּ, וְוִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית, מִיר גֶעפוּנֶען דָאךְ אַז אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען מִיט סִיגוּפִים אוּן תַּעֲנִיתִים, זֶעט מֶען דָאךְ אַז לֶערְנֶען אַלֵיינְס אִיז נִישְׁט גֶענוּג וְכוּ'; קוֹדֶם כָּל זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, נָאר דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְּרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען

אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן?״ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: ״דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וַוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וֶועט עֶר אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״.

נִישְׁט אִיךְ זָאג דָאס, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאס (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): ״כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה - מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה רֶעכֶנְט אִים דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט; דָאס וָואס דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען מִיט סִיגוּפִים - דָאס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, דֶעמָאלְט אִיז דָאס גֶעוֶוען דֶער וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער הַיינְט וֶוען מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט דִי אַלְטֶע וֶועג, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַאסְטְן קַיין שׁוּם אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים, נָאר דִי ד' תַּעֲנִיתִים אוּן תִּשְׁעָה בְּאָב אוּן יוֹם כִּיפּוּר; חוּץ פוּן דִי תַּעֲנִיתִים הָאט דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעלָאזְט פַאסְטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן פַאר אַ תִּיקוּן שְׁוֶוערֶערֶע סִיגוּפִים וִוי פַאסְטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן ו):

"עִיקָר הַתְּשׁוּבָה יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדּוֹם וְיִשְׁתּוֹק", דֶער עִיקָר וֶועג ווי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אַז "וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן"; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן עז): "כְּשֶׁתִּשְׁמַע חֶרְפָּתְךָ וְתִשְׁתֹּק, תִּזְכֶּה שֶׁיַּעֲנֶה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּקָשָׁתְךָ", וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר אוּן דוּ עֶנְטְפֶערְסְט נִישְׁט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּהֶערְן דַיינֶע בַּקָּשׁוֹת; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן פו): "מִי שֶׁשּׁוֹמֵעַ חֶרְפָּתוֹ וְשׁוֹתֵק, עַל יְדֵי זֶה נִתְבַּטֵּל מִמֶּנּוּ רַבּוֹת רָעוֹת שֶׁהָיוּ רְאוּיִין לָבוֹא עָלָיו", וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, אִיז זוֹכֶה צוּ מְבַטֵּל זַיין אַסַאךְ צָרוֹת וָואס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט קוּמֶען אוֹיף אִים; אַז דוּ וֶועסְט אַרַיין טְרַאכְטְן אִין דִי אַלֶע דֶערְמַאנְטֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דָאס אִיז אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער ווי פַאסְטְן אוּן גִלְגּוּל שֶׁלֶג.

**דֶערִיבֶּער** זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט; גֵיי אַוֶועק פוּן דַיינֶע נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת וָואס זָאגְן דִיר זָאלְסְט זִיךְ מְדַמֶּה זַיין צוּ דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים מִיט פְּרִישׁוּת אוּן עֲבוֹדוֹת וְסִיגּוּפִים. פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה; נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה חוּמָשׁ, תַּרְגּוּם מִיט רַשִׁ"י, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; נֶעם אַ מִשְׁנָיוֹת אוּן לֶערְן אַפָּאר פְּרָקִים יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה פוּן אַלֶע עֲווֹנוֹת אוּן חֲטָאִים; נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, הֵייבּ אָן שַׁ"ס אוּן גֵיי כְּסִדְרָן. אוֹיבּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה,

דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיינֶע חֲטָאִים. אוּן עֶנְטְפֶער נִישְׁט וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט דִיר, אַזוֹי וֶועסְטוּ פַארְעֶרְכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

**אִיךְ** הָאבּ נָאךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן אִין דֶעם עִנְיָן וויפִיל מֶען דַארְף שְׁרַייבְּן, וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקַבֵּל צוּ זַיין פוּן מוֹהֲרָא"ש בִּדְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ, אִיךְ קֶען וֶוען שְׁרַייבְּן נָאךְ טוֹיזְנְט בְּלֶעטֶער, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס שְׁרַייבְּן מִפְּנֵי הַצְנִיעוּת; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ט, ט): "תֵּן לְחָכָם וְיֶחְכַּם עוֹד, הוֹדַע לְצַדִּיק וְיוֹסֶף לֶקַח", לֶערְן דֶעם קְלוּגְן אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעבֶּעטְן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן אָפְּנַארְן, נָאר מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת אִידִישְׁקֵייט, מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט אוּנְז ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אוּן עֶר נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע דִמְיוֹנוֹת אוּן חֲלוֹמוֹת וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֶענֶען גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, דַאן וֶועלְן מִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְּלַן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעְלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

*) אחר 'אתה סתר לי' – צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהֹוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהֹוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהֹוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהוָֹה: בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהוָֹה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהוָֹה תִּשְׂחַק־לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

באמרך ׳אל אלהים׳ תכוון המילוי כזה: אל״ף למ״ד אל״ף למ״ד ה״י יו״ד מ״ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה׃ יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה׃ מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ׃ לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה׃ שׁוּבָה יְהֹוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ׃ שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ׃ שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה׃ יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם׃ וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ׃

# קה.

הוֹדוּ לַיהֹוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו׃ הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהֹוָה׃ דִּרְשׁוּ יְהֹוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד׃ זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו׃ זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ הוּא יְהֹוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו׃ זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר׃ אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃ וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם׃ בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ׃ וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר׃ לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים׃ אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ׃ וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר׃ שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף׃ עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ׃ עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהֹוָה צְרָפָתְהוּ׃ שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ׃ לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם׃ וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו׃ הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו׃ שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ׃ שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃ שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ׃ הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם׃ שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃ אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם׃ נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם׃ אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר׃ וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃ וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃ וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל׃ שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה׃ שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר׃ כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃ וַיּוֹצִיא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו׃ וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ׃

# קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן׃ עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ׃ כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן׃ אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר׃ אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֶת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְּשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעוּזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ: